STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02078

DER LITVISHER KENIG FUN DI SHNORER

Moses Seiffert

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ליטווישער קעניג

פון

דיא שנארער

א הומאריסטישע שילדערונג פון אמעריקאנישען לעבען

פון

מ. זייפפערט.

פרייז 25 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני,

83־85־87 קאנאל סטריט, ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street, New York.

ערשטעס קאפיטעל.

אז שבתי־טרייטיל דער....

דער וואס?

זאלען מיר זאגען: שבתי־טרייטיל דער קברות־מאן, וועט דאס געוויס זיין א גרויסע עוולה פון אונז, ווייל שבתי־טרייטיל איז ניט נאר דער קברות־מאן פון שטעד־טיל געוועזען, ער איז אויך געוועזען א סופר פון ספרי־תורות, תפילין אונד מזוזות; זאלען מיר זאגען: שבתי־טרייטיל דער סופר, וועט דאס ווידער א גרויסע עולה זיין (אונד א אידישער שרייבער, אפילו איין אמעריקאנער אידישער שרייבער, דארף זיך היטען פון עולות!!), ווייל שבתי־טרייטעל איז אויך געוועזען דער אפפיציעלער עין־הרע־אפשפרעכער פון זיין קליינע קהילה, אונד זאלען מיר זאגען: שבתי־טרייטעל דער עין־הרע־אפשפרעכער, וועט דאס ווידער ניט גאנץ קארעקט זיין, דען לבד מתים מקבר זיין, תפילין אונד מזוזות שרייבען אונד עין־הרע׳ס אפשפרעכען, פלעגט אונזער שבתי־טרייטעל זעהר אפט פערדיענען א פעטען גראשען פון שדכנות אונד פון בדחנות.

אלזא איז דער בעסטער מיטעל, אז מיר זאלען גאנץ איינפאך זאגען: שבתי־טרייטעל אונד זיינע טיטלען בעסער אויסלאזען.

אונד אזוי הויבען מיר טאקי אן:

אז שבתי טרייטעל האט זיך ענטשלאסען צו פאהרען נאך אמעריקא, האט זיך דיא גאנצע וועלט גע׳חדוש׳ט אונד יעדער איינער האט געוואוסט, אז אויף דעם דאזיגען ענטשלוס, האבען געוויס גאנץ גרויסע סבות געמוזט איינווירקען.

ווארום אין אמת, צוא וואס האט אזא איד, וויא שבתי־טרייטעל, געדארפט אונטערנעהמען אזא ווייטע נסיעה, אין א לאנד, וואס ליגט מעבר לים אונד וויא דיא חוקרים זאגען: „פונקט אונטער אונזערע פיס״? וויא פאלט דאס איין אזא אידען, וויא שבתי־טרייטעל, אוועקצואווארפען זיין הויזגעזינד, זיין קלייזעל, זיין בית־עולם, זיינע ווייבער, ביי וועמען דיא קינדער ליידען אזוי אפט פון בייזע עין־הרע׳ס, אונד זיינע צוויי ציגען, וואס גיבען צוזאמען א קימא־לן איבער צוויי כעפ מילך אין מעת־לעת אונד געהן נע ונד זיין אין א מדינה, וואו תורה אונד יראת־שמים וואל-

נערן זיך, רחמנא לצלן, אין נאס אונד קיינער הויבט עס ניט אויף? האט איהם דען געפעהלט ברויט? פרנסה? חלילהו שבתי־טרייטעל איז ניט געווען קיין מחוסר לחם, פונקט וויא ער איז ניט געווען קיין מחוסר־בנים ובנות. זיין האלבער דוצענד פראָפעססיאָנען האבען איהם אזוי פיעל איינגעטראגען, דאס ער מיט זיין הויזגעזינד האבען דיא גאנצע וואך געהאט ברויט, הערינג מיט קארטאָפעל צו זאט אונד א שטיקעל לונג־אונד־לעבער לכבוד שבת.

וואָס נאך קען א איד פערלאנגען?

איז דיא וועלט אויך א וועלט? דיא וועלט שטופט מען איבער אבי וויא, אבער אז דער אויבערשטער העלפט אונד מען קומט שוין דארטען, אויף דעם „עולם־האמת", טאטע מיינער, אָט דאָ הויבט זיך ערסט אָן א לעבען!! אי א חלק לויתן, אי א פעטע שטיקעל פון שור־הבר, נוא, אונד דער יין־המשומר איז עפּעס א הונד? איז גאר כדאי צו מאכען א וועזען פון אזא נארישע וועלט, וואס איז נישט מעהר וויא א „פּאָרהויז" צו דעם גרויסען פּאלאסט, וואס איז מוכן ומזומן פאר אלע צדיקים?

דאס אלעס האט אונזער שבתי־טרייטעל צעהן מאָל א טאג געטראכט אונד ניט קוקענדיג אויף דעם, האט ער זיך דאך פעסט ענטשלאסען צוא פאהרען נאך אמעריקא.

דיא גאנצע וועלט האט זיך גע'חדוש'ט. קיינער האט ניט געוואוסט דיא וואהרע אורזאכע דערפון אונד שבתי־טרייטעל האט זיך פאר'עקשנ'ט אונד האט קיינעם קיין דין וחשבון ניט געוואָלט אָפּגעבען.

— „איך בין א בעל־הבית אויף זיך אליין!" — פלעגט ער זיך צושרייען, ווען דיא בעלי־בתים פון שטעדטעל פלעגען צו איהם צושטעהן מיט שאלות — „איך טהו, וואס מיר געפעלט! איך פרעג קיין עצות ניט אונד בעט ביי קיינעם ניט אויף דער הוצאה!"

— אבער ר' שבתי־טרייטעל, וויא האט איהר דאס ניט גאט אין הארצען? וואו וועלען מיר אזוי גיך קריגען א קברות־מאן, א סופר, א שדכן, א בדחן? וויא האט איהר דאס ניט קיין רחמנות אויף אונזערע עופה'לעך? איהר קוילעט אונז אהן א מעסער, ר' שבתי־טרייטעל! איהר לאזט אונז אין רעכטען מיטען בלאָטע.

— „טהוט אייך וואס איהר ווילט רבותי!.... זוכט אייך איין אנדערען אויף מיין פלאטץ!.... איך מוז פאהרען!"

— קענט איהר אונז ניט זאגען: פאר וואס?

— דאס איז מיין סוד אונד קיינער דארף דאס ניט וויסען!

אָבער מיר ווייסען שבתי־טרייטעלים סוד. וועלכע סודות ווייס דען ניט א אידישער שרייבער? זאָגען דען דיא הונדערטע שונד־ראָמאַנען, וועלכע מיר האבען אויפגעשריעבען, ניט געגוג עדות, אז דיא נגלות און דיא נסתרות געהערען נאָר צו אונז?

אונד מיר זיינען דערצו דשענטעלליים! מיר בעהאלטען חלילה ניט דיא סודות פאר זיך אליין; מיר גיבען זייא איבער אונזערע געדולדיגע לעזער מיט אלע ברעקלאך.

אויך שבתי־טרייטעלס סוד זאלט איהר ווייסען.

הערט נאָר אוים מיט א קאָפּ:

דינה'לע, שבתי־טרייטעלס עלטסטע טאָכטער, חאָטש זיא איז שוין געוועזען ניט פאר קיין אידישע טאָכטער געדאכט, א בת־שלשים, איז נאך געוועזען א גאַנץ שעהנע מיידעל (מויד בלע"ז). ווען זיא פלעגט זיטצען בייא דעם גרויסען טיש אונד מיט איהר ווייסע פינגער פליקען דיא פעדערן, צוזינגענדיג דיא ליעדער פון שולמית אונד „בר־כוכבא", איז געוועזען א נחת־רוח איהר אָנצוקוקען. ניט איין בחור פון שטעדטעל פלעגט זיך, פארביי געהענדיג, אויף א ווילע אָפּשטעלען, א ווילע בע־טראכטען איהרע שעהנע, שווארצע אויגען, א ווילע צוהערן איהר זיסען קול אונד אוועקגעהן, איבערלאָזענדיג הינטער זיך א שווערען זיפץ, וואס האט זיך כמעט נאָר ניט ווילענדיג ארויסגעריסען פון זיין פערליעבטע הארץ. אונד דיזע זיפצען זיינען גע־ווען דיא גערעכטעסטע פון דער וועלט, דען דיא שעהנע דינה מיט דיא ווייסע פינ־גער אונד מיט דיא שווארצע אויגען, איז פאר זיי געוועזען א פעסטונג, וועלכע זייא האבען מיט קיינע תחבולות אונד מיט קיינע „אויבערשפּיטצלעך" ניט געקענט איינגעהמען. זיא האט זיך אין איהר דרייסיגיאָהריגען הארצען צוזאמענגעשטעלט א געוויסען אידעאל פון א חתן אונד האט פון דעם דאָזיגען „אידעאל" א האָר בריים ניט געוואָלט אָפּטרעטען, ביז דער „רעכטער" וועט קומען.

אונד אז ער וועט סוף כל סוף קומען, איז זיא מעהר ווי זיכער געוועזען.

— נישקשה! — פלעגט זיא מיט א שמייכעל אויף איהרע זאפטיגע ליפּען איהרע עלטערן ענטפערן — איך וועל שוין קריגען א חתן. קיין אידישע טאכטער איז נאך ביז יעצט ניט געבליבען זיטצען א מויד!

— אונד שלום־מענדעל דער לאַנגער? — האט שבתי־טרייטעל רעכט בייז גע־פרעגט — פאר וואס געפעלט ער דיר ניט?

— עט! א לאַנגער לאָקש.... דערצו נאך א שניידער!

— אונד פּייוקע האלאָפּיאַטע?.... חלעבען א שעהנער בחור!

— ער רעדט אונטערן נאָז וויא א פראנצויז!

— אפשר איז בער'ל קירבעס אויך א שלעכטער שידוך?.... וואס?

— אזא מזל אויף זיין פנים! זיין ציינענע בערדיל עקעלט מיך!

— אונד שימסקע דער מולער?

— הא! הא! ער קען א וואָרט עברי נישט.... א מושיק!

— אבער מנשה-דניאל פון סלוצק? ווייסטו וואס דאס איז פאר א מין אוצר? ער קען דריי הונדערט בלאט גמרא אויסוויינינג!

— וועט ער זיין א מלמד אונד איך וויל קיין מלמד'יכע נים זיין!

— ווער ביזטו דאס אזוינע? מר ורב אשי'ם א טאָכטער? — האט שבתי-טרייטעל אויפגעקאָכט.

— ווער איך בין, בין איך! אָבער אבי פאר וועמען וועל איך נישט חתונה האבען!

— אפשר דופעסטו אויף נדן? זאלען דאס מיינע שונאים האבען אין זייער קאסטען, וואס איך קען דיר געבען!

— דער „רעכטער" וועט מיך נעהמען אהן נדן!

— איך וואלט נאָר וועלען וויסען, וואס הייסט ביי דיר א רעכטער?

— דאס וויים איך, טאטע, אונד וועסט זעהן, ער וועט שוין קומען!
אונד ער איז טאקע געקומען!....

מיט א חודש צוריק איז ער אראָפּגעקומען פון קאווקאז, וואו ער האט געדיענט אלס באראבאנשציק אין נאָוואָגראָדסקען פולק אונד האט זיך דערדיענט דעם טשין פון אונטער-אָפפיציער.

ברוכ'קע קאָסאָלאָפּע איז געוועזן א שעהנער יונג, נאָך גאנץ שעהן מיט זיינע פינף אונד דרייסיג יאָהר אונד מיט זיינע בלאָנדע וואָנצעס, וואס זיינען אזוי פיין פאָמאדירט אונד שפיטציג געוועזן, דאס זיי האבען באלד דינה'ס הארץ געטראָפּען.

— דאס איז ער! — האט זיא צו זיך געזאָגט — אָט דעם מיין איך!
אונד זיא איז איהם אויך אויף דעם ערסטען בליק געפעלען געוואָרען.

ער איז באלד געוואָרען א שטענדיגער גאסט אין שבתי-טרייטעלס הויז אונדביידע הערצער זיינען צוזאמענגעבונדען געוואָרען מיט דעם שטארקסטען באנד פון ליעבע.

קיילע-מנוחה, שבתי-טרייטעלס וויב, האט פון איהם געקוואָלען. ער האט עפּעס אזוי פיין געקענט ריידען, אונד זיינע רוסישע ליעדער — א מחיה נפשות!

אבער שבתי־טרייטעל איז אומגעגאנגען וויא א שאַטען אונד האט שטיל פאר זיך געבורטשעט.

— נא דיר א יון! — האט ער צו זיך געזאָגט — עפּעס גאר ניט קיין אידישע צורה!

ברוכ׳קע קאסאלאפּע האט מיט איהם געמאכט א רייד, ער האט אבער ניט געוואָלט הערן אונד זעהן. ער האט נאָר ארומגעוואָרפען מיט דיא פיס אונד מיט דיא הענד אונד האט געשריען.

— ניין, ניין, דאס פּאסט פאר מיר ניט!.... זוכט אייך אייער גלייכען!

אונד ער איז באמת נערעבט געוועזען! מיט אַכט טאָג צוריק, שבת נאָך האלבען טאג, ווען ער איז אין דער הינטערסטער שטיבעל אריינגעקומען, האט ער געפונען ברוכ׳קען מיט א פּאפּיראָס אין מויל.

ער האט געמאכט א גוואלד ביז זיבענטען הימעל, האט געהאַפּט דעם גוי אונד האט איהם געוואָלט ארויסוואָרפען פון הויז, אבער דאָ איז דינה צו איהם צוגעגאנגען, אונד האט צו איהם געזאָגט:

— טשעפּע איהם נישט, טאטע!... ער איז שוין מיין מאן!.... דוא הערסט? ער איז מיין מאן!

שבתי־טרייטלען איז פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען. וויא איין אונטערגע־האקטער בוים איז ער אויף זיין פּלאטץ צוזאמענגעבראָכען געוואָרען.

איהם זאל דאס טרעפען?!.... זיין טאכטער א.... שרעקליך!....

— ניין! איך וועל דאָ נישט בלייבען! --האט ער געיאָמערט—איך וועל געהן וואו מיינע אויגען וועלען מיך טראָגען, אבי דיא חרפה נישט צודערלעבען!

אין יענעם שרעקליכען מאָמענט האט ער זיך ענטשלאסען נאָך אמעריקא צו פאָהרען.

אונד אין יענעם שבת, גלייך נאָך הבדלה, האט ער אָנגעהויבען מאכען דיא הכנות צו דער גרויסער נסיעה....

צווייטעס קאפּיטעל.

קיין בעזונדער אויסגעדאכטען און אויסגעארבייטען פּלאן האָט שבתי־טרייטיל ניט געהאט, ווען ער האָט זיך אזוי פּור־פּלאָט ענטשלאָסען אויסצוואוואנדערן נאָך אמעריקא. ער האט אפילו געלד אויף הוצאות אויך ניט געהאט, האט ניט גע־וואוסט וויפיעל אזא נסיעה דארף קאָסטען און זיינע געאָגראפישע קענטניסע ווע־

נען אמעריקא זיינען אויך ניט געווען גרויס. ער האט נאר געוואוסט, אז אמעריקא ליעגט פונקט אונטער זיינע פיס און דאס איז שוין פאר איהם די ויותר געוועזען. אז מען פאחרט, דערפאהרט מען, האט ער ביי זיך געקלעהרט, דיא אידען זיינען פארצייטען פערציג יאהר אין מדבר געגאנגען און האבען אויך ניט פארבלאנדזעט, און וואס עס איז שייך צו דיא הוצאות, וועט מסתמא דער אויבערשטער אויסהעל־פען, עס קען דאך ניט זיין, אז דער רבונו־של־עולם, וואס איז איין אל רחום וחנון און וואס האט דיא גאנצע וועלט נאר פון דעם אידענס וועגען בעשאפען, זאל איהם ניט בריינגען בשלום אין „נאיארק“! איי וואס? פון דיא שעהנע וועלט, וואס גאט האט נאר פון דעם אידענס וועגען בעשאפען, האבען דיא ערלים דיא „ציהונקעס“ (אייזענבאהנען) און דיא שיפען אויסגעכאפט און שינדען דיא הויט פון יעדען אידען, וואס דארף מאכען עפעס א שטיקעל נסיעה, דערפאר זיינען אומעטום דא אידען, רחמנים בני רחמנים, וואס שיינקען נדבות, ווען מען שטרעקט נאר צו זיי דיא האנד אויס.

און ווייל אונזער שבתי־טרייטעל איז געווען, וויא מיר זעהען, א גרויסער בעל־בטחון, האט ער וועגען חיונה און פרנסה אין „נאיארק“ אויך ניט גע׳דאגה׳ט. פון זיין האלבען דוצענד פראפעסיאנען האט ער גרויס געוויכט געלייגט אויף זיין קונסט עין־הרע׳ס אפצושפרעכען און האט אין זיינע גערדאנקען פאלגענדערווייזע קאמבי־נירט: מה דך דא, אין מיין שטעדטעל קאפוזישאק, וואס איז גרויס דלד אמות אויף דלד אמות און וואו אחינו בני ישראל זיינען ברוך השם ניט קיין גרויסע הולטאיעס און דער שטן מקטרג קען אויף זיי ניט אזוי שטארק שולט זיין—פערדין איך פון פופצעהן ביז צוואנציג קאפיקעס א טאג פון עין־הרע׳ס אפשפרעכען, על אחת כמה וכמה אין אזא גרויסע שטאט וויא „נאיארק“, וואו דיא הולטאיעס, בעונותינו הרבים, וואקסען וויא דיא שוועמלאך אין וואלד, דארטען מוז דאך דער שטן געוויס האקען וויא אין קרויט, ולפיכך דארף דארטען איין עין־הרע אפשפרעכער ממש אין גאלד אומגעהן!

אט מיט דיא דאזיגע גערדאנקען האט זיך שבתי־טרייטעל גענומען זיין זעקעל מיט זיין פעקעל צוזאמען צו לייגען און קיינער פון זיין הויזגעזינד האט איהם דער־ביי ניט געשטערט, ווייל קיין איינציגער האט געגלייבט, אז ער מיינט דאס ערנסט.

— ער סטראשעט אונז נאר, דער משוגענער, דער הסר־דעה׳ניק! האט קיי־לע־מנוחה דיא בעזארגטע קינדער געטרויסט. ער וועט זיך א פאר וואכען ארומ־דרעהען אין דיא ארומיגע שטעדטלעך, וועט אויסלעקען א פאר הונדערט פרעמדע טעלער און וועט קומען צוריק, נא, איהר וועט זעהן!

— זאָלסטו אזוי האָבען דיין ראש, וווא דוא וועסט מיך שוין זעהן! האט שבתי־טרייטעל אין כעס אויפגעקאָכט—סיידען איך וועל דאָרטען ווערען א גביר־ דענסטמאָל וועל איך שוין קיין ברירה ניט האָבען און וועל דיך מוזען אראָפּבריי־ גען צו מיר.

— אָהאָ! האט קיילע־מנוחה מיט א גרימאסע פון פעראכטונג אויסגערופען. אָט וועל איך מאקע צו דיר לויפען!......... פּששש! קענט איהר עפּעס שבתי־ טרייטלען דעם משוגענעם?!

— עה! עה! האָט ער מיט איראָניע געענטפערט, דוא וועסט זיך גאָר אזוי שטארק ניט לאָזען בעטען!.... לאָם מיך נאָר קריגען דיא ממתקים!

— קרעץ וועסטו קריגען אויף דיין משוגענעם קאָפּ! האט קיילע־מנוחה צר ריק געדונערט. עפּעס א קלייניגקייט שבתי־טרייטקע! מען ווארט דאָרטען אין נאַ יאָרק אויף איהם וויא אויף משיח'ן! מען קען זיך דאָרטען אהן איהם נישט אויס־ קראצען!.... פלאָקען דוא איינער, למך, אזעלכע שלימעזאלניקעס וויא דוא, קריגט מען דאָך דארטען צעהן פאר איינעם!

שבתי־טרייטעל האט איהר געלאזט אויסדונערן און האט איהר גאַר נישט געענטפערט. ער האָט עס געהאלטען פאר א פּחיתת הכבוד מיט איהר אין א דיס־ פּוט זיך אריינצולאָזען. וואס ווייס א אידענע? האט ער ביי זיך געטראכט. זיא וויים מעהר ניט וויא איהר וואלגערהאָלץ און איהר זאלצברעטעל. אָבער דיא אוי־ גען וועל איך איהר אויסשטעכען, ווען דער אויבערשטער וועט מיר מזכה זיין מיט א פּאָר מיליאָן פון דיא אמעריקאנישע אדומים!

אויך זיין פּעקיל האט ער, וויא א איד א חכם, מיט גרוים ישוב־הדעת און מיט א קלאָרען חשבון צוזאמענגעלייגט און האט דערביי אזוי געטראכט:

- - דעם ספר „רזיאל המלאך“ מוז איך מיטנעהמען. עס איז בדוק ומנוסה, אז דער דאזיגער ספר איז א גרויסע סגולה פאר א אידענע, וואס געהט שווער צו קינד און אין אזא כרך וויא נאיארק געהען דאָך בודאי כמה וכמה מאות ווייבער אין מעת־לעת מוליד זיין, נמצא; אז ווען יעדער געווינערין וועט מיר לכל הפּחות צעהן קאפּיקעס פּראקאט געבען פאר דעם ספר, קען איך אין איין יאהר ווערען אן עושר וויא ר' אליעזר בן חרסום. דיא שבת'דיגע קאפּאטע מוז איך דאָך געווים מיטנעהמען! אי וואס? אין אמעריקא האלטען אונזערע אחינו בני ישראל ווייניג פון שבת? וועל איך מאקע זיין דער איינער, וואס וועט יא האלטען שבת און איך וועל מיין זכות מגין זיין אויף דיא רשעים. דער פוטער מיט דעם שמייסענעם קאלנער וועט מיר אויך צוניץ קומען, באטש לייט זאגען, אז במדינת אמעריקא איז

זעהר היים. אין אזא פוטער מיט אזא קאלנער קריגט א מענש עפעס נאר איין אנדער הדרת־פנים, ער זעהט אויס בכבוד׳יגער און מען מוז פאר איהם דרך־ארץ האבען. היינט וויא נעהמט מען דאס ניט עטליכע בינטלעך קנאבעל? היתכן אז אין אזא זינדיגע לאנד וויא אמעריקא איז וואקסט אזא פרי יקרה וויא קנאבעל, וואס דער רבונו שלם האט נאר בעשאפען פאר זיין אויסערוועהלטע פאלק?

און אזוי טראכטענדיג איז ער פארטיג געווארען מיט דעם „איינפאקען," אבער זיין גרויסער פאק האט זיך בעקינדרעלט מיט א האלבען טוץ קליינע פעקלאך, לבד דרייא אלטע רעגענשירמס, א זעקעל מיט טרוקענע קעז, א בינטעל אלטע רצועות פון אפגעניצטע תפילין און א היבשען פעקעל מיט פארמעט, וועלכע ער האט נערעכענט צו פערקויפען אין וועג מיט א גוטען מקח.

דיא פוהר, וואס האט איהם געדארפט בריינגען צו דער „ציהונקע", האט ער שוין פריהער בעשטעלט. און אלס זיא איז צו זיין הויז צוגעפאהרען, האט ער זיך אויף א ווילע אוועקגעזעצט אויף דער באנק ביי דעם אויוען, האט אפגעזאגט דיא „תפילת־הדרך" און איז אויפגעשטאנען.

— זייט געזונד! האט ער קורץ און קאלט אויסגערופען געהענדיג צום טהיר.

— פאהר געזונד, משוגענער, חסר־דעה׳ניק, שטיק שלים־מזל! האט איהם קיילע־מנוחה מיט איין אומעטיגען שמייכעל אויף איהרע ליפען געענטפערט.

זיא האט נאך אלץ ניט געגלויבט, אז איהר שבתי־טרייטעל פאהרט נאך אמעריקא.

אונטער דעם בעל־העגלה׳ס „וויא! וויא!" און „פארשארפעט זאלסטו ווע־רען, דוא אלטע סקאפע!" מיט וועלכע ער האט זיין מאגערן פערד אנגעטריבען, איז שבתי־טרייטעל אין עטליכע שעה ארום אנגעקומען צו דער קליינער אייזענבאהן־סטאציאן, וואו דער בעל־העגלה האט איהם מיט זיינע חפצים אויסגעלאדען.

— האט איהר גענוג געלד אויף דער הוצאה, ר׳ שבתי־טרייטעל? האט איהם דער בעל העגלה מיט א געפיהל פון רחמנות געפרעגט.

— ביז דעם גרענעץ וועט מיר גענוג זיין! האט שבתי־טרייטעל געענטפערט.

— נוא, און ווייטער?

— ווייטער איז גאט גוט! עס שטעהט דאך געשריבען: השלך על ה׳ יהבך והוא יכלכלך!

— המ...... מזומן וואלט שוין בעסער געווען וויא דער פסוק! האט דער בעל העגלה מיט א שמייכעל אויסגערופען. אבער זאגט מיר, ר׳ שבתי־טרייטעל, צו

וואָס נעהמט איהר מיט זיך גאַנצע דריי שטיק רעגענשירעמס? גלויבט איהר, אז אין אמעריקא רעגענט מעהר וויא ביי אונז?

— חכם מיינער! האט איהם שבתי-טרייטעל נעענטפערט. ווייסט איהר דען ניט, אז אמעריקא ליעגט אונטער אונז, פונקט אונטער אונזערע פיס? היינט שטעלט אייך פאָר: אז ביי אונז רעגענט, מוז דאָך דאס וואסער אין אמעריקא ארונטער רינען. קענט איהר שוין פערשטעהן, וואס פאר א מין נאסקייט דאָרטען מוז זיין? איך זאג אייך, דרייא רעגענשירעמס זיינען נאָך ווייניג! ווען איך האָב נעלד, וואָלט איך א פאָר אלפים רעגענשירעמס מיטגענומען. דיא אמעריקאנער וואָלטען געמאכט גרויסע אויגען, זיי וואָלטען זיך גע'חדוש'ט און וואָלטען עס צר צוקערט!

ער האָט זיך געקויפט א בילעט ביז „ווערזשבאָלאָוו" און איז אוועקגעפאָה־רען.

ביז דעם גרענעץ האָט ער ארומגעשנאָרט אין דיא וואַגאָנעס און האָט איין ערך פון צעהן רובעל צוזאמענגעשנאָרט....

דריטטעס קאַפּיטעל.

וויפיעל גלגולים איז אונזער שבתי-טרייטעל מגולגל געוואָרען ביז עס איז איהם געלונגען דעם גרענעץ אריבערצוגעהן! דיא „מאכערס," וואס פיהרען אריבער דיא אָרעמע רוסיש-אידישע נשמות דעם גרענעץ פאר א געוויסען פרייז, האט ער קיין געלד נישט געוואָלט געבען, ער האָט פאר זיי נאָר איין טענה געהאט: אין לי, איך האב נישט! און ביי דיא דאָזיגע „מאכערס" עקסיסטירט מקדם קדמתא דער פילאָזאָפישער פרינציפּ: לא נתן בצימבעל לא הלך בטענצעל, אָדער: אז מען האט נישט קיין אתרוג, בענשט מען נישט. מיט גרוים שברת הלב האט ער צוגעזעהן וויא דיא „מאכערס" פיהרען אריבער נאַכט פאר נאַכט צעהנדליגע מענשען פון ווערזשאָבאָלאָוו נאָך איידטקוהנען און נאָר אויף איהם אליין איז „גאַטעס צאָרן" אויסגעגאָסען און ער מוז בלייבען אין ווערזשבאָלאָוואָ. עטליכע מאָל האט ער מוטה בעקומען און האט זיך אין דער נאכט א לאָז געטהאָן איינער אליין צום גרענעץ, מיט דער האָפנונג, אז א גוטער מלאך וועט איהם דעם גרענעץ אריבערטראָגען אויף זיינע פליגלען, קוים אבער האט ער פון וויטען דערהערט דעם זונישען „נאַ־זאד!" און דער רעהר פון א ביקס האט פאר זיינע אויגען אויפגעבליטשט, האט ער געכאַפּט דיא פיס אויף דיא פלייצעס און איז אַהן א נשמה געלאָפען צוריק.

— פלאי פלאים! האט ער ביי זיך געטראכט. פאר וואס לאזט מען מיך ניט ארויס פון ווערבאלאוו? עפעס קנאפ אידען איז דא א חוץ מיר? דאכט זיך ער האט א קימא-לן פון ששים רבוא אידען, אפשר נאך מעהר, כן ירבו, הייסט אז ער וועט האבען מיט א שבתי-טרייטעל וויינינער, וועט ער, חלילה, ארעמער ווערען? וועט איהם דען פעהלען צו א מזומן? אלזא וואס-דען, א גוי בלייבט א גוי! אין א חדר האט ער דאך נישט געלערנט, הייסט פון וואנען זאל ער שכל האבען?

ענדליך האט פאר איהם דיא גליקליכע שעה געשלאגען. איינער פון דיא „מאכערס", וועמען גאט האט ניט געשיינקט דיא „ברכה" פון קינדער, האט זיך מיט איהם צוזאמענגערעדט און האט צו זיין פרייד אויסגעפונען, אז ער איז א שטיקעל בעל-שם. ער האט זיך צו איהם געווענדעט מיט דער בקשה פאר איהם „עפעס וואס צו טהאן" און שבתי-טרייטעל איז מרוצה געווארען איהם א קמע צו געבען, בתנאי, אז ער זאל איהם דערפאר דעם גרענעץ אריבערפיהרען. זעלבסט-פערשטענדליך האט זיך דער „עקר" אן דעם מיט ביידע הענד אנגעכאפט, שבתי-טרייטעל האט איהם אנגעשריבען איינע פון יענע שרעקליכע קמיעות, וואס קענען אפילו דיא וואנד ריהרען און דיא „עקרה" האט איהם נאך דערפאר מיטגעגעבען אויף'ן וועג א מילכיגען טייגעכץ, פאר איהם עקסטרא געבאקען.

און אין א פאר שטונדען ארום, נאכדעם וויא שבתי-טרייטעל האט דיא אידענע דיא קמיע אויף'ן האלז אויפגעהאנגען, איז ער שוין מיט זיין פאק און מיט זיינע פעקלעך און מיט דעם מילכיגען טייגעכץ געשטאנען אין איידטקוהנען און האט שוין איינגעאטהעמט דיא דייטשע לופט.

ער־האט ניט געמאכט קיין שהיות, האט זיך אויפגעלאדען אויף א דייטשען אייזענבאהנצוג און איז אוועקגעפאהרען ביז קעניגסבערג. ווייטער האט ער נישט געקענט פאהרען, ווייל עס איז איהם זיין געלד אויסגעגאנגען.

— ניש-קשה, האט ער ביי זיך געטראכט, אין גינספריק (קעניגסבערג) וועל איך אם ירצה השם מאכען געלד וויא שטרויא. דאס איז א שטאדט פון לויטער יראים ותמימים. דיא בעסטע סדורים און מחזורים ווערען געדרוקט אין גינספריק. גינספריקער רבנים האבען א שם אין דער וועלט און גינספריקער חזנים זיינען מרעיש עולם. דיא פיינסטע אידען פון רוסלאנד פאהרען אהער האנדלען און דארטען, וואו אידען זיינען דא, בליהט דיא צדקה און וואקסט וויא אויף הייוון!

ער האט זיך אפגעשטעלט ערגעץ־וואו אין א ביליגע אכסניא, וואו מען קריגט א שטיקעל הערינג מיט ברויט און מיט א טעלער מילכיגע לאקשען פאר צעהן פעניג און האט זיך מכין געווען צו מאכען זיינע „וויזיטען" אין דיא נגידישע

הייזער. ער האט אנגעטהאן זיין שבת׳דיגע קאפאטע, האט א ביסעל ארומגעפוצט זיין שטריימעל און האט דערביי געקלערט:

— זאלען זיי טאקע זעהן, דיא דייטשוקעס, אז איך בין ניט אבי ווער! שנאַ־רערס זיינע דא א סך, זיי קומט מען אפ מיט א פרוטה. איך בין אבער קיין שנאַ־רער ניט! איך אין נאר א מקבל. איך נעהם נאר ביי זיי דעם פראצענט פון זייער עולם הבא, דאס הייסט: איך בין גאר איינענטליך דער שליח, וואס קלייבט צוזאַ־מען דעם פראצענט און פאר א שליח בדבר מצוה איז ניט שעהן ארומצוגעהן אין צוריסענע קליידער.

און נאכדעם וויא ער האט ביי דעם בעל־הבית פון דער אכסניא חוקר ודורש געווען וועגען דיא עניים פון „צדקה,‟ האט ער זיך צוזאמענגעשטעלט א מין קא טאלאג פון דיא נגידים, וועלכע ער דארף „בעזוכען‟ און איז אוועק אין שטאט.

אונזער שבת־טרייטעל איז געווען א גרויסער פערעהרער פון אונזערע פאר־צייטיגע חכמים און האט שטארק געגלויבט אין דער אונפעהלבארקייט פון זייערע רייד. ער איז נאך ניט דורכגעגאנגען א האלבע גאס, און ער האט ווידער בעקומען א לעבעדיגען בעווייז, אז דאס וואס דיא גמרא זאגט, איז בדוק ומנוסה וויא צוויי מאל צוויי איז פיער. למשל, דיא גמרא זאגט: שלוחי מצוה אינם נזקין, דיא וואס געהען וועגען א מצוה, קענען נישט ניזוק ווערען, און האט ער פון דיא גאסעניונגען געבאפט מעהר וויא הונדערט שטיינער און קיין איינציגער פון זיי האט איהם נישט געטראפען ניט אין קאפ, ניט אין אויג און ניט אין נאז, זיי האבען נאר עטליכע מאל ארונטערגעשאסען זיין שטריימעל און ווייטער גאר נישט. איז דאס ניט קיין קלארע ראיה, אז איינער פון דיא מלאכי־השרת געהט נאך יעדען צדיק, וואס געהט טהאן א מצוה און היט איהם אפ פון א היזק?

און אז ער איז א שליח בדבר מצוה האט ער גאר ניט געצווייפעלט, וויא דען אנדערש? ער געהט דאך מאכען, אז דיא דייטשע „יהודים‟ זאלען געבען צדקה!..

אבער וואו געפינט מען דעם רייכען אידען הערמאן פאסעלעס, וואס איז געשטאנען דער ערשטער אין זיין קאטאלאג?.... אה, דא קומט איינער! דער ער־שטער איז אלע מאל דער בעסטער. ביי איהם קען ער פרעגען.

— א גוט מארגען אייך, ר׳ קרוב! האט ער זעהר פריינדליך אויסגערופען און האט זיך אפגעשטעלט.

— מאיען! מאיען! האט איהם יענער מיט א טיעפע באס־שטימע געענט־פערט און האט א ווארף געטהאן א פערוואונדערטען בליק אויף זיין שטריימעל וואס איז ערשט ניט לאנג אויסגעשטאנען אלע שרעקען פון סקילה.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, וואו וואהנט דער באנקיער הערמאן פאַ־סעלעס?

— זיא מיינען?

— איך מיין גאר נישט! איך פרעג נאר גלאט אזוי...... אט! עפעס האב איך א שטיקעל ענין צו דעם באנקיער הערמאן פאסטלעס...... הערמאן איז ניט הירשעל?

— באראן הירש, מיינען זיא?

— אזוי! טשא! טשא! טשא! ער איז א באראן אויך? דאס האב איך אויף מיין הן צדק ניט געוואוסט!

— רעזידענץ וויען, אבער שאן טאָד!

— ווייסט איהר ניט, ר' קרוב, קען איך איהם איצט טרעפען אין דער היים?

— פאן וועם שפרעכען זיא, העהר?

— איהר הערט דאך! איך דארף צו דעם באנקיער הערמאן פאסעלעס.

— אה, זא!.... הערמאן פאסעלעס!.... ריכטיג. דער וואהנט פראנצעזי־שע שטראסע נומער 121.... געהען זיא גראדע אויס, דאן אום דיא עקקע לינקס, קרייצען זיא דיא שטראסע דורך, ווענדען זיא זיך ווידער רעכטס, דאן ווידער לינקס, דאן ווידער צוויי מאל רעכטס און איינמאל לינקס, דאן מיססען זיא דריי־צעהן מינוטען גראדעאויס געהן ביז זיא אן דער גרינער בריקע קאממען און דארט ווערדען זיא נאכפראגען.... מאיען!

דער דייטש האט איהם לאבענדיג בעגריסט און איז אוועקגענאנגען.

— רעכטס, לינקס, גרינער בריק.... אלל־דע קראנקהייט צו זיין קאפ! האט שבתי־טרייטעל אויסגערופען און האט מיט פינסטערע בליקען דעם דייטש נאכגע־קוקט. חולה איז ער געווען מיר אהין אוועקצופיהרען! אבער וואס קען מען פער־לאנגען פון איין ערל טמא? לחלוטין גאר נישט!

ער האט ווידער אנגעהויבען צו געהן און האט ווידער בעקומען דעם האַ־נעל שטיינער אין זיין שטריימעלע. נאכפרעגענדיג ביי יעדען איינציגען אויף הער־מאן פאסעלעס, האט ער פון יעדען איינעם איין אנדער בעשייד בעקומען. איינער האט איהם געהייסען געהן ווייטער, דער אנדערער האט איהם געהייסען זיך צוריק אומקעהרען, א דריטער האט איהם אנגעדונערט מיט א דייטשען „דאננערוועטער" און האט איהם געלאזט שטעהן. עס האט זיך אויך געפונען איינער א לץ, וואס האט איהם געוויזען אויף דעם, שטאדט־טהעאטער, מיט דער בעמערקונג, אז אין

דער הויז וואהנט הערמאן פאסעלעס, קוים אבער האט ער דיא טהיר געעפענט, האט ער פון איין אונזיכטבארען גייסט בעקומען א רוק אין זייט און איידער ער האט זיך ארומגעזעהן, איז ער שוין ווידער אין דרויסען געווען.

נאר ניט ווילענדיג האט איהם איין אנדער לץ א גרויסע טובה געטהאן. אויף זיין נאכפראגע נאך הערמאן פאסעלעס הויז, האט איהם יענער געוויזען אויף דער קעניגסבערגער בערזע קוים איז ער אין דעם גרויסען זאאל אריינגעקומען, איז אונ־טער דיא פאר הונדערט באנקיערען, קויפלייט און מעקלערס א גרויסע סענזאציאן געווארען. זיין שטריימעל מיט זיין אלטפרייניקישע זופעצע, וויא אויך דיא גאנצע אריגינאליטעט פון זיין אויפטרעטען האבען א גוואלדיגען איינדרוק געמאכט.

— דער היסטארישער ראטהשילד! האט איינער אויסגערופען.

— ניין, דאס איז זאנגווילס לייבהאפטער קעניג פאן דיא שנארערס! האט א צווייטער לאכענדיג בעמערקט. זוכען וויר שנעל וויא מעגליך פאן איהם לאז צו ווערדען!

און מיט דיעזע ווערטער האט ער פון שבתי־טרייטעלס קאפ דיא שטריימעלע ארונטערגענומען, האט מיט איהר געמאכט א גאנג דורך דעם זאל און אלס ער איז צוריק געקומען, איז זיא האלב אנגעפילט געוועזען מיט דייטשע מארקען.

— נעהמען זיא עס, פריינדכען, און מאכען זיא, דאס זיא פארטקאמען זא־לען! האט דער דייטש געזאגט איהם דיא שטריימעלע איבערגעבענדיג און אויף דער טהיר ווייזענדיג.

אין דרויסען האט שבתי־טרייטעל אכט און ניינציג מארק איבערגעציי‌הלט און עס איז איהם באלד אויף דיא געדאנקען געקומען: אפשר איז גאר א סברה דא צו בלייבען? אמת, דיא דייטשען זיינען גרויסע לצים און ווארפען מיט שטיינער, אבער זיי זיינען דאך גרויסע בעלי צדקות! א צווייטער געדאנקען האט איהם אבער דעם פשט אנדערש געלאזט לערנען: וואס איז קעניגסבערג לגבי נאיארק? א מין קאפויזשאק אנטקעגען א פעטערסבורג! ווען אין „גינספריק" קען מען אין צעהן מינוט צייט „מאכען" אכט און ניינציג מארק, קען מען דאך אין אזא כרך וויא „נאיארק" אין איין רגע „מאכען" כפל כפלים און אין א יאהר צייט קען מען ווע־רען א צווייטער כלבא־שבוע!.... אלזא, דארף מען נאך אלץ געהן אויפזוכען דעם נביר הערמאן פאסעלעס און דאן דיא אנדערע גבירים.

ארומבלאנזענדיג פון גאס צו גאס און באפענדיג א שטיין נאך א שטיין, האט ער דאך געפונען איינעם (שבתי־טרייטעל האט געגלויבט באמונה שלימה, אז

דאס איז געווים א מלאך פון הימעל), וואס האט איהם הערמאן פאסעלעס הויז אנגעוויזען.

מיט גרויס שמחה איז ער צוגעגאנגען צו דער פאראדנער טהיר און האט מיט אלע זיינע כחות דעם גלאק געצויגען.

פיערטעס קאפיטעל.

איין אלטער לאקייא מיט א גלאטגעזירטען פנים און אנגעטהאן אין א רויטען פראק האט האסטיג די טהיר אויפגעמאכט.

א וויי'ע האט ער מיט א צושראקענעם געזיכט שבתי־טרייטלען אנגעקוקט, דאן האט זיין פנים מיט איינמאל אויפגעשטראהלט און אין זעהר א פריינדליכען טאן האט ער אויסגערופען:

— אח!.... געווים דער אָנקעל פאן פאלעסטינא!.... מאדאמע ווירד איינע וואהרע פריידע האבען.... ביטטע, קאממען זיא העררויף.

שבתי־טרייטעל האט גאר נישט פערשטאנען, ער האט נאר געשאקעלט מיט'ן קאפ, וואס ער האט דערביי געקלעהרט האט ער אליין נים געוואוסט.

— ווילקאמען, וויקקאמען! האט דער לאקיי וויעדער אויסגערופען. אה, דיעזע איבערראשונג!...... ערשט געסטערן וואר פאן איהנען ביים טיש דיא רעדע.... מאדאמע זאגטע, זיא ווירד איהנען פאם באהנהאף אין איהרע עקיפאזשע אבהאלען, נון זינד זיא זעלבסט געקאָמען! הע, הע, איין סורפריז!...... מאדאמע ווירד גראָסע אויגען מאכען...... האט איהנען ערשט מאָרגען מיט דעם קוריערצוג ערווארטעט.... אבער, ביטע,ווערטהעסטע, קאָמען זיא.

ער האָט איהם גענומען אונטערן אָרעם און האָט איהם ארויפגעפיהרט דיא טרעפ, וואס זיינען בעשלאגען געוועזען מיט א ווייכען, זיידענעם טעפפיך און פון ביידע זייטען אויסגעפוצט מיט פלאנצען און מיט בראָנזענע סטאטוען.

דאן האָט ער איהם אריינגעפיהרט אין א גרויסען סאלאָן און האָט צו איהם געזאָגט:

— ביטע, ווארטען זיא איין קליין ווניג אין דיעזען מוזיק־סאלאָן, דער הערר פאסעלעס איזט אויגענבליקליך אבוועזענד, ווירד היער צור בעשטימטען שטונדע קאָמען.... מאדאמע מאכט טואלעטע.... הייטע איזט זשור־פיקס...... וויר ערווארטען גראסע געזעלשאפט...... פאדערעווסקי זאָל אונז הייטע איינען קליינען קאָנצערט געבען...... איך ווערדע איהנען גלייך מעלדען.

ער האט זיך פאר שבתי־טרייטלען זעהר העפליך פערנייגט און איז ארויס־געגאנגען.

שבתי־טרייטעל איז געשטאנען אין מיטען סאלאָן און האט געחלום׳ט מיט אָפענע אויגען. דיא פראכט און דער גלאנץ פון דיא גרויסע שפיעגלען, פון דיא זיידענע פאָרהאנגען, פון דיא געגילטע מעבעל און פון דיא בראָנזענע פיגורען, וואס זיינען אין אַלע ווינקעלעך געשטאנען, האָבען איהם צומישט. אויף דעם מארמאָר־נעם קאמין און אויף בראָנזענע עטאזשערקעס זיינען געשטאנען דיא קעפּ פון דיא גרויסע קאָמפּאזיטאָרס וויא מאָצארט, בעטהאָווען, מייערבעער, וואגנער, שאָפען, ווערדי, דאָנעצעטטי, שוהמאן און אנדערע פון ווייסען מארמאָר געמאכט. שבתי־טרייטעל האט יעדען איינעם אנגעקוקט און האט בייזיך געטראכט:

— דאס זיינען געוויס דיא קרובים פון הערמאן פאסעלעס..... זיידעס, על־טער זיידעס, טאטעס און פעטערס.... א שעהנע משפחה, חלעבען! אבער האבען נאָר קיין דמות פון אידען!....

פלוצלונג איז אויף איהם א פחד געפאלען און איז מיט שרעקען א האלבען ארשין ווייט צוריק אָפּגעשפרונגען.

ניט ווייט פון א גרויסען פענסטער, אין דעם העלקען שיין פון דיא זוננ־שטראהלען, איז געשטאנען דיא לעבענסגרויסע סטאטוע פון דער ווענוס *).

א לאנגע צייט איז ער געשטאנען וויא א פאראליזירטער און זיינע צושראָ־קענע אויגען האָבען זיך בוכשטעבליך אין דער שטאטוע איינגעגראָבען, דאן האט זיך זיין געזיכט אָנגעהויבען לאנגזאם אויסצוגלעטען, זיינע בליקען זיינען געווארען ווייכער, פריעדליכער, א שוואכער שיין פון א שמייכעלע האט געשוועבט אויף זיינע ליפּען און אויפהייבענדיג דעם צייגעפינגער אין דער הויך, האט ער אויסגערופען:

— איצט פערשטעה איך שוין! דאס איז דיא שעהנע שולמית, וועלכע שלמה המלך, עליו השלום, דערמאָנט אין זיין שיר השירים. ביי אונז ליטווישע אידען, איז א מנהג שיר השירים אלע פרייטאג צו זאגען, און ביי זיי, דיא דייטשע יהודים נעהמט מען און מען מאכט א שיר השירים פון שטיין און מען האלט עס ביי זיך אין הויז פאר א זכר. אי וואס? עס שטעהט דאך געשריעבען: לא תעשה לך פסל כל תמונה, דו זאלסט ניט מאכען קיינע בילדער, איז במה דברים אמורים, ווען

---

*) מיט דעם נאמען ווענוס האבען דיא פארצייטיגע גריעכען און רוימער אנגערופען דיא געטטין פון שענהייט און פון ליעב־

מען וויל צו זיי דינען עבודה זרה, אבער ווען מען טהוט דאס לשם שמים, איז גע־וויס מותר!

און ווידער האבען זיינע אויגען אנגעהויבען ארומצובלאָנזען ארום דיא שעה־נע, נאקעטע גליעדער פון דער שטיינערנער געטין און מיט א מין זיסע בעגייסטע־רונג און מיט דעם בעקאנטען ניגון פון שיר השירים, האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען:

„שררך אגן הסהר אל יחסר המזג"

„בטנך ערמת חטים סוגה בששנים"

„שני שדיך כשני עפרים תאמי צביה"

ביי דעם „שני שדיך" האט ער פון זיך ארויסגעגעבען א פערשעמטען: „המ המ! און ווייטער מיט דעמזעלביגען ניגון:

„צוארך כמגדל השן"

„עיניך ברכות בחשבון על שער בת רבים"

„אפך כמגדל הלבנון צופה פני דמשק"

ביי דעם „אפך כמגדל הלבנון" האט ער זיך פלוצלונג פון זיין התפעלות אויפגעכאפט.

— איך ווייס ניט, האט ער אויסגערופען, וואס האט דער היילינער משורר מיט דעם געמיינט! היתכן אז דיא שעהנע שולמית האט געהאט א נאָז גרויס וויא דער טהורעם פון לבנון, אזוי גרויס, אז מען האט איהם געקענט זעהן אין דמשק? אָט למשל: ווען מיין מנוחה־קיילע וואלט געהאט א נאָז, וועלכען מען וואָלט גע־קענט זעהן פון קאפוויזשאק ביז איישישאָק, וואלט זיא דאך געווען נאך א גרעסע־רע מיאוסקייט וויא זיא איז יעצט און איך וואלט פון איהר געוויכט וויא פון א מגפה!

ער האט זיך ווידער פערטיעפט אין דעם שטודיום פון דער נאקעטער שענ־הייט, האט אין זיינע געדאנקען געמאכט פערגלייבונגען צווישען זיין קיילע־מנוחה'ן און דיא שעהנע „שולמית" און האט גאר ניט געהערט דעם געררויש פון זיידענע קליידער ביי דער טהיר, ביז א ווייבע און א זיבער־ריינע פרויענשטימע האט פלוצ־לונג אין זיינע אויערן אריינגעקלונגען:

— ווילקאָמען אנקעל!....... טהייערער, ליעבער אָנקעל!

ער האט זיך האסטיג ארומגעקוקט און איז ווידער איבערראשט געווארען.

הינטער איהם איז געשטאנען א צווייטע „שולמית", אבער א „שולמית" פון פלייש און בלוט, מיט א זיסען געזיכט, וואס האט געשטראהלט פון פרייד און אנ־

נעטהאַן אין אַ פּעניאַר פון ווייסען זייד, פערציערט אויף דער ברוסט מיט זיידענע ראָזעבענדער.

זיא האַט מיט אַ זיסען שמייכעלע אויף איהרע רויטהע, זאַפטיגע ליפּען צו איהם איהר קליינע, מאַרמאָרווייסע האַנד אויסגעשטרעקט און האַט געזוכט זיין האַנד צו ערגרייפען.

אַבער פּלוצלונג, פּונקט וויא אַ בייזע שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטהאַן, איז ער אַפּגעשפּרונגען הינטער זיך און האַט מיט שרעקען אויסגערופען:

— אַט!...... חלילה!

זיא האַט זיך צולאַכט.

— שאָן גוט, שאָן גוט, ליעבער אָנקעל! האַט זיא אויסגערופען. זינד זיא נאָך אימער אָרטהאָדאָקס...... נון, נאַטירליך! זיא קאָממען דאָך פאַם הייליגעם לאַנדע!...... דאָרט וויים מאַן ניכט פאָן אונזערע אייראָפּעאישע עטיקעטע!.... יעדענפאַלס זינד זיא מיר הערצליך ווילקאָממען! צוואַר ערוואַרטעטע איך איהנען ערשט מאָרגען, איך וואָלטע זיא אין מיינער עקיפּאַזשע פאַם באַהנהאָף אַבהאָלען, אַבער זיא וואָלטען אונז איינע פריידיגע איבערראַשונג בערייטען, הא, הא, דעסטאָ בעססער, דעסטאָ בעססער!...... מיין ליעבער הערמאַן ווירד איינע וואַהרע פריידע האַבען!

שבתי-טרייטיל האַט איהר אָנגעקוקט וויא אַ האָהן אין בני-אדם. ער האַט קיין איינציגעס וואָרט ניט פערשטאַנען. ער האַט נאָר פערשטאַנען, אַז זיא איז זעהר אַ גוטע פרוי מיט אַ האַרץ ווייך וויא פּוטער, דערצו נאָך קיין שום סימן פון גאוה. „געוויס אַ גרויסע בעל-צדקהו" האַט ער ביי זיך געטראַכט.

נאָר אַלס זיא האַט דעם נאָמען הערמאַן אַרויסגערעדט, האַט ער זיא געפרעגט:

— ווען קומט ר' הערמאַן פאַסעלעס אַ היים?

— מיין מאַן?.... ער ווירד שאָן קאָמען!.... אין איינער שטונדע, פיעלייכט באַלד!.... אַבער, ביטטע, נעהמען זיא פּלאַטץ, ליעבער אָנקעל! אונד ערצעהלען זיא מיר גיטטינסט עטוואַס פאָן איהרע רייזע...... עס מוס אייסערסט אינטערעסאַנט זיין.... זינד זיא איבער איטאַליען געפאַהרען? אַך, איטאַליען! איין וואונדערשעהנעס לאַנד!...... איין לאַנד, וואָ דיא זאָננע עוויג לייכטעט אונד דיא בלומען עוויג בליהען!

זיא האַט דאַס מיט זיסער בעגייסטערונג אַרויסגערעדט אונד האַט איהם

דערביי צוגערוקט א זיידענעם פאַטעל, אויף וועלכען ער האָט זיך מיט איין האלב אונטערדריקטען זיפץ אוועקגעזעצט.

ער האט גרויס שברות-הלב געהאט דערפון, וואס ער פערשטעהט איהר ניט.

זיא האט אָבער דעם זיפץ געהערט אונד האט איהם אַנדערש פערשטאַנען. געוויס מוז ער הונגער האבען! האט זיא בייא זיך נעקלערט אונד מיט זעהר איין ערנסטע מינע, האט זיא אויסגערופען:

— פּאַרדאָן, אָנקעל! זיא זינד געוויס הונגעריג!...... פערצייהען זיא!.... איך ווערדע אויגענבליקליך מיינע אַנאָרדנונגען אין דיזער הינזיכט טרעפען!

זיא איז צוגעגאַנגען צו א קליינעם מאַרמאָרנעם טישעל אונד האט א דריק געטאהן דעם קנאָפּ פון א גלעקעל. דער אַלטער לאַקייא אין רויטהען פראַק איז אריינגעקומען. זיא איז צוא איהם צוגעגאַנגען אונד האט איהם עפּעס וואס אין אויער אריינגעשושקעט.

— זעהר וואָהל! — האט דער לאַקיי געענטפערט, האט געמאכט „נאַלעוואָ קרוגאָם" אונד איז ארויסגעגאַנגען.

— ועהען זיא, ליעבער אָנקעלכען — האט זיא זיך צו איהם ווידער געווענ-דעט — איך וואר נאָך דאַמאָלס א קליינעס מעדכען, אַלס זיא האבען ווילנא פער-לאַסען אונד נאָך פּאַלעסטינא אויסגעוואַנדערט, אבער מיינע גאָטזעליגע מוטטער האט מיר פאָן איהנען זעהר פיעל ערצעהלט אונד האט מיר אימער אייער בילד געצייגט. נאָך איהרעם טאָדע, אַלס איך אונד מיין ליעבער הערמאַן האבען זיך היער אין קעניגסבערג בעזעטצט, האבען וויר אייער בילד צום אַנדענקען מיטגענאָממען. דיזעס בילד העננט אין אונזער שלאָפּ צימער. וואָלען זיא עס זעהן?

זיא האט געעפענט א טהיר, וואס האט געפיהרט צוא א צווייטען צימער, אונד אריינווייזענדיג מיט דעם פינגער אין יענעם צימער, האט זיא אויסגערופען: „ביטטע אָנקעלכען!.... זעהען זיא נור"!

שבתי-טרייטעל איז אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען אונד האט א ווילע בע-טראַכט דאס בילד, וואס איז אין א גאָלדענעם ראם געהאַנגען אויף דער וואַנד.

ער האָט פאר זיך געזעהן דאס בילד פון א מאַן אין א שרטיימעל אונד אין א שווארצע זיידענע זופּיצע.

— צו וואס ווייזט זיא מיר דאס? — האט ער ביי זיך געטראַכט.

— נאַטירליך, אָנקעלכען — האט זיא ווידער אָנגעהויבען — זעהען זיא יעצט עטוואס אַנדערש אויס, אבער דיא פראַפּאָנטע (איבערראַשענדע) עהנליכקייט איז

נאָך אימער געגליבען! זיא זינד איין וועניג געאַלטערט, אבער ניכט פיעל.... זאַגען זיא, אָנקעלכען, וויא לעבט מאן דאָרט אין דעם היילינגען לאנד?

דיא פראגע איז אזוי דרינגענד אונד דירעקט צוא איהם געריכטעט געוועזען, דאס ער האט פאר נויטהיג געפונען צו פרעגען:

— וויא? איהר קענט גאָר קיין אידעש ניט ריידען?

אין דיעזען אויגענבליק האט א יונגע אונד איין עלעגאנט געקליידעטע קאַמער-מיידעל, שעהן וויא דער יצר־הרע אין פרויענגעשטאלט פערקערפערט, אריינגעטראָגען אויף א זילבערנעם טאץ אייניגע שפייזען א פלאש וויין מיט א גלאז, האט עס אוועקגעשטעלט אויף דעם טיש אונד איז ארויסגעגאנגען.

שבתי־טרייטעל האט איהר א ווילע בעטראכט אונד האט ביי זיך געקלערט:

— דאס איז א דריטע „שולמית"; א הויז פול מיט „שולמית'ן" !

— ביטטע, אָנקעלכען! — האט דיא מאדאם פאסעלעס צו איהם געזאגט אונד האט דיא שפייזען פאר איהם סערווירט — עס איזט ניכט פיעל, אבער ביז אבענדבראָד ווירד עס היגרייכען.... וויר סופּפּירען געוועהנליך אום צעהן.... אַך, יא! — האט זיא זיך פּלוצלונג א חאַפּ געטהאָן — זיא האבען מיך געפראגט, אָב איך יידיש שפּרעכע, נאַטירליך, עס איזט מיינע מוטערשפּראכע. עטוואס האב איך פאָן איהר פערלערנט, אבער מיט אייניגע שוויעריגקייטען קאן איך עס דאָך שפּרעכען!

— אונד ווארום רעדט איהר מיט מיר קיין אידעש ניט? — האט ער מיט ביידע באקען אונד מיט א פולען מויל קייענדיג געפרעגט.

— גוט, איך וועל מיט אייך יו.... יי.... אידעש ריידען, פעטער! — האט זיא געענטפערט — אָבער ווארום נעהמט איהר ניט א גלאָז וויין? דער וויין איז גוט!

— וויא הייסט דער וויין?

— שאטאָ־לאפיט!

— הערט א נאָמען!.... איז ער כשר?

— וואס דיינקט איהר פון אונז אָנקעל! אייך וועלען מיר געבען ניט קיין כשר'ן וויין?

שבתי־טרייטעל האט זיך אָנגעגאסען א פולע גלאָז וויין, האט עס מיט איין ריך אויסגעטרונקען, האט א טשמאָקע געטהאָן מיט דיא ליפּפּען אונד האט אויסגערופען:

— הפלא ופלא!.... אביסעל זויערליך, אָבער גוט! אויף מיין הן צדק זעהר גוט!

— וויא הייסט איהר?—האט ער זיך צו דער יונגער דאמע געווענדעט אונד זיין עסס־אפפאראט האט ווידער אנגעהויבען צו ארבייטען.

— „העלענע, אַנקעלכען״!—האט זיא געענטפערט.

— העלענע?....נאַר ניט קיין אידישער נאמען!.... אין קאַפּויזישאַק איז דאַ א גוי׳ה, וואס הייסט אויך העלענע.... זיא טראַגט אום שבת ארום דיא טשאַ־לענטען, ווען דער עירוב ווערט צוריסען....... אוי, קינדער, קינדער! וואס טראכט איהר אייך? ביז וואנען וועט איהר פערשטערט זיין בהבלי הגוים? ווארום שעמט איהר אייך מיט אייער אידישקייט? איז דען דיא גוי׳עשקייט פיינער, בעססער? ווייסט איהר דען ניט, אז מיט דעם זייט איהר נאַר מעכב דיא גאולה? אָבער איהר זאלט אויף מיר קיין פעראיבעל נישט האבען, וואס איך זאג דאס אייך. איך מוז דאס זאגען, ווייל עס איז א מצוה זיין חבר צו שטראָפען, עס שטעהט דאָך געשרי־עבען: הוכח תוכיח את עמיתך!

העלענע האט איהר שעהנעם קאָפּ ארונטערגעלאָזען אונד האט גאַר נישט געענטפערט. ערוואַרטענדיג איהר פעטער פון ארץ־ישראל, האט זיא זיך געריכט אויף א ביסעל מוסר פון איהם אונד האט זיך ענטשלאָססען, מיט איהם אין קיינע דיספוטען זיך ניט אריינצולאָזען, ווייל זיא האט געוואוסט, דאס ער איז פון אלט־פריינקישען שניט.

— אהא! עס נעהמט! איך בין איהר אריינגעפאהרען אין דיא ביינער!— האט שבתי־טרייטעל ביי זיך געטראכט אונד דערביי דיא דריטע גלאָז ווין אויסגע־טרונקען.

אונד דער שטארקער, עכט־פראנצויזישער שאטאַ־לאַפּיט האט זיין ווירקונג ניט פערדפעהלט! ביי אונזער שבתי־טרייטלען זיינען דיא אויגען שפיציג אונד גלאנ־ציג געוואָרען, זיין נאָז האט אויסגעזעהן וויא דיא פּרה־אדומה ער האט אָנגעהויבען צו סלוקערצען אונד האט זיך ביסלעכוויים אונטערגעלאכט, ניט וויסענדיג פאר וואָס!

פּלוצלונג האט א געדאנקען אין זיין קאָפּ אויפגעבליטצט.

מיט גרוים מאַטערנעס איז ער פון זיין שטוהל אויפגעשטאַנען און מיט איין עטוואָס הייזעריגער שטימע האט ער אויסגערופען:

— און וואו איז מיין נדבה?

דיא דאמע האט איהם שטארק איבעראשט אָנגעקוקט.

— וועלכע נדבה? האט זיא איהם געפרעגט.

— עטייטיש וועלכע נדבה? הע, הע, זעהט נאַר וויא דיא חכמניות מיינע

מאכט זיך גאָר ניט וויסענדיג! גאָר א נעבאכעל!...... זיא קען געבעך קיין צוויי נישט צייהלען!.... מען דארף מיט איהר זאָגען „ענגור״!

— אָבער איך פערשטעה אייך ווירקליך ניט, פעטער!״

שבתי-טרייטעל האט זיך אנגעצונדען וויא א שטיק טרוקענע האָלץ.

— דוא פערשטעהסט מיך ניט? האט ער אויסגעשריען. דוא פערשטעהסט מיך זעהר גוט!...... וואס דען האסטו געמיינט? דוא האָסט געמיינט, אז דוא וועסט מיך פטר'ן מיט א שטיקעל קאלטע פלייש און מיט א גלעזעל משקה?.... ווענן דעם וואָלט איך צו דיר נישט געקומען, שוועסטער לעבען! איך וואלט גע־ווים ניט געמאכט אזא ווייטע נסיעה און אויסגעבראכט אזוי פיעל געלד אויף הוצאות!...... איין גאָט ווייס, וויא איך האב מיך בדלות געשטעלט.... זיך גע־שלעפט פון דיא הרי חושך אהער....... נוא, נוא, זעהר שעהן האב איך אויסגע־פיהרט! אויף מיינע ביללער געזאנט געווארען! א שטיקעל קאלטע פלייש און א גלעזעל משקה...... יישר כח דיר, מיין צנועה!...... אבער באדאי איך זאל דיא כפרה ווערען, באדאי איך זאל, שונאי ישראל, קריינקען, איך ריהר מיך נישט פון ארט! אויף מיין הן־צדק, איך געה נישט אוועק, ביז מיין נדבה וועט מיר זיין!

א לאנגע צייט האט דיא דאמע ניט פערשטאנען, וואס ער מיינט און וואס ער וויל, ענדליך איז איהר געקומען א געדאנקען און זיא האט נעגלויבט, אז זיא האט דאס ריכטיגע געטראפען.

— ער מוז געוויס אין האטעל שולדיג זיין און וויל זיך וואס עס איז קויפען! האט זיא ביי זיך געקלערט. וואס קען דא זיין, אז איך וועל איהם דערווייל עפעס געלד געבען, ביז מיין מאן וועט קומען?

— איהר דארפט עפעס געלד, אנקעל? האט זיא איהם געפרעגט.

— א קשיא! ווען דארף איך ניט?

— ווילט איהר ניט ווארטען ביז מיין מאן וועט קומען? ער וועט אייך געבען וויפיעל איהר דארפט.

— מאן—שמאן!...... דוא קענסט אזוי גוט געבען וויא ער!

זיא איז ארויסגעגאנגען אין צווייטען צימער און איז באלד ווידער אריינגע־קומען.

אט האט איהר דערווייל הונדערט מארק, אנקעל, האט זיא צו איהם גע־זאגט און האט איהם א גאנצען הויפען גאלדמינצען דערלאנגט. נעהט קויפט אייך איין וואס איהר בעדארפט און קומט באלד צוריק, ווייל מיין הערמאן וועט באלד

קומען.... ברייננט מיט אייערע זאכען אהער! איהר וועט דא ביי אונז וואהנען... געהט, אנקעל, אבער זאמט זיך נימ.

שבתי-טרייטעל האט דיא הונדערט מארק צוגענומען און אהן א דאנק צו זאגען, איז ער אוועק געגאנגען. ער האט נאר ביי זיך געקלערט: „א שעהנע נדבה, הלעבען, מען קען זאגען אויף דיא „דייטשוקעס" וואס מען וויל, אבעע בעלי-צדקות זיינען זיי דיא ערשטע אין דער וועלט."

נאכדעם וויא ער האט זיך א ביסעל אויסגעשלאפען, האט ער זיך מיישב געווען, אז עס איז שוין נישט בדאי ווייטער צו געהן שנארען, דען ער האט שוין גענוג געלד אויף הוצאות ביז האמבורג און ער האט שוין מיט וואס א שיפס-קארטע צו קויפען.

ער האט גענומען זיין פאק מיט דיא פעקלאך און האט זיך אוועקגעשלעפט צום באהנהויף.

ער האט גענומען א בילעט פיערטע קלאסע ביז האמבורג און אין א האלבע שטונדע ארום האט איהם שוין דער דאמפף און דער רויך געטראגען צו דער גרויסער האפענשטאדט.

אויף מארגען אין דער פריה איז ער אין האמבורג אנגעקומען....

פינפטעס קאפיטעל.

אין דער ווילהעלם-שטראסע, איינע פון דיא פיינסטע גאסען אין האמבורג, איז געווען א גרויסער צוזאמענלויף פון מענשען. פיינגעקליידעטע העררען און עלעגאנטע דאמען, אפילו קליינע קינדער, זיינען האסטיג געקומען פון אלע זייטען און האבען זיך מיט גרויס אינטערעסע געגרופירט ארום א מין בעשעפענים, אנגעטהאן אין א לאנגע זופיצע מיט א שטריימעל אויף'ן קאפ, מיט א פאר רעגענשירעמס אונטערן ארעם, וואס איז געשטאנען נימ ווייט פון א מאגאזין פון גאלד און שמוקזאכען און האט געוויינט אויף'ן קול.

אז דיא דאזיגע בעשעפענים איז אונזער שבתי-טרייטעל, פערשטעהט שוין יעדער איינער פון אונזערע לעזער. אוים הויכער נייגיערדע האט ער זיך אבגעשטעלט ביי דעם גרויסען שפיעגעל-פענסטער פון א מאגאזין, אום דיא גאלדענע כלים און דיא ברילליאנטענע שמוקזאכען צו בעטראכטען און האט דערביי געטראכט: „רבונו של עולם! וויא גרויס איז דיין חסד, אז דוא לאזט דיא ערלים אזוי פיעל נוטס פאר אונז אידען אנזאמלען, דען תיכף ומיד וויא דוא וועסט א בלאז

טהאן מיט דיין שופר און משיח בן דוד וועט זיך בעווייזען, וועלען זיי דאס אלעס אונז מוזען אוועקגעבען, אלעס ביז א האאר!"

און ער האט זיך נאך מעהר פערטיעפט אין דער בעטראכטונג פון דיא טהייערע חפצים און האט זיך אנגעמערקט אין זיינע געדאנקען עטליכע ארטיקלען, וועלכע ער וואלט צוגעכאפט מיטביידע הענד, ווען דער רבונו של עולם וואלט יעצט "אזוי גוט געוועזן" און א בלאז געטהאן מיט דעם שופר.

— אט דעם שנירעל פערל, האט ער געטראכט, וואלט איך גענומען פאר מיין קיילע-מנוחה'ן...... זיא איז אפילו, צווישען זיך גערעדט, א גרויסע כלב'טע און פלעגט מיר אויסגריזען גאנצע שטיקער הארץ, פלעגט מיר אויך ניט זשאלעוועןעס ווען ניט ווען אפצוגיסען מיט א שיסעל ראסעל, אבער אז דאס קאסט קיין געלד ניט, מה רעש? זאל זיא זיך פרייען! אפשר וועט זיא שוין מעהר דרך-ארץ בעקומען, ווען זיא וועט געהן אויסגעפוצט וויא א שררת'טע.

וויא דער שטייגער איז ביי אזעלכע מאגאזינען, האבען זיך אבגעשטעלט נאך א פאר ליידיג-גייער און האבען אויך בעטראכט דעם שטראהלענדען רייכטהום. ווארשיינליך האבען זיי זיך מיט שבתי-טרייטעלס געדאנקען ניט ארומגעטראגען און דיא אלע זאכען איז זייא שוין קיין נייעס געוועזן, דען אין פינף מינוט ארום זיינען זיי ביידע האסטיג אוועקגעגאנגען.

אויך שבתי טרייטעל איז באלד צו דער איבערצייגונג געקומען, אז ער וועט זיך ניט דערווארטען אויף דעם "שופר של משיח" און מיט א שווערען זיפץ האט ער זיך אנגעהויבען צו ריהרען פון ארט.

קוים איז ער צעהן טריט פון מאגאזין אפגעגאנגען, האט ער דיא שרעקליכע ענטדעקונג געמאכט, דאס דיא שיפסקארטע מ'ט צוואנציג מארק אין באאר זיינען פון זיין קעשענע ארויסגענומען געווארען.

ער האט געמאכט א גוואלד ביז דעם זיבענטען הימעל און איז ארומגעלאפען אהין און אהער וויא א משוגענער וויינענדיג און יאמערנדיג.

טהירען און פענסטער האבען זיך פון ביידע זייטען גאס האסטיג געעפענט, צושראקענע געזיכטער האבען ארויסגעקוקט און יעדער איינער האט געפרעגט:

— נא-נו, וואס גיעבט'ס?

— דאננערוועטטער נאך איינמאל! ווא ברעננט'ס?

אויך עטליכע פאליציסטען זיינען האסטיג געקומען, האבען שבתי-טרייטלען ארומגערינגעלט און איהם טרייסלענדיג נאך אלע זייטען, האבען זיי איהם געפרעגט וואס איז מיט איהם געשעהן?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען? האט שבתי טרייטעל געזאָגט, דא בייא אייך אין האמבורג איז ערגער וויא אין סדום!........ מען האָט מיך בדלות גע־שטעלט!.... עס איז מיר איצט געקומען פשוט פון בריק אין וואסער!......

נאטירליך האָט איהם קיין מענש נישט פערשטאנען, כאָטש ער האָט גערעדט, וויא ער האָט געגלויבט, ריין דייטש און וויים דער „יודע הכל" וויא לאנג זיינע בכיות וואָלטען געדויערט, ווען עס וואָלט ענדליך נישט אנגעקומען א פוילישער איד, וואָס האט שוין א לאנגע צייט אין האמבורג געוואָהנט און וואס האט נאָך ניט פערגעסען דעם זשארגאָן.

אויסהערענדיג שבתי־טרייטעלס טענות, האט ער זיך גענומען דעם עולם בע־קאנט מאכען מיט דעם, וואס עס איז פאָרגעפאלען, און ער האָט דאס אין אזעלכע ריהרענדע ווערטער איבערגעגעבען, דאס דיא שילדערונג האט אויף דיא צוהערער א גרויסען רושם געמאכט.

עס האט זיך באלד געפונען א פילאנטראָפּ, וואס האט זיך תיכף ומיד ענט־שלאָסען דעם אונגליקליכען צו העלפען.

— מיינע הערען און דאמען! האט ער אויסגערופען, היער האבען זיא דיא בעסטע געלעגענהייט איהר מילדעס הערץ שפּרעכען צו לאסען. זאָל יעדער פון אייך זיין שערפליין בייטראגען און דעם ארמען יודען ווירד גניגענד געהאָלפען זיין. איך, מיינערזייטס, געה פאָראן מיט פינף און צוואנציג מארק!

מיט דיעזע ווערטער האט ער פון זיין וועסטענטאש געלד ארויסגענומען, האט אָפּגעציילט פינף און צוואנציג מארק און האט געמאכט א רונדגאנג אונטער דיא פערזאמעלטע. עס איז כמעט קיין איינציגער נישט געבליבען, וואס האט עפּעס נישט געגעבען, און אין פערלויף פון צוואנציג מינוט איז דיא סומע אויף פינף הונ־דערט מארק אנגעוואקסען.

דער פילאנטראָפּ האָט דעם הויפען געלד דעם איבערגליקליכען שבתי־טריי־טעל איבערגעגעבען און דער פוילישער איד האָט איבערגענומען דיא מצוה פאר איהם א נייע שיפסקארטע צו קויפען און איהם צו בעגלייטען צום דאמפפשיף.

פון דעם טאג אָן, אין וועלכען שבתי־טרייטעל האָט זיך ענטשלאָסען נאָך אמעריקא צו פאָהרען, האט אין איהם געלעבט א פערבאָרגענער שרעק, וועלכען ער האָט געזוכט מיט אלע זיינע קרעפטען אונטערצודריקען און דאס איז נעמליך געווען דער שרעק פאר דעם ים, פון וועלכען ער האט אין זיין לעבען אזוי פיעל שרעקליכע געשיכטען זיך אָנגעהערט. שפּעטער, ווען ער איז פון קאפּויזשאָק ארויסגעפאהרען און ער איז אריינגעקומען אין דער „גרויסער וועלט", איז דער

פחד פאר דעם ים און איהם ביסלעכווייז אויסגעקאָשען געוואָרען און אז ער פלעגט זיך דערמאָנען, פלעגט ער זיך טרויסטען מיט דעם געדאנקען, אז דער בורא עולם, וואס איז א „כל יכול" און איז דער „הנותן בים דרך ובמים עזים נתיבה," וועט איהם געוויס אריבערפיהרען דעם גרויסען ים בשלום און ער וועט אפילו זיינע זאַקען ניט פערנעצען. יעצט אבער, ווען ער האט שוין געדארפט געהן צום שיף, האט יענער שרעק אין איהם ווידער אויפגעוואכט און זיין נשמה איז אין זיינע שיך אריינגעפאלען.

— זאגט מיר, ר' קרוב, האט ער זיך צום פוילישען אידען געווענדעט, מוז מען דאס ניט אנדערש וויא מיט דעם ים פאהרען? היתכן, אז עס איז גאר קיין אנדער וועג נישטא?

— האט נאר קיין טעות ניט, ר' שבתי-טרייטעל, האט איהם יענער געענטפערט, ניט מיט איין ים האט איהר צו פאהרען, נאר מיט גאנצע צוויי ימים!

— הוא האלהים! האט שבתי-טרייטעל אויסגערופען און פאר שרעק זיינען איהם דיא דריי רעגענשירמס פון אונטערן ארעם ארויסגעפאלען. צוויי ימים? וואס הייסט צוויי?

— וואס פשוט איז פשוט!.... אז מען פאהרט נאך אמעריקא מוז מען צוויי ימים אריבערפאהרען! איינער הייסט: דיא „נארד-דייטשע זעע" און דער אנדערער: דער „אצעאן"!

— א וויי און ווינד איז מיר! וויא קען מען דאס אויסהאלטען?

און אין א ווייַלע ארום האט ער געפרעגט:

— וועלכער פון דיא צוויי ימים איז דער גרעסערער?

— דער אצעאן, נאטירליך!

— איז ער א סך גרעסער פון דעם ערשטען?

— וויא זאל איך אייך זאגען?.... ווען דער בורא עולם האט געדארפט בעשאפען דעם דייטשען ים, האט ער גענומען א פינגערהוט וואסער און האט עס א גאס געטהאן אויף דער יבשה און אז ער האט געדארפט בעשאפען דעם ים הגדול האט ער אויף דער ערד א גרויסען שפיי געטהאן.

שבתי-טרייטעל האט פאר שרעק געשווידערט, דען ער האט זיך אין זיינע געדאנקען אויסגעמאלט וויא גרוים עס קען זיין דער שפיי פון דעם רבונו של עולם.

דאך האט ער זיך א ביסעל בערוהיגט, ווען ער האט דעם גרויסען אצעאנדאמפפער „אויגוסטא-וויקטאריע" דערזעהן און האט ביי זיך געטראכט: „רבונו

של עולם! דאס איז דאך גאר ניט קיין שיף, דאס איז דאך א גאנצע שטאדט, א מין קאפוויזשאק מיט דעם שולהויף צוזאמען......

זעקסטעס קאפיטעל.

— וואס פאר א שוטה איך בין! האט שבתי-טרייטעל ביי זיך געטראכט שטעהענדיג אויף דעם פארדעק פון דער „אויגוסטא-וויקטאריא", ווען זיא איז זיך רוהיג געגאנגען איבער דיא רוהיגע וואסערן פון דער עלבע און געבענדיג סיגנאלען צו דיא קלענערע דאמפף-שיפען כדי זיי זאלען איהר אויסמיידען. אז מיין קיילע-מנוחה זאגט, אז איך בין א כמך, מסתמא בין איך טאקע א למך לכל הדעות... דיא הויט האט אויף מיר געפלאטערט, ווען איך פלעג מיך דערמאנען, אז איך דארף אריבערפאהרען דעם ים. איז דאס א ים? דער טייצעשער ים? א קלאג צו דיא טייצען מיט זייער ים! אין זייער וויטען האלז דארפען זיי זיך שעמען מיט זייער ים! ארום און ארום איז ער דאך נאר א ביסעל גרעסער פון דעם קאפוויזשא-קער טייבעל, צו וועלכען מיר פלעגען געהן צום תשליך...... הפנים אז דער פוילי-שער איד איז געראטען. דאס איז טאקע מעהר ניט וויא א פינגערהוט וואסער פון דעם רבונו של עולם, און אויב זיין שפיי האט אויך ניט קיין גרעסערע מאס, בין איך מיט מיין נסיעה תקיף ומתוקף!

שבתי-טרייטעל איז קיין פאעטישע נאטור נישט געוועזען און פאר דיא שענ-הייטען פון דער נאטור האט ער קיין הארץ און קיין געפיהל געהאט. צו דערזעל-ביגער צייט, ווען דיא עטליכע הונדערט פאסאזשירען פון דער „אויגוסטא-וויקטא-ריא" זיינען געשטאנען אויף דעם פארדעק און האבען בעוואונדערט דיא פרעכטיגע נאטור-סצענען צו ביידע זייטען פון דער עלבע, איז ער ארונטערגעקראכען אונטען, אין צווישענדעק, האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם שטרויענעם מאטראץ פון זיין בעט און האט זיך גענומען פארנייהען דיא דריי הונדערט און צוואנציג מארק אין זיין זופיצע, וואס זיינען איהם נאך אלע הוצאות איבערגעבליבען אין מזומן.

— אשרי אדם מפחד תמיד, האט ער זיך שטיל אין זיין בארד אריינגעמור-מעלט. וואהל איז דעם מענשען, וואס איז תמיד פארזיכטיג. איך פיהר מיט זיך אזא אוצר מיט געלד און דא אויף דעם שיף האבען מיר כמה וכמה מאות מענ-שען, היתכן אז אונטער אזוי פיעל מענשען זאלען זיך ניט געפינען א פאר גנבים, וויא יענע אין האמבורג, וואס האבען מיך בדרכות געשטעלט?... אבער אז דאס

נעלד וועט ביי מיר ליגען אין מיין חאלאט און איך וועל דאס שטענדיג טראגען אויף מיין לייב, וועלען זיי שוין דאס א קדחת געפינען!

נאָכדעם וויא ער איז פארטיג געוואָרען מיט זיין „אוצר", האָט ער זיך דער־מאָנט אז ער איז א הונגערינגער. — תחילת דארף מען נעהמען א שנעפסעל — האט ער ביי זיך אָבגעפּסק'ענט.

ער האָט ארויסגענומען דיא גרויסע פלאַש „קימעל־שנאַפּס" וועלכע ער אין האמבורג פאַר צוויי מארק געקויפט, האָט געמאכט דיא ברכה „שהכל" און האָט א שטארקען זופּ געטהאָן.

— הפלא ופלא! האט ער מיט א געוויסען נחת רוח אויסגערופען, ווען דער שטארקער און זיסער קימעל־שנאַפּס האָט זיך איבער זיין ברוסט און איבער זיינע געדערים צוגאָסען. א מחיה נפשות!...... עס איז מיר נאר א קשיא, וויא קומט דאס אַז דער נארישער טייץ זאָל זיין א מבין אויף משקה?

ער האָט פערביסען מיט א פּוטער־קיכעל און מיט א שטיקעל טרוקענע קעז, האט געבראַכט אין אָרדנונג זיין פּאק און זיינע פּעקלעך און איז צוריק ארויף אויף דעם פּאָרדעק.

דיא פּאסאזשירען זיינען נאָך אימער געשטאַנען אין גרעסערע און אין קלע־נערע גרופּען און האָבען נאָך אימער בעטראכט דיא שעהנע נאטור־סצענען.

— דאס הייסט פּתאים! האט ער מיט א געוויסער פעראכטונג אין דער שטיל אויסגערופען. וואס קוקען זיי דאָרטען? האבען זיי דען קיין וואסער אין זייער לעבען ניט געזעהן? א ביסעל מעהר, א ביסעל וויינינער, וואס מאכט עס אויס? וואסער איז וואסער!

א פּאָר שעה צייט האָט ער ארומגעשלענדערט אויף דעם פּאָרדעק אהין און אהער. פאר קיין זאך האָט ער קיין אויג ניט געהאט, מעהר נישט וויא פאר דיא הויכע און דיקע מאטראָזען מיט זייערע רויטע און פעטע געזיכטער און מיט זייערע אייזערנע הענד, און קוקענדיג אויף זיי האָט ער ביי זיך געקלערט: איך וואָלט ניט וועלען פון אזעלכע: א פּאטש בעקומען!.... פון זיינעם א רייב אין „פּרעסער" אריין קען מען אויף דריי יאָהר פערגעסען יעלה ויבוא צו זאגען!

ענדליך איז עס אלעס איהם צו לאנגוויילינ געוואָרען.

— לאָם איך בעסער געהן כאַפּען א דרעמעל, האט ער צו זיך געזאגט, כאַפּט זיי דער רוח מיט זייער „טייצעסען טייכעל" און מיט זייערע אלע גליקען!

ער איז ווידער ארונטער אין „צווישענדעק," האָט אויפגעזוכט זיין „מקום

מנוחה״ און האָט זיך מיט גרויס הרחבת הלב אויסגעצויגען אויף דעם שטרויענעם מאטראץ.

באלד האָבען זיך די׳א געדאנקען אָנגעהויבען צו מישען ביי איהם אין קאָפּ. אלעס וואס ער האָט זיך אָנגעזעהן, אָנגעהערט און אלעס וואס ער האט דורכגעלעבט פון דעם טאָג אָן, אין וועלכען ער איז ארויסגעפאָהרען פון קאפּוזישאָק ביז היינטיגען טאָג, זיינען וויא די׳א בילדער פון א פּאנאָראמא פארביי זיינע שלעפעריגע אויגען פארביי געצויגען.

מיט איין מאָל האבען זיך זיינע געדאנקען אפּגעשטעלט ביי דער „שטיינערנער שולמית.״

א צוקערזיסער שמייכעלע האָט זיך אויף זיין שלעפעריגען פּנים אויסגעשניטען און מיט א שלעפעריגע שטימע, מיט דעם ניגון פון „שיר השירים״, האט ער אנגעהויבען צו זינגען:

שובי שובי השולמית,
שובי שובי ונהזה בך.

דאן זיינען זיינע אויגען שווער וויא בליי צוגעפאלען; און אין פינף מינוטען ארום האָט ער שוין געחראָפּעט וויא א קאָזאק אין דער קאזארמע....

אבער וואס איז דאס פאר א „צוקומענעס״?.... ווער איז דאס דער „ארצי מחוצף פנים״ וואס רייסט איהם פון מאטראץ?.... הוי, הוי, דרך ארץ!!........ וואס מיינט איהר, יונגאטשעס? עס איז גאר לת דין ולת דיין בישראל?.... זוכט אייך אוים איין אנדערן מיט וועמען חוזק צו מאכען, מיך זאָלט איהר לאזען צו רוה!......

דאס האט ער אויסגעשריען פּלוצלונג זיינע אויגען עפענענדיג, ווען ער האט מיט איינמאל דערפיהלט וויא אימיצער שלעפּט איהם פון זיין „מקום מנוחה״ און ווארפט איהם אום אהין און אהער.

מיט דעם פעסטען ענטשלוס זיך צו פערטהיידיגען פון די׳א „יונגאטשעס״ ביז זיין לעצטען טראָפּען בלוט, האט ער איך אויפגעכאפּט און האָט זיך געוואָלט ווארפען אויף זיין „שונא״ אבער אין דעמזעלביגען אויגענבליק איז ער צוריק געפלויגען פונקט וויא ער וואָלט געוועזען א גומעלאסטענע פילקע און זיין קאפּ האט זיך אן דער אייזערנער וואנד פון שיף אזוי שטארק אפּגעשלאָגען, דאס עס האבען זיך איהם פון די׳א אויגען גאנצע גארבען פונקען געשאָטען.

— עה, עה, וואס איז דאס פאר א שכל? האט ער אויסגערופען, מילא א ביסעל חוזק מאכען, מאכטייסע, דאס שאדט ניט, אבער אזא קלאפּ געבען א מענ-

שען אין קאפ, דאס איז שוין נאר מעשה סרום !....... דאס, ברידערלעבען, וועל איך אייך נישט שיינקען !

ער האט זיך ווידער א הויב געטהאן פון מאטראץ און האט אנגעהויבען זוכען מיט דיא אויגען דיא „וונגאטשעס".

וויא גרויס איז אבער זיין וואונדער און זיין שרעק געוועזען, אלס ער האט דיא ענטדעקונג געמאכט, דאס אין דעם גאנצען דונקעלען רוים געפינט זיך קיין נפש נים !

נאך מעהר: עפּעס דרייהט זיך אלעס ארום איהם ארום..... דיא בעטלעך מיט דיא מאטראצען טאנצען א קאראהאד.... זיין פאק און זיינע פעקלעך שפּרינגען אום וויא דיא ציגען אויף קאפּוזישאקער שולהויף און זיינע רעגענשירמס ליגען אויף דער ערד און טאנצען א קאזאצקע....

אין קאפ מישט זיך איהם וויא ביי זיין קיילט־מנוחה'ן אין קיך אום ערב שבת עפּעס געהט דארטען ארום א רויך, א טשאד....... אין מויל פיהלט ער א טעם, אזוי וויא דער קאפּוזישאקער קהל'ישער משרת וואלט דארטען איבערגענעכטיגט נאך דער גרויסער סעודה פון חברה־קדישא און אין בויך פאהרען איהם ארום גאנצע קאראוואנען....

— עס קען אנדערש נים זיין, אז דא אין שיף געפינען זיך שדים, כת־לצנים ! האט ער ביי זיך געטראכט און וואס איז דער וואונדער? אזא גרויסער בנין און קיין איינציגע מזוזה !

אבער מען דארף זיי פערטרייבען, איז זיין צווייטער געדאנקען געוועזען און מיט אלע זיינע כחות האט ער אויסגעשריען:

— שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד !

דעם „אחד" האט ער זעהר לאנג אויסגעצויגען: „אחאאאא־אאאד !

אבער עס העלפט נים !....... עס דרייט זיך ווייטער !........ עס טאנצט ווידער !

בררררר——א שרעק !

— אבער ווארט ! האט ער אויסגערופען אזוי וויא ער וואלט מיט איטיצען גערעדט פנים אל פנים. איך האב שוין א נוטען מיטעל !..... ... איהר וועט שוין פון מיר אנטלויפען, וואו פעפער וואקסט !.... וואו איז ער נאר מיין ספר „רזיאל־המלאך" ?

ער האט זיך איינגעבויגען זיין פעקעל אויפצוהויבען און דעם ספר „רזיאל־

המלאך״ ארויסצונעהמען, אבער אין דיזען אויגענבליק האט ער אנגעהויבען צו ברעכען מיט גרין און גאל.

ער איז צוזאמענגעבראָכען אויף דער ערד און איז געבליבען ליגען האלב טוידט.

וויא לאנג ער איז אזוי געלעגען, האָט ער ניט געוואוסט, ווייל אלע זיינע חושים זיינען איהם פערגאַנגען.

— הערא!.... האָלא!...... אויפשטעהן און מארש אויף דעם פאָרדעק! האָט פלוצלונג א טיעפע דייטשע ביער־שטימע אין זיינע אויערן אריינגעקלונגען.

ער האָט געפיהלט וויא צווייא אייזערנע אָרעמס האבען איהם וויא צווי ריע־זענגרויסע צוואַנגען ארומגענומען און האָבען איהם געטראָגען. ער האָט אויף א ווייל אויפגעעפענט זיינע האלבאויסגעגלאָשענע און טיעף און זייערע לעבער איינ־געזונקענע אויגען און האָט דערזעהן איינעם פון יענע מאטראָזען, וועלכע ער האָט פריהער גערעפענט, אז זיי זיינען דיא אייניקלעך פון דיא בני־ענק.

קייכענדיג און שווער אטהעמענדיג האט איהם דער מאטראָז געטראָגען דיא טרעפ ארויף, און איהם אוועקליינענדיג ערגעץ־וואו אין א ווינקעל אויף א שטיק זאגעל־טוך, האָט ער צוגעברומט:

— אופפפ, דיעזער יודע איזט פערדאַמט שווער!

א שטראָם פייכטע און קאלטע לופט האָט אונזער שבתי־טרייטלען א קלאפ געטאָהן אין פנים, ער חאט זיך דערפיהלט וויא ניי געבאָרען און האט וויעדער זיי־נע אויגען געעפענט.

אבער, אל אלהי ישראל!.... עס איז שרעקליך! נישטא קיין ברעקעל סימן פון לאנד, פון יבשה.... הימעל און וואסער און צווישען זיי דרייהט זיך ארום דיא שיף וויא א קליינע מולטער!...... אָט ווארפט זיא זיך אהין, אָט ווארפט זיא זיך אהער, אָט קלעטערט זיא וויא א קאץ אויף דיא בערג און אָט אָט זינקט זיא אין תהום אריין, בפועל ממש אין תהום אריין!.... אוים!.... אלע מוזען דערטרונקען ווערען וויא דיא מייז!.... אבער ניין!.... אָט קאראפקעט זיא זיך ווידער ארויף און קלעטערט שוין ווידער אויף דיא משונה׳דיגע בערג.... און דאס וואסער, דער טייך? זאָל דאס שוין זיין דער „טייצעשער ים״, דעם רבינו של עלם׳ס „פינגערהוט מיט וואסער״? וויא זעהט ער אוים? פלאי פלאים! פריהער העל־גרין וויא געקאָכ־טער סצאוויע און איצט זעהט ער אוים וויא א גרויסע שיסעל מיט סצאוויע, וואס איז שטארק פערוויסט מיט שמעטענע...... און דיא הויכע זענעלבוימער קנאקען, און דיא זעגעלטיכער הוזשען און רוישען און דיא וואסערדיגע בערג שפריצען אויף

אין דער הויך און שפּרינגען אריבער איבער דיא צוויי גרויסע קוימענס פון שיף... שרעקליך!......"

און וואו זיינען זיי אלע דיא פרייליכע און לאבעדיגע מענשען, וואס האָבען ערשט ניט לאנג מיט זייער „קונדעסעריי" שיער דיא שיף איבערגעקעהרט קאַפּויר?...... אהא!...... אַט זיינען זיי, דיא „שטרויענע קאַזאַקען"! אַט ליעגען זיי וויא דיא קעלבער און קרעכצען וויא א יולדת!...... אַזוי, ברידערלעך? איהר האָט פריהער געלאכט פון א נסיעה איבער'ן ים? איצט וויסט איהר פאַצעמו פונט ליכא!....

אָבער וואַרט!...... דאס איז נאָך גאר נישט!...... דאס איז ערשט איין אָנהויב!...... איהר וועט נאָך מעהר אויסגעריסען ווערען!.... זאל נאר דיא שיף אריינקומען אין דעם „גרויסען שפּיי"!....

דאס אלעס איז דורך שבתי־טרייטעלס קאָפּ געגאנגען און ער האט דערביי געפיהלט דעם טעם פון טויט. זיין קאָפּ איז איהם שווער געווען וויא א שטיק בליי און אלע זיינע גליעדער זיינען געוועז וויא צובראָכען, צוריסען. מיט איינמאָל איז איהם געקומען דער רעיון אין דיא געדאנקען, אז ער וועט שוין מעהר ניט אויפשטעהן, אז ער וועט דאָ שטארבען, דיא מאַטראָזען וועלען איהם פארנייען אין א זאק און וועלען איהם אריינוואַרפען אין ים.

— רחמנא יצילני! האט ער אויסגעשריען, אפילו צו קבר ישראל וועל איך נישט קומען!.... אפילו א אידישע לויה וועל איך נישט האבען!...... קיין קבר, קיין מצבה, אפילו קיין ביסעל ארץ־ישראל־זאמד אויך נישט!........ וויא קען עס זיין? וויא איז דאס מעגליך? היתכן?...... מנוחה־קיילע, מנוחח־קיילע! דוא ביזט מיין גזלן!.... דוא ביזט מיין מלאך המות!.... וואס וועסטו פאַרט ענטפערן דעם רבונו של עולם, ווען ער וועט ביי דיר אָפּנעהמען דין וחשבון?....

ער האט זיך געמאַטערט אויפצושטעהן, אָבער דיא שיף האט זיך ווידער א קעהר געטאָהן. ער האט ווידער בעקומען א „מאַטעפּלאַף" און איז געבליבען ליגען כאבן דומם....

זיעבעטעס קאַפּיטעל.

דער וואס האט געזעהן אונזער שבתי־טרייטלען מיט א פּאָר טעג צוריק, ווען דער ריעזענגרויסער אָצעאנדאמפּפער „אויגוסטא־וויקטאריא" האט דורכגעמאכט דעם שרעקליכען שטורם, דורכקרייצענדיג דיא נארד־דייטשע זעע, ווען ער איז גע־

לענען כמעט וויא אין „היהנערפלעט“ אונטער דיא פלינלען פון דער זעע־קראנק־הייט—האט נעמוזט מאכען דיא ברכה „ברוך משנה הבריות“, ווען ער האט אין א פאר טעג ארום ווידער א קוק געטהאן אויף דעמזעלבינען שבתי־טרייטלען.

און דער שנוי איז ווירקליך זעהר גרויס געווען!

עפעס האט ער א נייע נשמה בעקומען, עפעס האבען זיינע אוינען אין איין אנדער גלאנץ געשטראהלט, עפעס האבען זיך זיינע אברים פלינקער און לעבעדיגער בעוועגט. נישטא קיין סימן פון בלייכקייט אין זיין פנים און זיינע באקען בליהען פון יענער שעהן־חנ'עוודיגער רויטקייט מיט וועלכע דיא פרישע יונענד פארבט דיא באקען פון א צוואנציגיאהריגע מיידעל.

וויא א יוננער הירש לויפט ער אום אויף דעם פארדעק פון שיף, רוקט זיך אריין אין דיא געדיכטעסטע גרופען פון דיא פאסאזשירען און אומוואדפענדיג מיט דיא פיס און מיט דיא הענד, שרייט ער:

— חיים־בעריל! חיים־בעריל! איך האב ברויט, בולקעס, הערינג, קארטא־פעל! איך האב א סך! פינף פעניג א ברויטעל!...... אכט פעניג א ווייצענע בול־קע!.... א הערינג מיט קארטאָפעל נאר צעהן פעניג!... ניט טהייער, הלעבען!.. און דיא הערינג א בחיר, אויף מיין הן צדק!...... און דוא כתריאל־נחום? ביזט הונגעריג? ארויס מיט דיא מזומנים!...... זשאלעווע ניט! דוא קריגסט א הע־רינג, דאס הייסט, א שמאלצהערינג, איינער אין דער וועלט!

און שבתי־טרייטעל לויפט וויא א קוועקזילבערנער קייקעל, פערשווינדעט אויף א ווייל אונטען אין צווישענדעק, קומט ווידער צוריק בעלאדען מיט שטיקער ברויט, בולקעס, הערינג און קארטאָפעל, ער קייבט אונטער דיא שווערע לאסט פון דיא מזונות, טהיילט עס אוים אונטער דיא הונגעריגע פאסאזשירען און קלייבט פון זיי צוזאמען דיא קליינע מטבעות.

און הונגעריגע פאסאזשירען זיינען דאָ אויף דער „אויגוסטא־וויקטאריא“ מעהר וויא צוויי הונדערט! דאס זיינען רוסישע פוילישע, גאליציאנישע און רומעני־ישע אידען, וואס פאהרען זוכען זייער „גליק“ אין אמעריקא, אין דעם לאנד, וואו דיא זילבערנע דאלארס וואקסען אין דיא גאסען וויא דיא קעפּלעך קרויט אין דיא גערטנער,—אידען וואס וועלען בעסער הונגערן אייער זיך אנריהרען אן דיא טרפה מאכלים, מיט וועלכע עס ווערען געשפייזט דיא יורדי הים באניות.

דיא „אויגוסטא־וויקטאריא“ שיסט וויא א פייל פון בויגען איבער דיא בקויע וועלען פון דעם אטלאנטישען אצעאן, יענער גרויסער „שפיי“ פון דעם רבונו של עולם, וואס נעהמט ארום כמעט א העלפט פון דעם גאנצען כדור־הארץ, דער ווע־

טער איז פּרעכטיג, אבער נאך פּרעכטיגער איז דער אַפּעטיט בײ דיא אידישע פּאַ־סאזשירען, וואס זיינען שוין איבערגעשמאַגנען דיא שרעקען און דיא ווייטאגען פון דער זעע־קראנקהייט. עס ווילט זיך עסען. אלע ווילע קנורט דער מאגען, וואו און וואס צו נעהמען איז נישטא, אָן טרפות עסען ?—בעסער שטארבען!....

דאס אלעס זעהט אונזער שבת־טרייטעל און פאלט אויף א קלוגע המצאה: ער זאמעלט! ווען דער פּראוויאנט־מייסטער פון שיף טהיילט אויס דיא חלקים שפּייז פאר דיא פּאסאזשירען, נעהמט ער פאר צעהן, פאר פופצעהן פּערזאנען מיט איינמאל און בעהאלט דאס אונטער זיין מאטראץ. דארטען קען מען געפינען א גאנצען מאגאזין פון לעבלעך ברויט, בולקעס, הערינג און געקאכטע קארטאפעל. ער טהוט נאך בעסער! ער נעהמט טרפה מאכלים און מאכט חלוף מיט די דייט־שען אויף כשרה ארטיקלען. ער גיט אוועק א שטיק פלייש פאר א הערינג און א שטיק פודינג פאר א הויפען קארטאפעל און אויף דעם אופן ווערט זיין מאגאזין רייכער פון טאג צו טאג.

און דער משא־ומתן געהט איהם ניט צו זעהר שווער. דיא דייטשען מאכט עס שפּאס מיט איהם צו האנדלען. ער קריגט אפילו זעהר אפט א שנעל אין זיין נאז, אדער א צופּ אין זיין בארד, אבער ער נעהמט עס צו מיט א שמייכעל און קריגט דערפאר דיא מזונות.

שבתי־טרייטעל האט נושא־חן געווען בייא אלע קריסטליכע פּאססאזשירען, והא ראיה: מיט קיין אידישען פּאססאזשיר האבען זיי אזוי פיעל „מחזקות" ניט געמאכט וויא מיט איהם. נאר איהם פלעגען זייא „בעעהרען" מיט דעם שעהנעם טיטעל: „יודישע יוד!", נאר איהם פלעגען זייא ארייננקלעפּען א שטיק וואקס אין באָרד, ווען ער האט געשלאפען. נאר ער פלעגט אָפּגעגאסען ווערען מיט התנה פון דער אויבערשטער בעט און נאר איהם פלעגט מען מכבד זיין מיט א האלבען עמער קאלטע וואסער נאך האלבע נאכט, ווען ער איז פערזונקען געוועזען אין חלומות אין וועלכע זיין קיילע־מנוחה האט געשפּיעלט דיא הויפּטראָלע. נאך מעהר „רייט־זעלינקייט" האט ער געהאט אין דיא אויגען פון דיא קוכארעס. זיי פלעגען איהם איבערגעבען גאנצע זעק מיט קארטאפעל, הערינג אונד ברויט, זייא פלעגען איהם אויך ערלויבען דיא קארטאפעל צו יעדער צייט קאָכען, אָבער דערפאר פלעגט ער מוזען מקבל באהבה זיין, ווען איינער פון זיי פלעגט איהם ארייננשפּריטצען א לעפעל הייסע זופּ אין פנים אריין, אדער ווען אין אנדערער פלעגט איהם איינשמירען דיא ליפּען מיט א שטיק דבר־אחר.

נאך אזעלכע אָפּעראַציאָנען האט ער אפילו געהאט א האלב שעה לאנג צו שפּייען און צו חראקען, אבער דער שכר פאר דיא „ענוים“ איז גענוג גרויס געווען זיין בייטעל פול צו מאכען. ער האט זיך אויף דעם אופן פערשאפט א שפּייז־קרע־מעל'אונד האט געמאכט וויא אין טאָג!

— רבונו של עולם! — פלעגט ער שטענדיג רופען צום הימעל, נאכדעם וויא איינער פון דיא קונדעם'ס האט איהם דעם מויל אויסגעשמירט מיט א שטיק שווײנשמאלץ — דוא ביזט דאך א יודע מחשבות, ד.א. ווייסט דאך, אז איך טהו דאס חלילה ניט במזיד.... א איד איז אין גלות!.... זאל דאס זיין א כפרה אויף מיינע זינד!.... וואס טהוט מען דען ניט וועגען פרנסה!

און זיין פרנסה האט געשטויגען פון טאָג צו טאָג. אלע טאג האט ער בעקו־מען נייען פּראָוויאנט און נייע קונים, און אלע נאכט פלעגט ער נייע פּופּצעהן אָדער צוואנציג מארק איינגייהען אין זיין זופּיצע....

אבער דער, וואס גלויבט, אז שבתי־טרייטעל האט נאָר געזאָרגט פאר דיא לייבער פון זיינע מיטרייזענדע, דער האט א טעות גמור! ער האט אויך געזאָרגט פאר זייערע נשמות, און טאקע געזאָרגט וויא א כשר'ער' פרומער איד!

ער פלעגט אויפשטעהן א בראזג אויף טאג און פלעגט אויפוועקען אלע אי־דישע פּאססאזשירען צום דאווגען, אויסער דיא, פון וועלכע ער האט בייא זיין ער־סטען אין־שול־רופען בעקומען א שפּיי אין פּנים, אדער דיא ברכה: א רוח אין דיין טאטען אריין! אָדער א בריק אין בויך. דאן האט ער איבערגענומען דיא ראָלע פון א „שליח ציבור“, האט זיך געשמעלט ביי דעם במקום עמוד, וואס איז אויסגעבויט געוועזען פון צוויי דריי קאסטענס מיט א טשעמאָדאן פון אויבען אונד האט מתפּלל געוועזען בקול רם, פּונקט וויא פריהער אין דער שניידערשער קלייזעל אין קאפּוויישאָק.

דיא קריסטליכע פּאססאזשירער האבען אָנגעהויבען זעהר שטארק צו פּראָ־טעסטירען, דיא תפילות בציבור האבען זיי נישט געלאָזט שלאָפען, און האבען זיי־ערע פּראָטעסטען בעגלייטעט מיט א האָגעל פון שטיקער ברויט און קארטאָפליעס אויף דיא קעפּ פון דיא מתפּללים, און דאס האט און ער שבתי־טרייטלען געצוואונ־גען זיין פּראָוויזאָרישען בית־המקדש איבערצוטראָגען אויף דעם פּאָרדעק פון דער אויגוסטא וויקטאריע און מתפּלל צו זיין תחת כפּת השמים.

דא האט שוין קיין מענש דיא תפילות ניט געשטערט. דער שיפס־קאפּיטיין, דיא אפיציערען און דיא מאטראזען זיינען גענוג טאלעראנט געוועזען און האבען אויף דיזער אונארדנונג צוגעדריקט אין אויג, און דיא גרויסע ארונים פון דער ער־

שטער און צווייטער קאיוטע, פלעגען שטעהן פון ווייטען און דאס מיט א געוויסען רעספעקט צוזעהען און צוהערן.

איינמאל אבער האבען דיזע תפילות א גרויסען רעש אָנגעמאכט.

עס איז געווען ראש חודש אלול און שבתי-טרייטעל האט פאר זיינע מיטרייזענדע א גרויסע איבערראשונג אנגעגרייט.

פאר דעם דאווגען האט ער פון זיין גרויסען פאק א שופר ארויסגענומען און האט איהם אין זיין בוזים בעהאלטען. גלייך נאך דעם דאווגען, האט ער דעם שופר ארויסגענומען און האט אנגעהויבען צו בלאזען מיט אלע זיינע כחות.

די מתפללים זיינען געבליבען שטעהן וויא פערשטיינערטע פאר איבערראשונג.

אבער אויף דער אויגוסטא וויקטאריא איז דורך דעם געווארען א גאנצע סך מאטאכע. אלע איבריגע פאססאזשירען פון צווישענדעק און פון די קאיוטען, דורך די משונה'דיגע טענער אויפגעוועקט פון שלאף און מיינענדיג, אז די שיף האט איין אונגליק פאסירט, זיינען צושראקענע און האלבנאקעטע פון אלע זייטען צוזאמען געלאפען, האבען זיך ארומגעקוקט נאך אלע זייטען און האבען ניט געקענט אויסגעפינען וואו אייגענטליך די געפאהר ליעגט. אויך דער שיפס-קאפיטאן און די אפיציערען זיינען געקומען צו לויפען.

— די רעטונגס-באאטען הערונטערלאסען!...... אבער שנעל!! — האבען די דאמען פון דער ערשטער און פון דער צווייטער קאיוטע אין דער גרעסטער פערצוויפלונג געשריען.

— וויר זינד פערלארען!.... רעטעט זיך, ווער זיך רעטען קאן! — האבען שוואכהערציגע מענער געיאמערט.

— דער דאמפפער זינקט!.... ער געהט אונטער!

— די שווימגירטעל, שנעל, נעהמט די שווימגירטעל און שפרינגט איבער בארד!

— אך יאָט, אך יאָט, וויר זינד פערלארען! — האט א בערלינער שווינהענדלער אויסגערופען ארומוואַרפענדיג מיט זיינע הענד און פיס — וויר זינד גאנץ פערלארען; עס ייבט קיינע רעטטונג מעהר!

און שבתי-טרייטעל האט זיך פון ארט נישט געריהרט און האט מיט אלע זיינע כחות אין דער פרישער מארגענלופט ארייגעבלאזען:

תקיעה, שברים, תרועה!

באלד אָבער איז עס דעם שיפסקאפיטאן געלונגען די צושראָקענע מעננע

צו בערוהיגען. ער האט זיי מיט זיין עהרענוואָרט פערזיכערט, אז דיא שיף איז קאָרעקט און געפינט זיך נישט אין קיין געפאהר. דער גאנצער רעש שטאמט נאָר פון דער „דומע יודע״.

ער איז צוגעגאנגען צו שבתי־טריימזלען, האט דעם שופר פון זיין האנד ארויסגעריסען און האט צו איהם מיט א דונערדיגע שטימע געזאגט:

— קיינע סקאנדאלען מאכען, יודע!.... זאָלבע קאַטצענ־מוזיק מאכען איזט אונערלויבט!

— אָבער מיר דיענען דאָך גאָט, פּאָריצעל! — האט שבתי־טרייטעל געזוכט איינצואווענדען — אין אלול מוז מען שופר בלאָזען!

— גאָט דיענען קענען זיא, אבער קיינע מענשען שרעקען!... פּאָרט דאמיט!

און מיט דיזע ווערטער האט ער דעם שופר א וואָרף געטהאָן אין ים און ער איז באלד פערשוואונדען געוואָרען אין בלויען תהום.

— ברידער! — האט זיך שבתי־טרייטעל וויא טרויסטענדיג צו דיא אנדערע אידישע פאססאזשירער געווענדעט—דער אויבערשטער וועט אונזערע תפילות אויך אהן שופר־ בלאָזען מקבל באהבה זיין! וויא זאָגט מען עפּעס: אז עס איז ניטאָ קיין אתרוג, בענטשט מען ניט, און אז עס איז ניטאָ קיין שופר בלאָזט מען ניט.... מיר זיינען אין גלות! היינט זיינען זיי, דיא ערלים, דיא תקיפים, אבער לעתיד לבוא, אז משיח וועט קומען, פּי־הא־אא! וועלען זיי דאס אביסעל קרענקען!!

אויסער דיזע קלייניגקייטען, איז שבתי־טרייטעל מיט דער גאנצער נסיעה זעהר צופריעדען געוועזען. מיט דעם ים, פאר וועלכען ער האט פריהער אזוי שטארק מורא געהאַט און וועלכען ער האט פיינט געהאט שנאת מות, האט ער שלום געשלאָסען ער האט נעמליך אויסגעפונען, אז דער טייוועל איז גאָר ניט אזוי סטראשנע, וויא מען מאָלט איהם אויס. ער האט זיך געפיהלט געזונד און שטארק מיט אלע זיינע אברים, איז געשטאנען אין א הייליגען גרוך ביי זיינע אידישע מיטרייזענדער און געלד האט ער געמאכט וויא בלאָטע.

נאָר איין זאך האט זיינע געדאנקען דיא גאנצע צייט שטארק בעשעפטיגט:

— וואו זיינען דאס דיא וואסער־מענשען, דיא פיינע וואסער־נקבות, וואס לעבען אין ים, ווייזען זיך ארויס פון וואסער און זינגען אזוי שעהן, אז עס חאפּט ביים הארצען?...... וואו זיינען דאס דיא ים־לייבען, דיא ים־פערד און דיא ים־קעטץ, פון וועלבע ער האט זיך אין קאפּוזישאָקער בית־המדרש הינטערן אויוועז אין דיא לאנגע ווינטער־נעכט אזוי פיעל אנגעהערט? היינט דער עיקר: וואו איז

דאס דער לויתן, וואס ליעגט אין ים אוקינוס און רינגעלט ארום דיא גאנצע וועלט? עפּעס זעהט מען פון איהם קיין סימן ניט! וואו האט ער זיך בעהאלטען?

שטונדען־לאנג פלעגט ער אָפּשטעהן אויף דעם פּאָרדעק פון שיף און פלעגט זוכענדיג ארויסקוקען אויף דער גרויסער וואססערמאססע, אין דער האפפנונג עפּעס א סימן פון דעם לויתן צו ענטדעקען, א שופּ, א פלוססעפעדער, אדער א שפּיטץ פון זיין עק צו דערזעהן, אָבער גאנץ אומזיסט.

— איך פערשטעה שוין!—האט ער ענדליך אין זיינע געדאנקען בעשלאָססען— דער רבונו של עולם האט איהם שוין געווים צו זיך גענומען און האט איהם שוין איינגעזאַלצען פאַר זיינע צדיקים, און דאס איז א סימן מובהק, אז דיא גאולה איז שוין ניט ווייט!....

אכטעס קאפּיטעל.

און וועהרענד אונזער שבתי־טרייטעל האט אזעלכע פרייליכע חלומות פון א נאָהענטע גאולה שלמה גע'חלומ'ט, וועהרענד זיין זופּיצע איז פון טאג צו טאָג שווערער געוואָרען פון דיא ניי־צוגעקומענע מארקען, וועלכער ער האט יעדע נאכט אין איהר איינגענייט, און וועהרענד ער האט געהאט אזוי פיעל צו זאָרגען פאַר דעם גוף און פאר דעם נפש פון יעדען אידישען פּאססאזשיר – האט זיך מיט איהם גע־טראָפען אזא מין טרעפענים, וואס טרעפט זיך מיט אזא אידען וויא ער אפשר איין מאָל אין א יובל.

שבתי־טרייטעל האט זיך פערליעבט!!....

און פערליעבט, ניט קוקענדיג אויף דיא זעכציג יאָהר, וואס האבען שוין אזוי שווער געלאגערט אויף זיינע פּלייצעס, מיט לייב און לעבען, מיט שיך און זאָקען!...

אין אָנפאנג האט ער גענען דעם יצר־הרע מלחמה געהאלטען מיט אלע זיינע כחות, אבער אויך אזא איד, וויא שבתי טרייטעל, איז נאָר פון פלייש און בלוט בע־שאפען, און פלייש און בלוט איז, בעונותינו הרבים, א סך שוואכער פון אייזען.

און טאקע נאָר איין אייזערנער מענש, מיט א שטאַרקענע הארץ און מיט קר־פערנע אָדערן האט דאברוסקע דיא סאָלדאטקע געקענט ביישטעהן!......

זיא איז שוין אפילו געוועזן א ווייבעל פון אכט און דרייסיג יאָהר (אזוי האט זיא געזאָגט!) אבער אין איהר געשטאלט איז נאך געלעגען יענער זיסער ערב־רב (א שטיקעל פון אבישג השונמית, א האָר פון אסתר המלכה און א הייפעלע פון רחב הזונה), וועלכען דער יצר־הרע שטעלט צוזאמען אין איין פּרויענצימער און האַפּט דערמיט אפילו דעם גרעסטען צדיק.

אין פולק אין וועלכען איהר מאן האט גערינעט אלס פליטיסט, האט מען זיא פשוט צוצופערט...... אפילו דער בייזער פאלקאווניק פלעגט אויסשניידען דעם פריינדליכסטען שמייכעלע אויף זיין שנאפס רויטהען פנים, ווען ער פלעגט זיא בע־גענענען אין גאס און פלעגט זאָגען : זדראוססטוואוי דאברוסקא !

פלעגט זיא האלב צומאכען איינע פון איהרע נאכטשווארצע אויגען און פלעגט א מאך טהאן מיט איהר קאָפּ פון לינקס נאָך רעכטס, זיינען דיא סאָלדאטען גע־פאלען וויא דיא פליענען....

זיא איז אָבער אויך געווען א מליץ־יושר פאר דיא אָרעמע סאָלדאטען און האט זייא זעהר אָפט ארויסגעראטעוועט פון דעם בייזען פולקאָווניק'ס פייערדיגע שמיטץ. האט איינער פון זיי עפּעס פערזינדיגט און איז אין קאזארמע איינגעשלאָ־סען געוואָרען מיט דער זיכערער אויסזיכט אויף פופציג פייערדיגע.. איז דאברוסקא באלד אריבערגעגאנגען צום פולקאָווניק, האט איהם עפּעס וואס אריינגעשושקעט אין אויער אריין, דער בייזער אָדון איז באלד ווייך געוואָרען וויא פוטער און האט געזאָגט: חאָראשאָ !

איהר מאן, דער פליטיסט, האט איהר געהאלטען פאר א מלאך, און ווייל ער איז גראדע ניט געווען קיין עם־הארץ און האט געוואוסט, אז א מלאך קען נישט טהאן קיין צוויי שליחות, דאס הייסט: זיין פאר איהם א ווייב און א מליץ יושר פאר דעם גאנצען פולק, האט ער פאר בעסער געפונען זיין, מלאכ׳טע אָבצושיקען א היים און זיך בעגוגענען מיט איהר ליעבע פון וויטען.

דאס איז פאר איהר געווען א צו שטארקער קלאפּ. באלד אָבער האט זיא אויסגעפונען, אז דיא רוסישע ארמעע איז א סך גרעסער וויא זיא האט אין אָנפאנג געגלויבט, אז אין מינסק זיינען אויך דאָ פולקאָווניקעס מיט סאָלדאטען און האט זיך געטרויסט.

איהר מאן, פון קאווקאז, האט זיך דערוואוסט, אז זיין מלאָכ׳טע אין מינסק טרויסט זיך א ביסעל צו שטארק און האט אנגעהויבען צו פערלאנגען, אז זיא זאל צו איהם צוריק קומען.

דאברוסקען איז אבער דער פלאן ניט געפעלען געוואָרען. דאס אייביגע ארומוואנדערן פון קאזארמע צו קאזארמע איז איהר צו שווער געווען און האט גע־מאכט א שלעכטעווירקונג אויף איהר שעהנהייט, דארום האט זיא זיך ענטשלאָ־סען פאר זיך אויסצוזוכען א מקום מנוחה, וואו זיא זאָל קענען טרייבען איהר גע־שעפט בשלום ושלוה און אויך מיט א ביסעל מעהר רוח ...

און נאָך איהר חשבון, איז אמעריקא דער בעסטער פלאטץ דערצו.

אין אמעריקא, פערשטעהט איהר מיך, זיינען דאָ מענשען פון אלע אומות העולם. דאָרט קען מען קריגען קונדען פון גאנצען כדור-הארץ: אי רוסען, אי דייטשען, אמעריקאנער, פראנצויזען, איטאליענער, אונגארן, ווייסע מענשען, שווארצע, רויטהע, דונקעלע, געלע און אויף דעם אופן קען מען ווערען א וועלטבערימטהייט.

היינט ווער רעדט שוין וועגען דער הכנסה!.... געלד האבען דיא אמעריקאנער וויא מיסט, און א דאָלאר האט ביי זיי א פנים וויא א שפיי.

זיא האט אלעס, וואס זיא האט געהאט, געמאכט צו געלד און איז געפאָהרען נאך אמעריקא, און איהר מזל האט גורם געווען, אז זיא זאל זיך מיט אונזער שבתי-טרייטלען צוזאמענטרעפען אויף דער אויגוסטא-וויקטאָריא.

איהר אויג האט זיך באלד אויף איהם אָבגעשטעלט, אָבער זאללען אונזערע לעזער קיין טעות נישט האבען און מיינען, אז זיין יוגענד און זיין שעהנהייט האבען איהר אויג געפאנגען געכומען דיא מאגנעטישע קראפט, וואס האט אויף איהר הארץ און אויף איהר אויג אזא גרויסע ווירקונג געמאכט, האט ארויסגעשטראָמט פון זיין זופיצע.

זיא האט געמליך אויסגעפונען, אז זיין זופיצע איז א מין געלד-שראנק, וואו עס ליעגען גאנצע אוצרות פערבארגען און האט צוא דיעזע „אוצרות" גרויס חשק בעקומען.

זיא איז באלד איינע פון זיינע בעסטע קונדען געוואָרען און האט איהם געצאהלט גוטע מקחים פאר געקאָכטע קארטאפליעס, הערינג און בוקעס.

עס האט ניט לאנג געדויערט און זיא האט איהם שוין אזוי וויט אין איהר נעטץ געהאלטען, דאס ער האט שוין קיין הארץ געהאט פאר זיינע מיני מזונות ביי איהר געלד צו נעהמען.

— נעהמט נאָר, נעהמט נאָר, דאברוסקעלע!—פלעגט ער צו איהר אין דער שטיל זאָגען און פלעגט זיינע ווערטער מיט א בליק ווייך וויא צולאָזענע פוטער בעגלייטען—נעהמט וויא פיעל אייער הערצעלע געלוסט!.. איך וועל דער-פון חלילה נישט אָרעמער ווערען.... איהר זייט נישט רייך, איך ווייס עס.... נעהמט זאָל איך זיין צו געזונד און מיר צו מצוה!

דאברוסקעלע פלעגט עס צונעהמען און פלעגט איהם דערביי מיט אזא הייסען בליק און מיט אזא זיסען שמייכעלע טראקטירען, דאס זיין אלטע און אויסגעטריקענטע הארץ פלעגט זיך אָנצינדען וויא א שטיק פעכיגע האָלץ און אללע זיינע גליעדער פלעגען ציטטערען וויא דורך דער בעריהרונג פון איין עלעקטרישען שטראָם.

אין אָנפאנג האָט שבתי־טרייטעל גאָר ניט פערשטאַנען, וואָס מיט איהם געהט פאָר.

— וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר?, פלעגט ער זיך אליין אין דיא געדאַנקען פרעגען. וועלכער שווארץ יאָהר ציהט מיך צו איהר? וואָס פאר עסקים האָב איך מיט א פרעמדע ווייבעל? ווארום, בין איך צו איהר מעהר בעל צדקה וויא צו אלע אנדערע פּאַסאַזשירען? וואָס קימערט דאָס מיך אַז זיא וועט ניט האָבען וואָס צו עסען?

און פלעגט איהם קומען א נייער געדאַנקען.

— אהא! איך פערשטעה! דער יצר הרע וויל מיט מיר א שפּיעל טהאָן.... ער וויל כאַפּען מיין נשמה און צוליעב דעם האָט ער זיך בעהאַלטען אין דאַבּרוס־קעלעס גוף....... אָבער א קריינק איהם אין דיא זייטען! מיך כאַפּט מען נישט! איך בין ניט וויא היינטיגע יונגע שקאָציקעס, וועלכע ער כאַפּט מיט איין מאַך פון זיין האַנד...... אָט וועל איך איהם וויזען וואָס שבתי־טרייטעל קען!

ער האָט זיך פעסט ענטשלאָסען דאַבּרוסקען אויסצואווייכען מיט אלע מעגליכקייטען, אָבער דער ענטשלוס האָט אין איהם באַלד געפּלאַצט. קוים זיינען פערגאַנגען צעהן מינוט צייט אין וועלכע ער האָט זיא נישט געזעהן, איז ער געגאַנגען זיא אויפזוכען, נאַטירליך מיט איין אויסרייד, מיט א תרוץ, כדי זיא זאָל זיינע געפיהלען ניט מערקען.

זיא פלעגט איהם אָנקוקען מיט טרויעריגע אויגען און פלעגט דערביי א לאַנגען זיפץ פון איהר ברוסט ארויסלאָזען.

— אָן מיר פערגעסט איהר שוין גאָר, ר׳ שבתי! פלעגט זיא אין א מעלאַנכאָלישען טאָן צו איהם זאָגען. נו יא, קיין פּרעטענזיעס קען איך צו אייך ניט האָבען! ווארום וואָס בין איך דען מיט אייך? א לייבליכער גאָר נישט! אָבער דיא הארץ קען מען ניט איבערמאַכען.... דיא הארץ ציהט מיר דאָך צו אייך........ זאָגט אייך אַז דאָס איז איין עבירה, א זינד, זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, אָבער איך קען מיר ניט העלפען...... עפּעס ציעהט מיך צו אייך וויא א מאַגנעט.... הכּוֹאִי זאָל דאָס גאָר זיין צום גוטען!

שבתי־טרייטעל האָט פון דיזע ווערטער געציטערט וויא א פיש, וואָס ווערט ארויסגעוואָרפען פון וואַסער אויף׳ן ברעג. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט פערציג יאָהר צוריק, ווען ער האָט געבראַכט שלח מנות צו דעם קאַפּוזישאַקער גביר ר׳ שמואל באָנדע, האָט איהם זעלדעצקע, זיין דיענסטמיידעל, כמעט דיא זעלבינע ווערטער געזאָגט און אלס ער האָט איהר געפרעגט, וואָס זיא מיינט מיט דעם,

האט זיא געענטפערט: „איך ליעב דיך, שבתי-טרייטעלע...... איך ליעב דיך וויא מיין אויג אין קאפ!

— נמצא, האט ער דעם פאדעם פון דעם געדאנקען ווייטער געשפונען, אז דיא שעהנע מינסקער ווייבעל מיט דיא צוויי אויגען וויא ברענענדיגע הבדלות ליבט מיך אויך! איי וואס? איך בין שוין א בן ששים? איז אויך קיין קשיא ניט! זאגט מען דען ניט, אז דיא ליעבע מאכט דעם מענשען בלינד? מיין טאכטער דינה פלעגט דאס תמיד זאגען און זיא איז דאך אין אזעלכע זאכען געווים נעניט. עס קען זיין, אז דאברוסקעלע זעהט אין מיר גאר א יונגען מאנציג........ אבער וועה איז מיר! זיא איז דאך א פרעמדע, איין אשת איש!...... שבתי-טרייטעל. האלט זיך פעסט!.... לאז זיך ניט כאפען, כאטש דיא נשמה זאל דיר ארויס!.... דערמאן זיך אן דעם גרויסען עונש דארטען אויף יענער וועלט........ דוא וועסט דארטען האבען צו קלאפען און צו בלאזען און קיין זכות-אבות וועט דיר ניט העלפען!

וועך עס וואלט קענען ארייןקריכען אין שבתי-טרייטעל'ס נשמה און צוזעהן דעם ווילדען כאאס, וואס האט אין איהר געשטורעמט און דיא שווערע מלחמה, וועלכע ער האט מיט זיינע געפיהלען געפיהרט, דער וואלט מוזען צוגעבען, אז שבתי-טרייטעל איז ניט קיין פשוט'ער מענש און וואלט איהם ארויסגעגעבען א דיפלאם אויף א העלד. וואס האט ער נעבעך ניט געטהאן אום פון דעם יצר-הרע'ס לאפעס זיך ארויסדרייהען, אום פון זיינע הענד א „גאנצער" ארויסצוקומען! ער פלעגט פערמאכען דיא אויגען און אויף דער „זינד" ניט קוקען, ער פלעגט אויס-מיידען ביי נאכט מיט איהר אויף דעם פארדעק פון שיף צו בלייבען, ער פלעגט זיך זוכען איינצורייידען, אז זיא איז גאר ניט אזוי שעהן, זיא איז נאר א ביסעל אינגער פון זיין קיילע-מנוחה'ן, אבער אומזיסט! עס האט קיין זאך נישט געהאלפען. אי-בעראל, וואו ער איז געשטאנען, געזעסען, געלעגען, האבען איהם איהרע „זיס-טרפה" אויגען פערפאלגט און האבען איהם ניט געלאזט רוהען.

ענדליך איז ער צו דער פעסטער איבערצייגונג געקומען, אז דאס איז קיין אנדער זאך, וויא נאר כשוף, רחמנא לצלן; זיא מוז קענען דיא „חכמת הכשוף" און האט איהם געוויס בע'כשופ'ט.

און קוים איז איהם דיעזער רעטענדער געדאנקען אין קאפ געקומען, איז ער וויא א הירש אויפגעשפרונגען און האט מיט פריידעשטראהלענדע אויגען אויסגע-רופען:

— אויב אזוי, מיין טייבעלע, הער איך דיך וויא דיא קאץ!...... מיט מיר וועסטו קיין כשוף ניט פראוועןǃ........ דערצו האב איך א מיטעל, א סגולה, אז

עס וועט דיך וואַרפען דיא דרייצעהניאהריגע קדחת!.. דער ספר „רזיאל המלאך" וועט דיך פערטרייבען וואו דער פעפער וואַקסט. און דער ספר „מפעלות אלהים" וועט פון דיר מאכען אש און בלאָטע!

ער האט אין זיין העמד איינגעבונדען א שטיק קנאבעל, וואס דאס איז א סגולה נפלאה נעגען דער עבירה פון „לא תחמוד," האט יעדען טאג אפגעזאגט דרייצעהן קאפיטעך תהילים, ווייל „אהבה" האט דעם מספר דרייצעהן און דעם ספר „רזיאל המלאך" האט ער פון זיינע הענד ניט ארויסגעלאזען.

אבער אלץ אומזיסט! דאברוסקעס אויגען קריכען איהם אין קאפ, אין בוזים, אין הארצען, אין דיא זאקען, זיי קריכען איהם אומעטום!......

וויא א פערצווייפעלטער האט ער דיא הייליגע ספרים פון זיך א שליידער געטהאן און מיט טרעהרען אין דיא אויגען האט ער אויסגערופען:

— רבונו של עולם! אז קנאבעל העלפט ניט, אז תהילים איז אזוי גוט וויא גאר נישט, אז דער ספר „רזיאל המלאך" מיט זיינע אלע שמות און מלאכים קענען מיר ניט ביישטעהן, איז דאך דאס מסתמא דיין ווילען, און געגען דיין ווילען קען איך, שוואכינקער ווערימעל, איך טפה סרוחה ניט געהן!...... זאל שוין געהן וויא עס געהט!...... כן יהי רצון!....

און נאך אין דעמזעלבינגען טאג, אין א מאמענט ווען קיינער האט איהם ניט בעמערקט, האט ער מיט דאברוסקען א „לאנגען שמועס" געהאט און האט איהר מגלה געוועזען דעם סוד, אז ער קען אהן איהר ניט לעבען....

אויף מארגען איז דיא שיף אנגעקומען אין נויארק.

ניינטעס קאפיטעל.

שבתי טרייטעל איז גאר ניט נתפעל געווארען ווען ער האט פון ווייטען צום ערשטען מאל דערזעהן דיא שטאדט נויארק, וואס איז פאר זיינע אויגען וויא א גרויסער ים פון הייזער אויסגעשפרייט געוועזען.

דיא „אויגוסטא-וויקטאריא" איז מיט שוואכען דאמפף געגאנגען איבער דעם „האדסאן ריווער" און איז אלץ נעהענטער געקומען צו „האבאקען", וואו עס ליגט איהר לאַדונגס-פלאץ און וואו זיא דארף לאנדען. אויף דעם פארדעק זיינען געשטאנען אלע פאסאזשירען, האבען דיא שעהנע אמעריקאנישע מעטראפאליע פון ווייטען בעוואונדערט און האבען זייערע געפיהלען אין פערשיעדענע אויסרופונגען אויסגעדריקט.

דער איינציגער אויף וועלכען נויארק האט קיין שום איינדרוק געמאכט, איז געווען אונזער שבתי טרייטעל.

— אט דאס האבען דיא פארצייטיגע מענשען נעדארפט זוכען און געפינען? האט ער מיט א מיענע פון פעראכטונג צו זיינע מיטרייזענדע געזאגט. וואס איז אמעריקא? א קעפעל פון א שפיקע?.... היינט ווייס איך גאר ניט, צו וואס עס איז אין גאנצען כדאי געוועז וועגען איהר אזוי פיעל זיך צו מאטערן! ווארום לאמיר זיך ניט נארען, וואס האט מען דא אזוינס אויסגעפונען? וואס האט דא קאלומבוס מחדש געווען? ער האט אויסגעפונען אמעריקא! און וואס איז דיא גאנצע אמערי־קא? א שטאדט! עפעס קנאפ שטעדט זיינען דא אויף דער וועלט א חוץ נאיארק? וואס דען? איהר וועט מיר זאגען, אז נאיארק איז א גרויסע שטאדט. צוגענעבען! זיא איז טאקע א גרויסע שטאדט, אבער פאר „ביתר" איז זיא דאך ניט גרעסער! איהר שפיעלט זיך עפעס מיט ביתר! אין ביתר פלעגען אלע טאג אריינקומען אכ־ציג טויזענד קעמלען בעלאדען מיט פעפער און דער פעפער פלעגט פערקויפט ווע־רען אין איין טאג. היינט זייט אייך משער: אז פעפער ווערט אזוי ווענינ געניצט, ניט מעהר וויא צו פיש און צו פעפער־קיכלעך, וויפיעל מענשען האבען דאס גע־לעבט אין ביתר, אז זיי האבען געדארפט מדי יום ביומו אויסבריינגען אזוי פיעל פעפער וויפיעל אכציג טויזענד קעמלען קענען טראגען?

דערפאר איז ער שוין א ביסעל ווארעמער געווארען, ווען ער האט דערזעהן דיא טויזענדער שיפען, וואס האבען ארומגעקרייצט דעם ריווער נאך אלע זייטען, דיא פאלאסט־ארטיגע פעררי־באוטס מיט זייערע הויכע קוימענס, דיא גרויסע „מויד" מיט דעם אויסגעשטרעקטען ארעם אין דער הויך (דיא ליבערטי־סטאטוע), דעם ברוקלין־ברידזש, וואס ווייזט אויס פון ווייטען, דאס ער היינגט „על בלימה" און דיא טויזענדער ריעזענגרויסע פאבריקען, וואס ציעהען זיך גלייך וויא א שנור פון ביידע זייטען וואסער. ער האט דערביי געטראכט:

— רבונו של עולם! וואס פאר א גבור וועט דאס מוזען משיח זיין, אז ער וועט דארפען מלחמה האלטען מיט דעם רשע גוג־ומגוג און וועט דאס אלעס דאר־פען פון איהם אוועקנעהמען און אונז אידען אוועקגעבען?!

דערווייל האט זיך דיא „אויגוסטא־וויקטאריא" אפגעשטעלט אין האבאקען, וואו דיא קליינע שיפעל פון „באררזש־אפיס" האט שוין געווארט מקבל צו זיין דיא „גרינע סחורה" און עס אריינצופיהרען בסבר פנים יפות אין „סאמע אמעריקא".

שבתי־טרייטעל האט ניט נאר זיינע „זיעבען זאכען" האסטיג צוזאמענגענו־מען און אויפגעלאדען אויף זיינע פלייצעס, ער האט אויך דאברוסקעלעס פעקעל

נעכאפט און האט עס אלס הכרעה אויף זיין קארק ארויפגעליינט און אלס דאב־רוסקעלע חאט עס איהם מיט א קאקעט־ישען שמייכעלע נעוואלט פערוועהרען, האט ער צו איהר נעזאגט:

— נישקשה, דאברוסקעלע!.... מיר איז ניט שווער.... פון אייערט וועגען איז מיר קיין זאך ניט שווער!

אפילו אין „בארדזש־אפיס,“ וואו עס הערשט שטענדיג דער ווילדעסטער כאאס, וואו א פאר טויזענד מענשען ריידען אין שבעים לשונות וויא ביי דעם טהור־רעם פון בבל, און וואו יעדער איינוואנדערער הויבט שוין אן זיך אויסצוניכטערן פון זיינע חלומות, וועלכע ער האט אין אנפאנג געהאט און אין זיינע געדאנקען ווערט נעבארען דער ערשטער שרעק פאר זיין צוקונפט— האט דאברוסקעלעס מאגנעטיז־מוס אויף שבתי־טרייטלען ניט אויפגעהערט צו ווירקען און ער האט פון איהר ניט געקענט אפטרעטען.

— מיר וועלען ביידע צוזאמען אריין אין שטאדט“ האט ער צו איהר נעזאגט און דארטען וועלען מיר שוין זעהן וואס מיר האבען צו טהאן!

— איך וויים שוין, וואס איך האב דארטען צו טהאן, האט זיא איהם גע־ענטפערט. איך האב דארטען א קאזין און ביי איהם וועל איך וואהנען.

שבתי־טרייטעלס נשמה איז אריינגעפאלען אין דיא זאקען.

— איהר האט א קאזין אין נאיארק? האט ער איהר מיט א ציטערנדע שטי־מע געפרעגט.

— געוויס, ר' שבתי.... איך האב זיין אדרעס. איך האב זיין אדרעס. איך וועל איהם פון דאנען טעלעגראפירען און ער וועט קומען און וועט מיך נעהמען צו זיך.

שבתי־טרייטעל האט געהאט דעם געפיהל אזוי וויא ער פאלט ארונטער פון דער לבנה גלייך אויף דעם קאפויזישאקער שולהויף און פערזינקט ביז האלז אין דער בלאטע, וואס האט דארטען ניט אויסגעטריקענט פון ששת ימי בראשית אן. ער האט נאך אפילו ניט געהאט קיין געפאסטען פלאן וועגען דאברוסקען און דאך האט איהם געשיינט אזוי וויא א גרויסער און א שעהנער בנין וואלט איבער זיין קאפ צוזאמענגעפאלען.

— אט דער קאזין שטעהט מיר שוין וויא א ביין אין האלז! האט ער ביי זיך נעטראכט און אין דער הויף האט ער געפרעגט.

— איז אייער קאזין א בע—וייב—מער?

— ניין, ער איז איין אלמן....... און וויא איך וויים, האט ער ביז יעצט נאך ניט חתונה געהאט.

שבתי־טרייטעלס הארץ האט זיך מיט אזא ווייטאג צוזאמענגעפרעסט. דאס ער האט פון זיינע ליפען מעהר ניט געקענט ארויסבריינגען וויא א האלב־שטומען „המן״

דאברוסקע האט אבער באלד בעמערקט וואס פאר א שרעקליכע ווירקונג דיא נאכריכט פון איהר קאזין האט אויף איהם געמאכט און אום דיא ווירקונג עט־וואס אפצואשוואכען, האט זיא זיך געאיילט צוצוגעבען:

— אויב איהר וועט וועלען, ר' שבתי, וועלען מיר קענען אלע דריי צוזאמען וואהנען....... איך וועל עס ביי מיין קאזין בעטען און ער וועט מיר פאלגען.

אין שבתי־טרייטעלס קאפ איז שוין א ביסעל ליכטינער געווארען.

— וואס איז זיין געשעפט? האט ער געפרעגט.

— ער איז א בדחן....... ער האט פריהער מיט מיין מאן, עליו השנאבעל, געדיענט אין איין פולק....... ער איז געווען א טראמפאטש.....

— איז ער נאך א יונגער מאן?

— איך וויים וואס איהר מיינט, ר' שבתי, האט זיא איהם מיט א קאקעטי־שען שמייכעלע געענטפערט. אבער זייט רוהיג..... איך וועל מיט איהם ניט חתונה האבען!

שבתי־טרייטעלס הארץ האט געטאנצט פאר פרייד.

— ניט חתונה האבען? האט ער געפרעגט. פאר וואס ניט?

— ער איז אפילו מיינער א לייבליכער קאזין, אבער ער איז מיר ניט נאך מיין הארצען..... ווידער א סאלדאט......... עס עסט זיך צו אלץ איינס און דאס זעלביגע....... עס געלוסט זיך עפעס א נייעס....... אלע טאג צוקער עסען ווערט אויך נמאס...... היינט דארפט איהר ניט פערגעסען, ר' שבתי, אז ווען דיא הארץ ציהט צו איינעם קען מען שוין אויף איין אנדערן ניט קוקען.......

זיא האט דערביי איהרע אויגען ארונטערגעלאזען וויא פערשעמט פונקט וויא א יונגע מיידעל, וואס איז איהר געליעבטען צום ערשטען מאל מודה אז זיא ליעבט איהם.

זיי האבען דעם געשעפט געמוזט אונטערברעכען, דען זיי זיינען שוין גע־שטאנען פאר דעם קלערק פון „בארדוש־אפיס״ וואס שרייבט אין א גרויסען בוך דיא נעמען פון דיא „גרינע״.

— וואט'ס יור ניים ?....... וויא הייסט דוא? האט איהם דער קלערק אין ענגליש און אין געבראכענעם דייטש געפרעגט.

— שבתי־טרייטעל ב"ר כתריאל צדוק סג"ל האט ער געענטפערט. זייט מוחל פריצל און פערגעסט נאר ניט דעם „סגל" ווייל איך בין, פערשטעהט איהר מיך, א לוי, דורכאויס געקנאטען פון לוים!

מיט דעם האט זיך דיא פראצעדור געענדיגט און שבתי־טרייטעל איז מיט דאברוסקעלען איבערגעגאנגען אין דעם צווייטען זאל......

און אזוי איז שבתי טרייטעל געקומען אין אמעריקא.

שבתי־טרייטעל אין אמעריקא.

ערשטעס קאפיטעל.

אויף שבתי־טרייטעלס שטערן איז געלעגען א פינסטערער וואלקען און פון דעם קרומען קוק, מיט וועלכען ער האט אלעס ארום זיך בעטראכט, האט מען געקענט פערשטעהן, אז אין זיין הארצען קאכט זיך א גאנצע קאשע פון רגזה און אונצופרידענהייט.

מיר געפינען איהם איינער אליין אין איין ענגען און פינסטערן צימערל „טאפ פלאר" אין שעריף סטריט מיט א האמער אין האנד און ארייגקלאפענדיג א צוועק אין דער וואנד.

דאס איז שוין דער פיערטער צוועק, וועלכען ער מאטערט זיך אומזיסט ארייגצושלאגען. דיא צוועקעס ווילען זיך נישט האלטען אין דיא אמעריקאנישע וועגד, וואס זיינען בעדעקט מיט א טינק פון קאלך און גלייך נאכדעם ווי מען שלאגט זיי אריין פאלען זיי צוריק ארויס.

אויף א ווילע גלעטען זיך אויס דיא פינסטערע קנייטשען פון זיין שטערען, דען דער פערטער צוועק, איז שוין אונטער דיא קלעפ פון דעם האמער מעהר וויא ביז העלפט אריינגעקראכען אין וואנד. ער לייגט אוועק דעם האמער און פרובירט מיט דיא פינגער אויב דער צוועק זיצט געגוג שטארק, קוים אבער האט ער איהם אנגעריהרט, האט זיך א שטיק פון דעם טינק אפגעברעקעלט און דער צוועק איז ארויסגעפאלען וויא אלע דריי פריהערדיגע צוועקעס.

זיינע אויגען פלאקערן אויף אין א ווילדען כעס און דיא קנייטשען אויף זיין שטערען ווערען געדיכטער און פינסטערער.

— פאר'שרפ'עט זאל ווערען אזא מדינה מיט אזעלכע הייזער! שילט ער מיט כעס און שליידערט דעם האמער פון זיך אין א ווינקעל. אלעס איז דא קאפויר.... מיט'ן קאפ אראפ און מיט דיא פיס ארויף.... וואו איז דאס געהערט געווארען,

אז מען זאָל נישט קענען אַ צוועק אין וואנד אריינשלאָגען?........ וואו זאָל איך מיינע חפצים אויפהיינגען? אמת, אין צוויימען חדר איז אפילו דאָ איין אַ מער, אָבער דאָרטען האָט דאברוסקעלע און איהר קאזין אפרויקע זייערע זאכען אויפ־געהאנגען, אמת זיי זיינען בילכער, זיי זיינען דאך דיא בעלי־בתים פון דער דירה און איך ניט מעהר וויא א.... וויא רופען זיי דאס? א...... א ברודער...... ניין, א באָרדער, נו? און אז איך בין יא א באָרדער, דארף איך ניט האָבען וואו מיינע זאכען אויפצוהיינגען?.... אין וועלכען ספר־פראלניק שטעהט דאס געשריעבען, אז א באָרדערס זאכען דארפען זיך וואלגערן? וואָלט ניט גלייכער געווען, ווען אמערי־קא וואָלט פערשרפעט געוואָרען, איידער איך בין צו איהר אָנגעקומען?...... נאָ, וויא איך פערשטעה, וועל איך דאָ קיין האָניג ניט לעקען!

אז אמעריקא איז א לאנד וואו „מען לעקט קיין האָניג ניט" האָט ער שוין פערשטאנען אין דעם ערשטען טאָג ווען ער איז פון שיף ארונטער און ווען אפרויקע, דאברוסקעלעס „קאזין", האָט איהר און איהם גענומען צו זיך אין זיין דירה אין שעריף סטריט. ערשטענס איז איהם שטארק ניט געפעלען געוואָרען דער קבלת־פנים צווישען אפרויקען און דאברוסקען: עפּעס זייער אריינפאלען איינער דעם אנ־דערן אין דיא אָרעמס און דיא הויכקלינגענדיגע קוסען, מיט וועלכע זיי האבען זיך עטליכע מאָל נאָך אנאנד געטראקטירט האָט גאר ניט געקלונגען מעשה־קאזין. קרובים קוסען זיך אזוי ניט. צווייטענס, איז איהם שטארק ניט געפעלען געוואָרען דער אומשטאנד, דאס שוין אין דעם זעלבינען טאָג, האָט איהם אפרויקע מודיע געווען, אז „באָרד" דאס הייסט, דירה מיט קעסט, וועט איהם קאָסטען פיער דאָ־לאר א וואָך, ניט ווייניגער א פרוטה!

— פיער דאלאר א וואָך? האָט ער מיט שרעק אויסגערופען. וועה איז מיר, דאס איז דאך אַ קימא־לן פון אכט רובעל א וואָך!.... וואס בין איך א גובער־נאטער? א שני־למלך?...... עפּעס שמידט זיך ביי מיר געלד? אָדער מיינט איהר אפשר אז איך בין ר' אליעזר בן חרסום?

— חרסום—שמארסום! האָט זיך אפרויקע מיט א גרימאסע אָפּגערופען. ווילט איהר אזוי, איז רעכט, ווען ניט, איז ניט געצימבעלט, איז יאכנע ניט קיין כלה...... דאָ איז אמעריקא, ניט אייער קאפּוזישאק, וואו מיט צעהן רובעל איי־נענס מאכט מען דעם גאנצען פסח און מען מאכט נאָך לכבוד יום־טוב א נייעם דאך צו דער חאטקע.... דאָ, אז מען וויל וואָהנען וויא א מענש און עסען וויא א מענש, מוז מען צאָהלען מיט הארטע דאלארס. איהר הערט, ר' שעפּסעל? מען מוז צאָהלען!

— אבער, רבונו של עולם, האט שבתי־טרייטעל נעיאָמערט. וואו וועל איך דאס נעהמען? עס איז גרינג צו זאגען אכט רובעל א וואך...... איך פערשטעה גאר ניט וויא אזוי קען איך אזוי פיעל פערדיענען?

— דאנה'ט ניט, ר' שעפסעל! האט איהם אפרויקע מיט א קליין געלעכ־טערל אויף זיינע ליפען געענטפערט. איהר האט נעווים ניט וואס צו דאנה'ן...... הלואי בין איך איהר!...... פאר אזעלבע מענשען וויא איהר זייט, איז אמעריקא ממש א גן־עדן...... וואס איהר וועט פערדיענען א וואך קען דאס א גאש־בראט ניט פערדיענען אין א הודש צייט...... איך קען דא אזעלבע וויא איהר וואס הא־בען שווערע טויזענדער אין באנק.... אמעריקא איז חלילה ניט אזוי אויסגעלאסען וויא איהר מיינט. דא ווערען דיא גוטע און פרומע אידען פשוט צוצוקערט.. .... שפעטער, ווען איהר וועט שוין מיט אמעריקא א ביסעל מעהר בעקאנט ווערען, וועט איהר אליין זעהן, אז פיער דאלאר א וואך פאר דירה מיט עסען איז א קטנות שבקטנותים.

— היינט אז איהר וועט אייך ניט דארפען ארומוואלגערן צווישען פרעמדע און איהר וועט וואהנען מיט איינענע מענשען, איז דאס ביי אייך גאר נישט ווערטה? האט זיך דאברוסקע אריינגעמישט און האט איהם צוגעווארפען איינעם פון יענע בליקען, מיט וועלבע זיא פלעגט אמאל אנצינדען א ראטע סאלדאטען.

דאס ווארט „איינענע" מענשען און דאברוסקעלעס פלאמענבליק, אין וועל־כען עס האט זיך אפגעשפיגעלט א גאנצע וועלט מיט „צוזאגעכצען", א גאנצע וועלט מיט בעקאנטע און ניט בעקאנטע פריידען, האט אונזער שבתי־טרייטלען אין גאנצען מנצח געווען.

— וואס זאל איך טהאן! האט ער מיט א זיפץ געענטפערט. אז מען מוז, מוז מען...... מן הסתם וועט דער אויבערשטער העלפען.

דאברוסקע האט אפרויקען א וואונק געגעבען און ער האט דעם וואונק פער־שטאנען.

— און קענט איהר מיר ניט געבען עפעס וואס פאראויס, ר' שעפסעל? האט ער געפרעגט. איך מיין...... פאר א פאר וואכען פאראויס...... איך דארף עס זעהר נויטהיג און אייך איז דאס דאך אלץ איינס...... צוויי מאל וועט אידר חלילה ניט דארפען צאהלען.

— אז איהר דארפט מוז מען אייך געבען.

און ער איז ארויסגעגאנגען אין צווייטען צימער, אום דיא אכט דאלאר

אפצוצאהלען. אין דאברוסקעס און אפרויקעס אויגען האט ער דאס ניט געוואלט טהאָן.

— ערשטענס, האט ער ביי זיך געטראכט, דארפען זיי ניט זעהן וויפיעל געלד איך האב, און צווייטענס האב איך טאקע מורא פאר עין הרע.

— דאברוסקעלע, דוא ביזט א מאלאדיעץ! האט זיך אפרויקע אפגערופען, ווען שבתי-טרייטעל איז ארויסגעגאנגען און האט איהר א כאפ געטהאן ביי דער מארדע. דוא האסט געקראגען א העכט פון העכט-לאנד!

— און דוא האסט געמיינט אז איך בין שוין אויסגעוועבט געווארען? האט זיא איהם געפרעגט און האט איהם א ציה געטהאן איינע פון זיינע וואנצעס. דוא ווייסט דאך אז גרעסערע און קלינערע לייט פון דעם קאפויזישאקער יאלד האב איך געקענט דעם קאפ פערדרייהען!........ געדיינקסט דעם אפטייקער פון דיין פולק? גאנצע אוצרות האט ער מיר איבערגעטראגען........ דוא וועסט זעהן וואס איך וועל מיט דעם יאלד מאכען........ ביז איין סענט וועט ביי מיר פון זיין געלד בלייבען!

— און דוא רעכענסט, אז ער האט טאקע זעהר פיעל?

— זיין זופיצע איז א גאנצע קאזנאציישטווא!

— דיא דארף מען בעקומען!

— פארלאז זיך נאר אויף מיר!........ דוא קוק און שוויינ און קלייב עולם-הבא!

— אה, דאס האב איך שוין אויף דער וועלט, מיין זיסע דאברוסקעלע, האט אפרויקע אויסגערופען און האט איהר א קוש געטהאן גלייך אין דיא ליפען.

— זייא א ביסעל פארזיכטיגער, אפרויקעלע, האט זיא געענטפערט און האט זיך האסטיג פון זיינע ארעמס בעפרייט. דער יאלד פערשטעהט אז דוא ביזט מיר ניט קיין קאזין. ער האט מיר שוין מעהר וויא צעהן מאל געפרעגט, אויב איך בין ווירקליך דיינע א קוזינע.

אין דער מינוט איז שבתי-טרייטעל צוריק אריינגעקומען, האט אפרויקען דערלאנגט דיא אכט דאלאר און האט זיך א לאז געטהאן צו דער גאס טהיר.

— וואוהין געהט איהר, ר' שעפסעל? האט איהם דאברוסקע געפרעגט.

— עפעס קויפען אין קרעמעל, האט ער געענטפערט.

— איהר וועט פערבלאנזען!

— פערבלאנזען? וואס בין איך, א קינד?

און ער איז האסטיג ארויסגעגאנגען.

ביידע האָבען זיך צולאַכט, דאַן האָט זיך אַפּרויקע, אַ גאַנץ ערנסטע מיענע מאַכענדיג, אָפּגערופען:

— דוא ווייסט, ליובטשע מיינע?...... איך וואָלט שוין גערן לויז ווערען פון דיא אָפּגעקלאַפּטע הושענא.... איך קען דאס ניט צוזעהן וויא ער קוקט אויף דיר וויא אַ קאַץ אויף אַ שיסעל שמעטענע.

— און דוא, פּרויקעלע, ביזט פּעפּערזיכטיג?

— פּעפּערזיכטיג, שמעפּערזיכטיג!... אָט אזוי גלאַט, איך וואָלט איהם ניט וועלען האבען אין מיין הויז.... ווער ווייס וואס עס קען זיך מאַכען......

— וואס קען זיך מאַכען? האָט זיא אויסגערופען און האָט אויף איהם אַ פּאָר בייזע אויגען אָנגעשטעלט. וואָס רעדסטו מיט מיר האלבע ווערטער? רייד מיט מיר קלאָרע דיבורים!

— ביי וייבער.... איז..... אַ גרינגע דעה, האָט ער שטאַמלענדיג געענט־פערט. זיי לאָזען זיך...... זעהר גיך...... איינריידען...... מיט דיר, דאַברוס־קעלע, פלעגט זיך דאס אויך...... טרעפען..... דוא געדיינקסט?.... אמאָל.... און שפּעטער...... אין מינסק אויך...... היינט ביזטו מיט מיר געווען קוטשעניר מוטשעניו און מאָרגען האָסטו מיר געגעבען אַ פּוהר מיט אַ גלעקעל, היינט איז פרויקעלע פאר דיר געווען איין עולם ומלואה און מאָרגען האָסטו געהאַט........ אנאַנדערן!

פון מינוט צו מינוט איז דאַברוסקעס פּנים רויט געוואָרען און איהרע אויגען האָקען פון זיך גאַנצע גאַרבען פונקען געשאָסען.

— אַזוי? האָט זיא מיט קייכענדען אָטהעם אויסגערופען. דוא האָסט מיך צוליעב דעם פון מינסק אַראָפּגעבראַכט, מיר מוסר צו זאָגען און מיר דיא אַמאָליגע יאָהרען צו דערמאָנען?...... האַ! האַ!...... איך געפעל דיר ניט!........ דוא ביזט פּעפּערזיכטיג אויף מיר!...... אָבער זאָג מיר, מיין ליעבהאַרציגער ר׳ קרוב, וואָס פאר אַ מחותן ביזטו מיט מיר?......... דוא האָסט עפּעס אַ חלק אין מיר איינגעליינט?..... אויב אַזוי, אויב דוא מיינסט, אַז דוא וועסט מיך פיהרען פאר׳ן נאָז און איך וועל מוזען נאָכטאַנצען נאָך דיין דודקע, האסטו אַ גרויסען טעות, דוא הערסט? אַ גאַנץ גרויסען טעות!...... דוא האָסט מיר גאָר נישט צו זאגען..... מיר זיינען ביידע גאַנץ פרעמדע מענשען...... איך קען מיר טהאָן וואָס איך וויל, איז דיר רעכט אַזוי איז גוט, ווען ניט איז יאַכנע ניט קיין כלה........ איך קען אויסקומען אָהן דיר...... ווארום מישטיינס געזאָגט, וואס פאר אַ גליק האָב איך דאָ נעכאַפּט?...... פרויקעלע דער אנטלאָפענער סאָלדאַט און דא אין אַמעריקא

א בינלער, פששש, אגרויסע פאראדע! אזעלכע גרויסע אדונים קען איך דא קרינגען צעהן פאר איינעם!

און אום איהר פיינעם מאנאלאג צו איללוסטרירען און איהם מעהר געוויכט צו געבען, האט זיא מיט א גרימאסע פון פעראכטונג אויסגעשפּיגען מיט א הויכען „טפו!“ און האט זיך אבגעווענדעט.

אפרויקעס נשמה איז איהם פאר שרעק אריינגעפאלען אין דיא זאקען. ער האט זיא זעהר גוט געקענט און האט געוואוסט אז דער ענין פון „געפינען צעהן פאר איינעם“ איז פאר איהר זעהר א לייכטע זאך. נויארק איז ברוך השם זעהר גרויס און בעלנים אויף געשמאקע און פעטע ביסענס וויא דאברוסקעלע איז, דארף מען דא ניט זוכען ביי טאג מיט ליכט, דארום האט ער זיך גענומען זיא צו בערו־הינגען און דעם שכום פון פריהער וויעדער אנצוקניפּען.

— זעה נאר זעה, וויא דוא האסט זיך אנגעצונדען, האט ער מיט א גע־צוואונגענעם געלעכטערל אויסגערופען. וואס האב איך דיר אזוינס געזאגט?...... מיט וואס האב איך דאס דיין האנאר צוקאשקעט?....... טאר מען דען ניט א ביסעל לצנות טרייבען?....... דוא פערשטעהסט שוין גאר ניט א שפאס?....... פוי, שעמען זאלסטו זיך אין דיין וויטען האלז!......... וויא קען דיר נאר איינפא־לען אז איך וועל דיר הושד זיין מיט אזא חיה וויא דער קאפּויזישער שעפּסעל איז!..... נו, נו, ליובטשע מיינע, קום נאר אהער! זיי מיר ניט בייז און דערלאנג מיר א פיסקאץ מיט דיינע שעהנע ליפּעלעך!

ער האט זיא א כאפּ געטהאן מיט זיינע צוויי הארינע הענד און האט זיא א ציעה געטהאן צו זיך. דאברוסקע האט זיך ניט געוועהרט, דיא צוויי ווערטער „שעהנע ליפּעלעך“ וועלכע זיא האט שוין א לאנגע צייט פון קיין מענשען ניט גע־הערט, האבען איהר הארץ ווייך געמאכט אזוי וויא פוטער און איהר כעס פער־יאגט.

— זעה־שוין! האט זיא צו איהם געזאגט, איך זאל דאס נאך א מאהל פון דיר ניט הערען!......... איך האב דאס פיינד!......... אז איך וואלט דיר נישט ליעב געהאט, וואלט איך צו דיר אזא מהלך־רב נישט געפאהרען........ מיט דעם יאלד וועל איך באלד מאכען א סוף.......... זיינע ממתקים מוזען בלייבען ביי מיר.... דוא, פרויקעלע, גרייט מיר נאר אן א פלעשעל קאניק.

— קאניאק? איך האב עס דא אין דערהיים!

— גוט!.... לאז מיר נאר מאכען!.... זאלסט זיך מיר נאר ניט ארייג־מישען!

— שוין גוט!...... איך וועל שווייגען וויא א קאַטינקע!

ערסט אין א שעה ארום איז שבתי-טרייטעל צוריק געקומען, און גלייך ביי'א זיין אריינקומען, האט מען שוין געקענט מערקען, אז אין זיין ברוסט קאָכט א וויל-דער שטורם.

— גאר אומזיסט דיא פיסס אָפּגעשלאָגען לויפענדיג! — האט ער זעהר בייז אויסגערופען — א מיתה משונה :אַל איינגעהמען אזא מדינה!.... עפּעס א רעכטע זאך קריגט מען דאָ נישט!

וואו זייט איהר געווען, ר' שעפּסעל?—האט איהם אפרויקע געפרעגט.

— וואו בין איך געווען?—האט ער צוריק געברוימט—וואו זאל איך זיין?... אין דיא קראָמען בין איך געווען!... . אפשר אין הונדערט קראמען!

— איהר האט עפּעס געוואָלט קויפען?

— וואס דען? אומזיסט געהמען? איך בין ניט פון דיא, וואס פערלאנגען אומזיסט!

— וואָס האט איהר געוואָלט קויפען?

— וואס!...... הערט א שאלה!.... א קוואטירעל דזשעגעכץ האב איך געוואָלט קויפען!

— וואס?.... דזשעגעכץ?.... צו וואס דארפט איהר דזשעגעכץ?

— הא! הא!.... וואס פאר מאדנע קשיות איהר פרעגט, ר' אפרים!.... אויף א קוגעל מאכען דארף איך קיין דזשעגעכץ ניט.... איך האב נאָר געוואָלט מיינע שטיוועל מיט דזשעגעכץ אויסשמירען.... זייא האבען גאר קיין הדרת-פנים ניט...... זיי זיינען מיר אין וועג צוטרעסקעט געווארען...... אָבער דיא רשעים האבען פון מיר געמאכט א געלעכטער ביז דעם זיבענטען הימעל.... לאכען זאָלען זיי טויטערהייד!

— הא! הא! האאא! — האט יעצט אפרויקע אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער, אָבער דאברוסקע האט איהם צוגעוואָרפען א שטרייגגען בליק, וואס האט געמאכט זיין געלעכטער פלוצלונג אָבשטארבען, און גאנץ ערנסט האט ער געזאָגט: איהר מוזט וויסען, מיין ליעבער ר' שעפּסעל, אז דאָ ביי אונז אין אמעריקא, שמי-ערט מען נישט קיין שיך מיט דזשעגעכטץ!

— וואס דען!—האט זיך שבתי-טרייטעל ווייטער געקאָכט—זאָל איך ארומ-געהן אין בלאָטיגע שטיועל וויא יעדער בעל-עגלה?

— חלילה!.... פאר א ניקעל קריעגט איהר דעם בעסטען שיין!

— וואס קריג איך פאר א ניקעל?

— א שיין!

— וואס הייסט דאס? אדער איהר מאכט חוזק פון מיר?.... פאָלג מיר א גאנג.... נעה צוא דער זון און זאג איהר: נאַ דיר א ניקעל און גיב מיר א שיין! און צו וואס טויג מיר דער שיין פון דער זונן? ביי דעם שיין וועט מען נאך גיכער זעהן אז מיינע שטיוועל זיינען בלאָטיק!

— איהר פערשטעהט מיך נישט, ר' שעפּסעל! א שיין הייסט אויף ענגליש: א גלאַנץ אָפּפּוטצען.... אין סך־הכל קאסט דאס ניט מעהר וויא פינף סענט.... אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אוועקפיהרען, און איהר וועט נעהמען א שיין! אבער שבתי־טרייטעלס בעס האט אלץ העכער געשטיגען.

— טפו זאָל דאס ווערען מיט אזא מדינה! — האט ער געליארעמט, ארומ־וואַרפענדיג מיט זיינע העגד און פיס — עפּעס גאר ווילדע מענשען!.... א גאַסס הייסט ביי זיי: שעריף, ריד, פּיטט, דער שווארץ־יאָהר ווייס זיי!... ביי אונז הייסט דאס שול גאַס באד גאַס, יורזדיקע, ברייטע גאַס, שמאָלע גאַס, ווילנער גאַס, קאָוו־נער גאַס, מען הערט גלייך דעם אידישען נאמען!... בייא אונז קען מען אין יעדער וואַנד חאָטש טויזענד צוועקעס אריינשלאָגען, דאָ איינעם אויך נישט!... ביי אונז געהען דיא אייזענבאַהנען אויף דער ערד, וויא גאָט האט געבאָטען, דאָ פליהען זיי ארום אין דער לופטען, גאָר מעשה שדים רחמנא לצלן!... אָט הערט א מעשה! אז איך בין נעכטען געקומען אין קאנאל סטריט, טראַכט איך מיר: אָט דאָ וועל איך זעהן דעם אמעריקאנער קאנאַל! ערסט עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, לא דוב ולא יער!... נישטאָ קיין קאנאל, קיין טראָפּען וואַסער אויך נישט! איך בין גע־ווען א בעלן און האב א פרעג געטהאן איינעם: זאָגט מיר, ר' קרוב, וואו איז דאס דער אמעריקאנער קאנאל? יענער האט מיך א ווילדע אַנגעקוקט וויא דער הונד דעם קצב, האט א מאך געטהאן מיט דיא פּלייצעס און האט מיר געענטפערט: איך וויים?... דער קאנאל מוז ליעגען זעהר וויים פון דאנען! היינט זאגט מיר, איך בעט אייך, ווען דער קאנאל ליעגט אויף יענעם זיים סמבטיון, פאר וואס רופען דאס דיא פּתאים דיא גאַס קאנאל סטריט? דער תירוץ איז: אמעריקא איז אין דרערד מיט איהרע חכמים, מיט איהר גאוה און מיט איהר גאנצער גדולה. איך וועל ניט פערבייטען דעם קליינעם שול הויף פון קאפּוזישאָק אויף גאנץ אמעריקא, און דעם אמת וועל איך אייך זאָגען, אז ווען איך וואָלט געהאַט אויף הוצאות, וואָלט איך אומגעקעהרט דיא האָלאָבלעס און היידא! צוריק א היים!

— נישקשה, ר' שעפּסעל! — האט זיך יעצט דאָברוסקע אפּגערופען — עס א׳יז גאָר נים אזוי שלעכט, וויא איהר מיינט... צו אמעריקא דאַרף מען זיך גאָר צו

נעוואויהנען... אמת, אמעריקא האט זעהר פיעל חסרונות, זיא האט אבער דערפאר א סך מעלות.... איהר וועט זעהן, וויא גוט מיר וועללען דא, אם ירצה השם, לע־בען!... פאָלגט מיר, ווארפט אוועק דיא פוסטע זאכען!... אט וועל איך מאכען א גלעזעל ווארעמס, מיר וועלען טרינקען טהייא מיט קאָניאק... דאס וועט אייך א גראָשען ניט קאָסטען!.... מיין קאָזין וויל אייך איינפאך טראקטירען!

עס איז איבעריג צו זאָגען, אז פון דאברוסקעס ווערטער האט דער שטורם אין שבתי־טרייטעלס הארצען איינגעשלאָפען און דער וואלקען איז פון זיין שטערן פער־שוואונדען. ער האט באלד מסכים געווען צו דער גלעזעל „ווארעמס" מיט קאָניאק און דאברוסקע איז נעגאנגען מאכען טהייא....

צווייטעס קאפיטעל.

— דאס וועט דיר נישט געשאָנקען ווערען, דוא קיידאצקע!... און דיר אויך ניט, דוא עוכר ישראל!... נישקשה, עס איז דאָ א גאט אויף דער וועלט, אפילו אין דער טרפה'ר אמעריקא איז ער אויך דאָ, און ער וועט זיך מיט אייך, רשעים, אָפרעכענען אויף דער וועלט! — האט שבתי טרייטעל א פאָאר שטונדען שפעטער געשריען און געליארעמט מיט א הייזעריגע, האלב שכור'ע שטימע און האט דערביי מיט זיינע הענד און פיס ארומגעוואָרפען וויא איין אנפאל פון חולי נופלים — אזוי נאר? דאס איז אייער כונה געווען? צוליעב דעם האט איהר מיר מכבד געווען מיט דיא פאָאר גלעזלעך פאָנם? איהר האט ביי מיר דערשמעקט דיא פאָאר גילדען און איהר האט צו זיי גרויס חשק בעקומען... גנב'ענען נאר? א אידען בדלות שטע־לען? האט מען דאס געהערט אזא נבלה אין דער גאנצער וועלט?... אבער אוועק פון טייגעכץ!... שבתי־טרייטלען נארט מען ניט אזוי גיך אין זאק אריין!... שבתי טרייטעל איז ברוך השם, נאך ניט אויסגעוועבט געוואָרען!... שבתי־טרייטעל איז קלינער פון אייך; ער קען אייך קויפען און פארקויפען!... הא, הא, איהר שפיעלט אייך עפעס מיט שבתי־טרייטלען!... עפעס מיט גרעסערע אדונים, וויא איהר זייט, האב איך געהאט צו טהאן! ווארום לאמיר זיך נאר נישט נארען, ווער זייט איהר אזוינס און וואס איז מיט אייך דער יחוס? דוא, דאברוסקע, דוא ביזט פון דיא פאנובעס, אויף וועלכע מען טייטעלט ביי אונז מיט דיא פינגער און ארענטליכע ווייבער שפייען אויס מיט א גרויסען „פע"! און דוא, מיין תנא־ברא? ווער ביזטו דו דאס אזוינער? א פראסטער גנב! א גנב מדאורייתא ומדרבנן! א גנב, וועלכען

איך קען בענטשען מיט דער ברכה: ויתן לך און גאט זאל דיר געבען מטל השמים אלע קריינק פון הימעל ומשמני הארץ און אלע צרות פון דער וועלט, אמן ואמן!

— איך וועל געבען פעטש, פייערדיגע פעטש, אז עס וועלען פליעהען פונקען! — האט דער קאזין געענטפערט און האט זיך מיט ביידע קולאקעס צו איהם אלאז געטהאן.

אבער דאברוסקע האט זיך צווישען זיי געווארפען.

— מאכט ניט קיין סקאנדאל! — האט זיא אויסגערופען — דיא גאנצע גאס וועט צוזאמענלויפען.

— אזוי?... נאך שלאגען אויך? — האט שבתי־טרייטעל מיט גרויס מוטה געשריען — דוא ביזט נאך גערעכט, דוא עוכר ישראל?... איך האב דיך דאך געכאפט פאר'ן האנד, ווען דוא האסט געוואלט מיין געלד פון מיין בגד ארויסנעהמען!.... אזוי שטארק פארשנאשקעט בין איך ניט געווען.... איך האב גאנץ גוט געהערט, וויא דוא ביזט צו מיר אין חדר אריינגעקומען און וויא דוא האסט מיר אנגעהויבען ארומצוטאפען... זעהסטו, דוא ביזט נאך, בעוונותינו הרבים, א גרויסער פארטאטץ, דיא מלאכה דארפסטו זיך א לאנגע צייט לעהרנען, ביז דוא וועסט ווערען א לייטישער גנב!

א פרויקע האט זיך מיט א האסטיגען רוק פון דאברוסקעס הענד בעפרייט, האט זיך וויעדער אלאז געטהאן צו שבתי טרייטלען און איז איהם אריינגעפאהרען אין באק.

דער קלאנג פון א כפול־שמונה'דיגען פאטש האט אריינגעקלונגען אין צימער.

— אט אזוי גיט א גנב! — האט א פרויקע אויסגערופען און זיין האנד איז אראפגעזונקען.

אין ערשטען מאמענט איז אונזער ארעמער שבתי־טרייטעל אויף א פאר ארשין אפגעשפרונגען צוריק און איז שטארק צוטומעלט געווארען, באלד אבער איז ער געקומען צו זיך און גאנץ נאהענט צוגעהענדיג צו אפרויקען, האט ער אויסגערופען:

— שלאג! שלאג נאך!.... דער הונד איז ווערטה דעם שטעקען! זאל דאס זיין א כפרה אויף מיין זינד...... גאט האט געזאגט: לא תחמוד, און איך, רשע, איך, כפר בעיקר, האב מיינע אויגען אויפגעהויבען אויף א מין מרשעת, אויף א מין כזבי בת צור, אויף א מין רחב הזונה און האב געהאט הרהורים רעים....... דיא גאנצע וועג פון האמבורג ביז נאיארק האב איך זיא געקארמעט, געשטאפט וויא א גענזועלע, איהר דיא בעסטע הערינג און דיא בעסטע קארטאפעל געגעבען, ניט

גענומען א פּרוטה ביי איהר........ נו, אז איך בין אזוי נבשל געווארען, אז איך האב אזוי געקענט דעם יוצר הרע נאכגעבען, בין איך טאקע ווערטה א גרעסערן עונש........ נו, אפּרויקעלע גנב, נו, אפּרויקעלע ממזר, שלאג! האק אין מארדע וויפיעל עס קען אריינקריכען!

ער איז פאר אפּרויקען געשטאנען מיט אראפּגעלאזענע הענד, מיט איין ארויסגעשטעלטען פּנים נאך פּארנט, א בעל־תשובה מיט אלע פּיצעלעך און ברעקעלעך וואס איז מוכן ומזומן יעדען עונש פאר גוט אנצונעהמען און האט געווארט אויף דער פארטזעצונג פון אפּרויקעס פּעטש.

אבער מערקווירדיג! אפּרויקע האט קיין שום בעוועגונג געמאכט. זיינע הענד, וואס האבען מיט א פּאר מינוט פריהער אזוי שטארק געשמארצט און האבען אזא גרויסען חשק געהאט פּעטש צו געבען, זיינען שלאף ארונטערגעהאנגען און האבען זיך פון ארט ניט געריהרט, וויא דיא הענד פון א פּאראליזירטען. ווען שבתי־טרייטעל וואלט נאר א מיענע געמאכט איהם צוריק צו געבען, אדער זיך צו וועהרען, וואלט ער איהם גע׳ממית׳ט. דעם רוהיגען און געבראכענעם אלטען מאן האט ער שוין א האר ניט געקענט קרימען.

— געהט אייך געזונטערהייד, ר׳ שעפּסעל! האט ער אויסגערופען און האט זיך מיט א געפיהל פון חרטה אפּגעווענדעט. נאכדעם וויא איהר האט אונז אזוי שטארק בעליידיגר און איהר האט אויף אונז מוציא שם רע געווען, קענט איהר ביי אונז ניט בלייבען!

— עס האט זיך אייך עפּעס גע׳חלום׳ט, ר׳ שעפּסעל, האט דאברוסקע פון איהר זייט צוגעגעבען, איהר זייט א ביסעל פערשנאָשקעט געוועזען און עס האָט זיך אייך אויסגעדאבט, אז מיר וויכען אייער געלד צונעהמען, נא, זאָל דאס זיין א כפּרה אויף אונזערע זינד! איך שווער אייך ביי דעם קבר פון מיין מאמען, עליה השלום, אז דאס איז אונז קיינמאָל אין דיא געדאנקען ניט געקומען.

שבתי־טרייטלען איז זעהר קאלאמוטנע געוואָרען אויף׳ן הארצען. דאברוסקע האָט דאס מיט אזא רחמנות פּנים געזאָגט, איהר שטימע האָט דערביי אזוי וויך געקלונגען און איהרע אויגען, איהרע שעהנע, שווארצע אויגען, האָבען דערביי אזוי עהרליך און אזוי פרום געקוקט, דאס ער האָט פּלוצלונג געפיהלט א ריס אין הארצען. ווער וויים? אפשר האָט זיך דאָס מיר טאקע געחלום׳ט? האָט ער ביי זיך געטראכט. איך האב טאקע איבערגעכאפּט דיא מאָס, צופיעל געטרונקען........

ווען דאברוסקע וואָלט איהם יעצט געבעטען, אז ער זאל ביי זיי בלייבען וואָהנען וואָלט ער א ווא[illegible] ניט איבערגערעדט און וואלט געבליעבען, ער וואָלט

שוין שפּעטער מיט זיי וויא עס איז שלום געשלאָסען, אָבער זיא האָט געשוויגען און דאָס האָט איהם זעהר טיעף געקריינקט. ער האָט איינגעזעהן, אז מען קען שוין דאָ בשום אופן ניט בלייבען און מוז זוכען א קווארטיער. נאך איינמאל האט ער געווארפען א לאנגען און א טרויעריגען בליק אויף דאברוסקעס שעהנע געשטאלט און האט זיך אפּגעווענדעט מיט א שווערען זיפץ.

לאנגזאם האט ער צוזאמענגעקליבען זיינע זעקלעך מיט זיינע פּעקלעך און האט זיי צוזאמענגעפּאַקט. ער האָט נאך אלץ געגלויבט אז דאברוסקע וועט איהם בעטען צו בלייבען.

זיא האט אבער געשוויגען וויא דיא וואנד. ערשט דאמאלס, ווען ער האט זיינע פּעקלעך אויף זיך אויפגעלאדען און האט זיך געווענדעט צום טהיר, האט זיא צו איהם געזאגט:

— פון דעסטוועגען קענען מיר בלייבען גוטע פריינד, ר׳ שעפּסעל, און איהר קענט בעזוכען אזוי אפט וויא איהר ווילט.

דאס האט איהם א שטאך געטהאן אין הארצען.—זיא ליעבט מיך טאקע אין אמת!—האט ער ביי זיך געטראכט.—איך האב זיא אומזיסט חושד געווען! און מיט א צובראכענעם הארצען האט ער דיא הויז פערלאזען...........

דריטעס קאפּיטעל.

ווען ניט דיא אידישע און דיא איירישע לויפערס פון נויארק, וואס האבען אונזער שבתי-טרייטלען קיין מנוחה געגעבען, וואס האבען איהם אטאקירט מיט שטיינער און מיט ציגעל, גלייך וויא ער האט זיך געוויזען אויף דער גאס און וואס האבען איהם אנגעמאכט גאנצע הורבונות אין זיין זיעבען-עקעדיגער. עכט קאפּוי-זישאקער בארד—וואלט ער מיט אמעריקא העכסט צופרידען געוועזען, כאטש ער האט געוואוסט, אז ער איז פערזונקען געווארען אין דיא מ״ט שערי טומאה.

שוין אין דעמזעלביגען טאג אין וועלכען ער האט פון דאברוסקען און אפּרוי-קען „ארויסגעמופס״ האט ער בעקומען דיא שטעלע פון א ווייטער אין א שניידער-שעפּ אין דיוויזיאן סטריט מיט א געהאלט פון צוויי דאלאר א וואך און מיט דיא ערלויבנים אין שאפּ צו שלאפען. זיין ארבייט איז געווען גרינג. ער האט נאר געדארפט דעם שאפּ צוויי מאל אין טאג אויסקעהרען, מאכען פייער אין דעם גרוי-סען אויווען פאר דיא בינגלער און איינמאל אין טאג ארונטערטראגען דיא אש. אויף דעם אופן, האט ער פערשפּארט א דירה און רענט צו צאהלען, און ער האט

דאָ אין דעם גרויסען שאַפּ זיין רעזידענץ מיט אַ געוויסען נחת־רוח אויפגעשלאָ־גען.

פון דיא ארבייטער האָט ער געהערט אַז אין אַמעריקא איז מען זיך נוהג געלד אין אַ באַנק אוועקצולייגען און דאַס דיא געלד איז דאָרטען זיכער וויא ביי זיך אליין. ער האָט דאַס בעטראַכט פאַר אַ סיעתה דשמיה און האָט זיך געאיילט זיינע עט־ליבע הונדערט דאָלאַר אין דער „סיטיזען סייווינג באַנק" צו דעפּאָנירען.

עטוואָס שפּעטער האָט אין איהם איין „אונטערנעהמונגס־גייסט" ערוואַכט. ער האָט געזעהן אַז דיא אַרבייטער און אַרבייטערינען אין שאַפּ ברייגנען אויס טאָג טעגליך זעהר פיעל געלד אויף עפּעל, בענענעס, ניס, סאָדאַ וואַסער און קענדי און דאַס האָט איהם געבראַכט אויף דעם גליקליכען רעיון דאָ אין שאַפּאַ מין שפּייז־קרעמעל אויפצועפענען.

באַלד איז זיין „שפּייז־קרעמעל" זעהר פּאָפּולער געוואָרען. דיא באַיעס און דיא מיידלעך האָבען זיינע פּראָדוקטען מיט גרויס לוסט געקויפט און האָבען גע־צאָהלט גוטע מקחים.

און יעדע וואָך האָט אונזער שבתי־טרייטעל שטילערהייד עטליכע דאָלאַר אוועק־געטראָגען אין דער באַנק און האָט זיי איבערגעגעבען דעם קאַסיר.

אָבער ניט דאַס אַליין האָט ער זיך רערוואוסט אין שאַפּ. ער האָט זיך אויך דאָרטען דערוואוסט, אַז כמעט נאַיאָרק איז אַ „עיר הנדחת", אַ שטאָדט וואָס ליעגט ביז האַלז פערזונקען אין טומאה און דער יצר־הרע איז אין איהר אַ מלך בכפה—פון דעסטוועגען געפינען זיך דאָ אַ סך בתי־חסד און עס זיינען דאָ זעהר פיעל בעלי־צדקה, וואָס גיבען „גאַנצע הויפענס גאָלד" ווען מען שטרעקט נאָר אויס דיא האַנד צו זיי.

דער עיקר איז נאָר צו געפינען אַ גוטען תירוץ צו דער שנאָרערייא!

אָבער שבתי־טרייטעל איז געווען אַ שטיקעל למדן, אַ גמרא־קעפּעל און אין רגע צייט האָט ער שוין געהאַט מעהר וויא צעהן „תירוצים": איך האָב געמאַכט אַ פּירוש אויף דעם ספר „חובת נשים", איך זוך דעם מאַן פון מיין טאָכטער, וואָס האָט איהר מעגן געווען, איך קלייב אויף אַ ספר־תורה פאַר דער אָרעמער חברה „אנשי־בליעל", איך דאַרף אַרויסנעהמען אַ תפוש, וואָס זיצט אין דער תפיסה אי־בער אַ שקר־בלבול; מיין ווייב איז לא עליכם פון אַ קינפּעט פּאַראַליזירט געוואָרען און קען זיך נעבעך ניט ריהרען מיט דיא הענד און פיס, גנבים האָבען ביי מיר צו גענומען ביז אַ שנירעל, איך וויל פאָהרען קיין ארץ־ישראל שטאַרבען, איך פאָהר אַרום קלייבען אויף אַ שוהל אין סמאָרגאָן, וויל דיא אַלטע שול איז אָפּגעברענט

געוואָרען, איך דארף מלביש זיין הונדערט תלמוד-תורה אינגלעך וואס געהען נעבעך ארום קרוע ובלועה, א שאנדע פאר גאָט און לייטען! איך וועל עפענען א כשרה קיך פאר אָרעמע לייט צו פינף סענט א דינער, איין אָרעמע פאמיליע האט דער לענדלאָרד, דער רשע, ארויסגעזעצט אויף דער גאס מיט די בעבעכעס, מען דארף פאר איהם דינגען א דירה; א קראנקער, איין אדם חשוב, א בן תורה, דארף פאָהרען אין יוראָפּ אין די בעדער און האָט ניט אויף א טיקעט.

דאס זיינען אלע גוטע „תירוצים”, אידען זיינען רחמנים בני רחמנים, אפילו אין אמעריקא אויך און מען קען „מאכען” געלד וויא מעקענע!

און שבתי-טרייטעל האָט זיך דערצו א נעהם געטהאָן בכל נפשו ובכל מאודו. צייט האָט ער דערצו גענוג געהאט און זיין שטריימעל מיט זיין אטלעסענע קאפאָטע האָבען איהם צו דעם ענין פון שנאָרערייי זעהר גוט געדיענט.

וויא דער כהן-גדול צו דער עבודה, אין די בגדי השרד, פלעגט ער ארויסגעהן אין זיין שטריימעל און אין זיין אטלעסענע קאפאָטע, פארגארטעלט מיט א זיידענעם גארטעל און פלעגט זיך אוועקלאָזען צו פוס אין די פיינערע גאסען, דאָרטען וואו די אידישע מיליאָנערען וואהנען.

און מיט דער זיכערהייט פון איינעם, וואס קלינגט אין זיין אייגענע הויז, פלעגט ער ציעהען דעם גלאָק און פלעגט פרעגען די דיענסטמיידעל אָדער דעם שווארצען משרת וואס פלעגט איהם עפענען די טהיר:

— איז מיסטער ליוויי אין דער היים?

— יא, אין דער היים...... ווער זייט איהר?........ איך מוז איהם מעלדען!

— איך בין דער רעוורענד שבתי-טרייטעל פון קאפּוויזשאָק.

— האו דו יו ספעלל?

— ספעלל שמעל!...... צו וואס טויגען אייך די המצאות?...... געהט, זייט מוחל, און זאגט איהם פשוט: דער רעוורענד שבתי-טרייטעל וויל איהם זעהן!

שבתי-טרייטעל איז אין דער לעצטער צייט געפאלען אויף א קלוגע המצאה, וואס האט איהם געעפענט די מהירען פון די רייכע הייזער און על פי רוב אויך די קעשענעס פון די „דייטשע יהודים”. ער האט זיך, נעמליך, א נאָמען גענעבען „רעוורענד” ווייל ער האט שוין געוואוסט, אז מיט דעם טיטעל קען ער איבעראל אנקלאפּען און עפּעס פערלאַנגען. דערביי האט ער פאָלגענדען פּשט געלערענט:

— מה דאך איצקע, דער סמארגאנער קאניוך, יאנקעצקע דער אשמינער הינד־שלענער, פייוקע דער באלטרימאנצער שיסטער און ישראלקע דער נעשוויזער בעדער קענען דא אין אמעריקא רעוורענדס זיין און לעבען א גוטען טאג, על אחת כמה וכמה איך, וואס איך בין א בן־תורה, א יודע ספר, איך, וואס איך שאקעל זיי אלעמען אוים פון ארבעל, קען איך דאך בודאי א רעוורענד זיין! איי וואס? זיי טראגען גלאנציגע קוימענס (סטאוו־פייפס) אויף זייערע קעפ? אבער ווער וועט דאס אפלייפענען אז אין א שטריימעל ליגט מעהר קדושה, מעהר אידישקייט וויא אין דעם גויעשקען קוימען?!

דער „דייטשער יהודי" פלעגט ארויסקומען פון זיין קאבינעט, פלעגט שבתי־טרייטלען מיט דער דייטשער העפליכקייט גריסען, פלעגט איהם איינלאדען „פלאץ צו נעהמען" און פאלגענדער שמועס פלעגט זיך צווישען זיי אנקניפען:

— וואס פערשאפט מיר דיא עהרע, ווערטהער הערר רעוורענד?

— איך בין א מחבר, מיסטער ליוויא.

— וואס זינד ויא, ווען איך פראגען דארף?

— א מחבר!...... ווייסט איהר דען ניט וואס א מחבר איז?

— איזט מיר גאנץ אונבעקאנט...... דאך...... ווארטען זיא........ איי נא...... יא, דאס איזט עס!...... איין מחבר איזט עבענזאפיעל וויא איין פער־פאסער...... איזט מיר זעהר אנגענעהם...... פרייט מיך....... אבער, ביטטע, ווערטהער הערר רעוורענד, ערקלעהרען זיא מיר גיטינסט, וואס אייגענטליך האבען זיא פערפאסט? וועלבע שטאפפע האבען זיא ליטעראריש בעהאנדעלט?

— איך האב געמאכט א פירוש אויף דעם ספר „חובת נשים", מיסטער ליווי!

— וואס?...... האיבאט נאשים?...... איזט מיר גאנץ אונבעקאנט.

— הובת נשים איז א ספר וואס רעדט איבער דיא דינים, וועלבע יעדע אי־דענע מוז אפהיטען.

אה, גראסארטיג!...... קאלאסאל!...... בין הערצליך ערפרייט!........ווירקליך איינע רייצע טהעמא!...... זיא מאבען זיך דאמיט אונשטערבליך, מיין ווערטהער הערר רעוורענד!...... אבער איך פערשטעה דענגאך ניכט, וואס קאן זא איין געגענשטאנד מיך אינטערעס־רען?

— אייך דארף עס גאר ניט אינטערעסירען, מיסטער ליווי, איהר דארפט גאר העלפען!

— העלפען?.... וויא זא?

— פערשטעהט איהר מיך, איהר דארפט מזכה את הרבים זיין, אלס עהר־ליבער איד, דאס הייסט: כאטש איהר זייט א דייטשער איד, זייט איהר מחויב פאר אונזער היילינע תורה צו זארגען און מחזיק זיין ידי תלמידי חכמים.

— שור, נעווים, נאטירליך!...... אבער וואללען זיא מיר ניכט זאגען, וואס איך דאביי צו טהון האבע?

— איך האב אייך שוין געזאגט, מיסטער ליוויי, איהר דארפט נאר העלפען. אזא ספר, פערשטעהט איהר מיך, קאסט געלד: הוצאות הדפוס, הוצאות הנייר, און איך בין, לא עליכם, פערשטעהט איהר מיך, א איד, וואס זיצט ניט בצל הכסף, אויף פראסט אידיש, א קבצן!

— אי נא!.... דאס הייסט: איך זאל געלד געבען?

— איהר זייט א חכם, א אידישע קאפ, איהר פערשטעהט א געשעפט!.... דאס מיינט טאקע דער פסוק!

— שיר, נעווים, נאטירליך!.... ווארום זאל איך עס ניכט פערשטעהן?.... דאך מוז איך איהנען, מיין ווערטהער העדר רעוורענד, זאגען דאס איך ווערדע דא־צו קיינען פפעניג געבען!

— ניין? מאי קא משמע לן?

— איך פינדע זאלבע ווערקע, וויא איהר „חאיבאט נאשים״ פיר אונזער יודענטהום גאנץ איבערפליסיג. אונזערע יידישע פרויען זאלען מעהר לערנען מוטער און פרויען אלס היילינער צו זיין. שרייבען זיא עטוואס דאריבער און איך פער־שפרעכע איהנען אלע דרוק־קאסטען צו געבען.

— המ!...... דאס הייסט, איהר האלט פון אזעלכע ניט?

— פא—זי—טיוו ניכט!...... זיא מוזען עס מיר ענטשולדיגען!

— נו, זאל זיין אזוי...... און וויכוחים וויל איך מיט אייך ניט ארייגלאזען זיך, מיסטער ליוויי...... ניין, איז ניין!...... אבער עס ווילט זיך מיר דאך אייך אנבינדען א מצוה!........ איך וויים, אז אפילו די דייטשע יהודים זיינען אויך זעהר נערן א מצוה צו טהאן.

— שור, נעווים, נאטירליך!.... איינע מצוה איזט אימער איין אנגענעהמעס דינג.... זאגען זיא מיר, געפעלינסט, וואס וואללען זיא?

— איך וויל פאהרען אויף מיינע עלטערע יאהרען אין ארץ ישראל און דאר־טען שטארבען!

— נון אלזא...... ווארום פאהרען זיא ניכט?

— איהר פערגעסט, מיסטער ליוויי, אז אזא נסיעה קאסט א הון רב מיט

נעלד און איך בין א דלפון בן דלפון......... פון וואנען זאל איך דאס אזוי פיעל נעלד נעהמען?

— און זיא וואללען, דאס איך זאל איהנען דיא רייזעקאסטען געבען?

— געטראפפען, וויא איך בין א איד!......... מיסטער ליווי, איהר זייט א לאנד-חכם!

— שור, געוויס, נאטירליך!...... און דאס איך איין „חוכים" בין, ווערדען זיא זיך שאן דאדורך איבערצייגען, דאס איך ווערדע זיא קיינען איינציגען העללער דאצו געבען!

— דאס אויך ניט?.... גאט איז מיט אייך!...... ווארום?

— ווייל מיר איזט איינערליי, אב זיא ווערדען אין פאלעסטינא, אדער היער אין נויארק שטערבען!......... שטערבען זיא נור געטראסט, מאן ווירד זוא שאן בעגראבען!

— הע, הע!...... איהר קענט זאגען גוטע המצאות'לך!..... .. חלעבען, נאר ניט שלעכט; אונזער קאפוזישאקער מארשעלאק דארף זיך ביי אייך לערנען, אבער איך וויים, געבען וועט איהר דאך.

— פעללט מיר גאר ניכט איין! איך געבע גאר ניכטס!

— ניין?........ וויא איך זעה געפעלט אייך דיא מצוה אויך ניט!........ אבער איך האב, חלילה, צו אייך נישט........ יעדער מענש האט זיך זיין נוסח: איינער ליעבט דאס, דער אנדערער אנאנדער זאך...... אבער ווארט....... איך האב פאר אייך א סחורה וואס וועט אייך גלייך א באק טהאן ביים הארצען, עס וועט אייך געבען א בריה וויא פייער!......... זאגט מיר, מיסטער ליווי, וואלט איהר געוועזען א בעלן מיר אויסצוהעלפען מיט עטליכע דאלאר, ווען איך זאל ועלכן, א שטיינער, אויפעפענען איין אמת'ע כשרה קיך פאר אונזערע אידעשע ארעמע ארבייטער, צו פינף סענט א דינער?

— גענוג, מיין חערר!...... וויא איך זעה, זינד זיא איין מייסטער אין איהרעם פאך, נאן פלוס אולטרא (אין העכסטען גראד)!......... איך ווערדע מיט איהנען ניע פערטיג ווערדען, זיא ווערדען מיר אימער נייע מצוות פארשלאגען, אבער מיין צייט איזט מיר קאסטבאר......... היער האבען זיא צעהן דאלאר און מאכען זיא דאס זיא זאלען פארטקאמען!...... גוטען מארגען!

אינזער שבתי-טרייטעל פלעגט גאר ניט מבויש ווערען, ער פלעגט דיא צעהנדאלארדיגע אסיגנאציע גאנץ קאלטבלוטיג צונעהמען און פלעגט אוועקגעהן טראכ-

טענדינ: דיא גמרא איז טאקע גערעכט, אפילו דיא רשעי ישראל זיינען מלא מצות כרימון.

און אין דעם זעלבען טאג פלעגט ער דיא צעהן דאלאר אוועקטראגען אין באנק.

פיערטעס קאפיטעל.

א קיילעבדיגער יאהר איז פערגאנגען פון יענעם טאג אן, אין וועלכען שבתי־טרייטעל איז אנגעקומען אין נויארק.

אין דער „עווינקייט" שפיעלט א יאהר א גאנץ קליינע ראלע; דאס איז נאר א קליינער טראפען אין דעם גרויסען ים, וואס מיר רופען אן: „לעבען", אבער אין דעם מענשענס לעבען, איז א יאהר צייט אפטמאל א גאנצע פעריאדע, דער גאנ־צער יסוד פון זיין חיי עולם הזה.

אויך אויף אונזער שבתי טרייטלען האט דער איינציגער יאהר פון זיין אמע־ריקאנישען לעבען א גרויסען רושם געמאכט, און האט איהם כמעט אין גאנצען אומגעארבייט.

ער האט זיך אין דעם משך פון דיא קורצע צוועלף חדשים זעהר פיעל אוים־גערײנט און האט זיך געפיהלט אמעריקאנער מיט לייב און לעבען.

אנשטאט נאיארק, האט ער שוין געזאגט נעוריארק. ווען ניט ווען האט ער אראפגענומען דיא האנד פון הארצען און האט אויסגעגעבען א ניקעל אויף א שיין, על פי רוב אין דיא טעג, ווען ער איז געגאנגען אין „האפטאן" שנאררען. זיין זיע־בענעקקינע בארד האט אויך בעקומען אן אנדער געשטאלט, א געשטאלט, וואס איז בייא דיא בארבערס בעקאנט אונטער דעם נאמען: „בולאנזשע". זיין זופיצע האט ער פערביטען אויף א סורדוט, וואס האט גערייכט אביסעל מעהר איבער דיא קניע, און זיין שטריימעל האט ער פערקויפט מיט א נוטען מקח צו א גארדע־ראבער פון אידישען טהעאטער, וואו דיא אקטיארען האבען איהר אנגענומען בסבר פנים יפות.

א סך צרות און פורעניות האט איהם דיא שטריימעל אין דעם משך פון דעם יאהר צייט איינגעטראגען. זיא איז אלע מאל געווען דער ציעל פאר אלע אידישע און איירישע קויפערס, און זיי האבען איהר שטענדיג פון אלע זייטען געבאמבאר־דירט מיט שטיינער און מיט ציגעל. זיא האט איהם אויך זעהר פיעל געשטערט אין דעם ענין פון שנאררען, דען זעהר אפט פלעגט זיך טרעפען, אז ווען ער פלעגט

אַנקלינגען אין דער הויז פון א רייכען דייטשען יהודי. פלעגט איהם דער משרת, אדער דיא דיענסט-מיידעל מיט איין אויסרוף פון שרעק צוקלאפען דיא טהיר הארט ביי דער נאָז און פלעגט איהם בשום אופן ניט אריינלאָזען.

דיא צייט האט איהם געלערנט, אז אלע אנשים מכובדים טראגען הויכע גלאנציגע קוימענס (סטאָוו-פייפס). ער האט זייא געזעהן אויף דיא קעפ פון דיא רעווערענדס, פון דיא אקטיאָרען און פון מאנכע אידישע מחברים, לויטער מענטשען מיט א נרונר, און ער האט זיך ענטשלאסען פאר זיך איינעם אזעלכען צו פער־שאפען.

ער איז אבער אָפּגעשפּרונגען צוריק פאר שרעק און איז ארויסגעלאָפען ניט טוידט, ניט לעבעדיג פון סטאָר, וואו ער איז געקומען קויפען א גלאנציגען קוימען, ווען דער סיילסמען האט איהם געזאגט, אז אזא הוט קאסט סיקס דאללערס.

אָבער יעדער מענטש האט זיין גליקליכע שעה אין זיין לעבען און א מציאה קריגט מען גאנץ אָפּט גאר ניט געריכטערהייד. אין א סעקאָנד-הענד-סטאָר, אין העסטער סטריט, האט אונזער שבתי-טרייטעל געפונען דאס, וואס ער האט אזא לאנגע צייט אומזיסט געזוכט. דאס איז געווען א צילינדערהוט, וואס האט געווים מיטגעמאכט דעם אמעריקאנישען בירגער קריעג, דיא צייט האט זיינע שווארצע האָר גרינליך געפארבט, דיא ברעגען שטארק אָפּגעשאבען און איין וואנד איינגע־בויגען וויא דער כותל-המערבי אין ירושלים. דערפאר אבער א ווילדע מציאה!.... נישט מעהר וויא פופציג סענט!...

שבתי-טרייטעל האט איהם צוגעחאפט וויא איין אבן טוב, און שוין אין דיא ערסטע טעג נאך דער גליקליכער קניה, האט ער זיך איבערצייגט פון דעם גרויסען כח, וואס ליעגט אין אזא מין הוט: אין דריי הייזער, וואו ער האט אנגעקלונגען מיט זיינע פערשיעדענע תירוצים, האט מען דערלאנגט צוויי, דריי און פינף דאלאר און מען האט איהם גאר נישט פיעל גע'טענה'ט, וויא דאס איז פריהער געווען דער פאל, אין דיא צייטען פון זיין שטריימעל.

אין שנאָררען האט ער בעקומען א געוויסע השלמה און האט געטריבען דעם עסק מיט א געוויסען סיסטעם. ער איז געווען א גרויסער קינסטלער אין אויסגעפי־נען דיא אדרעסען פון דיא רייכע לייט, האט פון הערץ-זאגען געסטודירט זייערע חאראקטערען און זייערע געוואהנהייטען און האט געוואוסט צו וועמען מען דארף צוטרעטען מיט אזא תירוץ און צו וועמען מיט אן אנדער תירוץ.

דעם שניידערשען שאפּ מיט זיין שפייז-קרעמעל האט ער שוין לאנג אויפגע־געבען, ווייל דאס האט איהם געשטערט צוא דעם עסק פון שנאָררעריי. ער האט

אריינגעמופט צו איין אלטע פאר פאלק אין לודלאוו סטריט, וואו ער האט פאר צוויי דאלאר א חודש געקריגען א בעטעל מיט א קיסען צום שלאפען. זיינע מאהל־צייטען פלעגט ער זיך אליין מאכען, און זיי זיינען בעשטאנען פון הערינג, ציבעלע, קנאבעל, רעטעך, עפעל, זויערקרויט, אוגערקעס מיט ברויט. פלייש האט אין זיין מויל ניט געטארט קומען, חאטש ער האט ניט בעלאנגט צו דער סעקטע פון דיא וועגעטאריאנער, נאר דערפאר, ווייל ער האט נישט געגלויבט אין דער כשרות פון דער אמעריקאנישער שחיטה, און ווען ער פלעגט פערביי געהן פערביי א בוטשער־שאפ, אדער פערביי א אידישען רעסטאראן און האט איבערגעלייענט דיא אויפ־שריפטען אויף דיא פענסטער: „כשר" אדער „בשר כשר", האט ער אלע מאל מיט כעס און במעט שרייענדיג אויסגערופען:

— לעבען זאלט איהר אזוי!.... אזוי כשר זאלט איהר קומען צום רבונו של עולם אויף יענער וועלט, וויא דא איז ביי אייך כשר!

צו זיין ווייב און צו זיינע קינדער אין קאפוויזשאק, האט ער דיא גאנצע צייט קיין איינציגע שורה ניט געשריבען, און ער האט דאס ביי זיך רעכט געמאכט מיט דעם געדאנקען: זיי האבען מיך פערטריעבען אין דער טומאה אריין, זיי האבען פון מיר ניט געוואלט וויסען, מסתמא קענען זיי זיך יער שטעדטעל אליין בעשטעהן!.... וואס? זאל איך הארעווען מבקר עד הערב וויא דער אקס אין דער סאכע און זיי מיינע שווער פערהארעוועטע גראשענס אוועקשיקען? אבער לא מיט איין אתנחתא... אזא טיפוש וועל איך ניט זיין!

א פאר פון זיינע לאנדסלייט, וואס זיינען שפעטער פון איהם אנגעקומען אין נויארק, האבען איהם דערצעהלט, אז זיין ווייב קיילע־מנוחה מיט דיא קינדער ליי־דען גרויס דחקות, אז ברוכ'קע קאסעל'פע האט שוין זיין טאכטער דינה לאנג אוועק־געווארפען און איז פון קאפוויזשאק נעלם געווארען, און אז זיי לעבען דארטען פון קצבה, און עס וואלט פון איהם א גרויסער יושר געוועזען, ווען ער זאל זיי ווען־ניט ווען צושיקען עטליכע דאלאר, אדער זייא נעהמען צו זיך און לעבען צוזאמען, וויא גאט האט געבאטען.

דאס האט שבתי טרייטלען אנגעצונדען וויא א פייער א שטיק פעך, און ארומווארפענדיג מיט דיא פיס און מיט דיא הענד, און ציטערנדיג פאר כעס מיט אלע זיינע אברים, האט ער געשריען:

— היו לא תהיה!.... דאס קען ניט זיין און דאס וועט ניט זיין!.... און איך וויים באמת ניט, וואס פאר א מחויב בין איך דאס צו טהאן?... וואס? איך בין א מאן? א טאטע? אבער וואו איז דאס געהערט געווארען אין דער וועלט, אז

מען זאָל א מאַן, א טאַטען ארויסטרייבען ?... עס איז דאָך פּשוט מעשׂה סדום מיט מיר געווען ! גענומען און ארויסגעטריבען ! אויס מאַן, אויס טאַטע ! נישטאָ, מען דאַרף נישט ! א כּפּרה דעם מאַן, א כּפּרה דעם טאַטען !... הע, הע, וואס איז א מאַן ? וואס איז א טאַטע ? א בלאַטע א גאָרנישט, א נעכטיגער טאָג !. . איצט אז דער שוך קוועטשט, אז דער דלות פּייפט אין אלע ווינקעלעך, אז עס איז נישטאָ וואס צו פּאַמפּלען, בין איך שוין ווידער א מאַן און א טאַטע, א מאַן און א טאַטע וואס זאָל געבען, אָבער אזוי לאַנג זאָל איך נישט קריינקען !... איך בין גאָר ניט אזא שוטה... קורץ, איך בין נישטאָ, איך בין געשטאָרבען !

— עס איז דאָך אָבער א רחמנות, ר' שעפּסעל !..... עס איז דאָך חרפּות ביושים פאַר גאָט און פאַר לייטען!... עס איז דאָך פאָרט אייער בלוט און פלייש !

— אמת !... אבער אָבער וויא איז דער דין, אז איך האב נישט ?

— אויב איהר האט נישט, זייט איהר געוויס ניט מחויב... אָבער... צווישען אונזערע לאַנדסלייט מורמעלט מען גאַנץ שטאַרק, אז... אז איהר האט... א פּיי-נעם גראָשען !

שבתי טרייטעל איז א פאַרצאַפּפּעלטער געוואָרען.

— בייזע דורות זאָל ארויסקומען פון דיא, וואס טראַכטען אויף מיר אויס אזעלכע בלבולים !—האט ער געשריען מיט אלע זיינע כוחות—זאָלען זייא דאס האָ-בען אין זייער קאָסטען! זאָלען זיי דאס געבען זייערע קינדער נדן!... איך א פּיינעם גראָשען?! הא ! הא !... מען דאַרף אומקומען פאַר געלעכטער !... וואָס ? איין אוצר האב איך אפשר געפונען? אפשר אויסגע'גנב'עט א קלויסטער? אָפּגע'ירש'ענט רויטצעלטען ? געקריגען א מתנה תרפ"ט אלפים פון דעם באַראָן הירש ?.... נאָ, רבונו של עולם, דוא זאלסט מיך היטען פון איין אמת-בלבול און פון א שקר-בלבול!.. אבער אייך מוז איך זאָגען דעם ריינעם אמת, איהר זייט מיינער א לאַנדסמאַן און דערצו איין עהרליכער איד... איהר זאָלט וויסען, אז איך בין א דלפון שבדלפנים, איין אָרעמאַן וויא מיטוס הרשע, און ווען ניט דיא קליינע נדבות, וועלבע איך קריג איינמאָל אין א שמיטה פון אפּיקורסים, פון שונאי ישראל און פון גלאַט אזוי בעלי גאוה'ת, וואָלט איך שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער !

וויא מיר זעהען, איז אונזער שבתי-טרייטעל, וויא דאס רוב פון דיא פּראָפּע-סיאָנעלע שנאָרער געוועזען נאר א "מכניס" און קיין "מוציא", דאס הייסט: ער האט נאר איינגענומען און ניט אויסגעגעבען און עס איז דארום קיין וואונדער, אז זיין קאַפּיטאַל אין באַנק האט געוואַקסען וויא אויף הייוען און קיין מענשען אין

דער וועלט, וואס האט איהם בענענענט אין זיין אפגעשאבענעם, האלב־פערלאטע־טען, געוועזענעם „פרינץ־אלבערט ראק‟, אין זיין „מי־שהיה־צילינדער הוט‟ און אין זיינע „עליהם־השלום־שיך‟—איז ניט איינגעפאלען, אז דאס איז א בעשעפעניס וואס איז אַ בעל־מטופל מיט עטליכע הונדערט דאלאר.

אין זיין שנארער־סיסטעם איז געלעגען א וועלט מיט דיפּלאמאטישע קונצען און דריידלעך. ער האט אינסטינקטיוו געטראפען, וויא מען דארף צושטעהען וועגען א נדבה צו דעם, און וויא צו דעם אנדערן. ער האט אויך געוואוסט, וויא אזוי צו קומען א צווייטען מאל צו דערזעלבינער פערזאן, פון וועלכע ער האט שוין איינמאל א מתנת־יד בעקומען. האט ער צום ערשטען מאל געשנאָרעט מיט דער טענה, אז איינער, א יונגאטש האָט זיין טאָכטער מענן גנווען,‟ איז ער צום צווייטען מאָל נעקומען מיט דער טענה, „אז ער דארף בעצאלען דעם דרוקער וואס דרוקט זיין ספר „חובת נשים‟ וואס וועט געווים זיין א דבר יקר בישראל.‟

אָבער ניט אַלע מאָל איז דאָס איהם אזוי גרינג צוגענאָנגען. עס האָט זיך איהם זעהר אָפט געטראָפען, אז פון ניין טרעפּ און פון ניין טהירען איז ער געפלויגען וויא א פילקע פון פעדערן און הינטער איהם איז נאָכגעפלויגען זיין פופציג־סענטיגער צילינדערהוט און איז געבליבען ליעגען מיט איהם צוזאמען אויף דעם סיידוואָק, ביז ער האָט פערשטאנען אז דאָס איז א מין „קאפּוליער אָנצוהערענעס‟ אז מען האָט דאָרטען קיין סימפּאטהיע ניט צו זיין טאָכטער דיא „עגונה‟ און צו זיין פירוש אויף דעם „ווייבערשען סוואָד־זאקאָנאָוו‟.

אזעלכע קאפּוליער אָנצוהערענעסען‟ פלעגען איהם אָבער ניט אָבשרעקען און האָבען דעם עסק פון שנאָררייי אפילו במקצת ניט פּאראַליזירט. ער האָט דעם פשט אזוי געלערנט:

— אַרויסגעוואָרפען איז אַרויסגעוואָרפען!....... אַ דאגה מיר!...... אַלץ בעסער וויא אין דער היים....... דאָרטען פלעג איך בעקומען פון דעם אוריאדניק צעהן מאָל מיט דער נאַגאַיקע איבערן רוקען און דעם עירוב האָב איך דאָך ניט געקענט מאַכען און דאָ קריג איך פון ניין הייזער אַרויסגעוואָרפען און אין דיא צעהנטע הויז קריג איך אַ „פינפערל‟, דאס מחצית חשקל אויף אַ הויז...... נאָ, דאס איז נאָך גאָר ניט אזוי שלעכט!

פינפטעס קאפיטעל.

וואס מעהר זיין קאפיטאל האט געוואקסען, האט שבתי־טרייטעל אלץ מעהר געטראכט וועגען צוריק פאהרען א היים.

אבער דיא דאזיגע מחשבה איז איהם ניט געקומען אין קאפ, ווייל ער האט זיך ארומגעזעהן אז אין דער גרויסער שטאדט נויארק, צווישען מיליאנען מענשען, איז ער דאך עלענד וויא א שטיין אין וואסער, אדער ווייל ער האט אנגעהויבען צו בייינקען נאך זיין ווייב און קינדער, ניין, פון דיעזע צוויי געפיהלען איז ביי איהם קיין סימן ניט געוועזן, ער האט זיך דורכאויס ניט עלענד געפיהלט, ווייל ער איז שטענדיג געוועזן אין דער לוסטיגער געזעלשאפט פון זיינע צוזאמענגעשנארעטע דאלאר־לעך און דיא געזעלשאפט איז פאר איהם געוועזן איין עולם ומלואה, אויך האט איהם קיין געפיהל צוריק געצויגען צו זיין ווייב און קינדער, ווייל דאס שטענדיגע נאכיאגען נאך דיא אמעריקאנישע דאלארס, האט יעדען אנדערן געפיהל פון זיין ברוסט פערטריבען. ער האט שוין כמעט אין גאנצען פערגעסען אז ער האט ערגעץ וואו אויף דער וועלט א ווייב און קינדער און ווען ער האט זיך אן דעם יא דער־מאנט, האט ער נאר מיט כעס ארויסגעברומט:

— וואס פאר א מחותן בין איך מיט זיי?...... זיי האבען מיר דאך ארויס־געטריבען!....... פריהער האבען זיי פון מיר ניט געוואלט וויסען. איצט וויל איך פון זיי ניט וויסען! במדה שאדם מודד מודדין לו..... וויא איינער בעט זיך אויס, אזוי שלאפט ער...... איי וואס? זיי זיינען פארט מיינע.... נו וועלען מיר שפע־טער זעהן.

דיא לוסט צוריק צו פאהרען א היים האט ביי איהם געשטאמט פון איין גאנץ אנדערן געפיהל, וואס איז אין איהם אויפגעוועקט געווארען אין דעם טאג, ווען ער האט געמאכט א חשבון מיט דעם קאסיר פון באנק און איז צו זיין שמחה געוואהר געווארען, אז דער פועל יוצא פון זיין שנארען איז דער סכום פון אכט הונדערט מיט פינף און זיעבציג דאלאר.

— אכט הונדערט פינף און זיעבציג דאלאר! האט ער ביי זיך געטראכט, דאס איז דאך גאר קרח'ס אוצרות!...... איך בין דאך איין עושר וויא ר' אליעזר בן חרסום און איך ליעג דא אין נעוו־יארק אין דיא מ"ט שערי טומאה און איך זעה זיך גאר ניט ארויס! ווער קען דא מיר און וואס פאר א פנים האב איך דא? עפעס גרעסערע מיליאנערען פון מיר האבען דא קיין צורה ניט...... ווער קען זיי,

ווער ווייס זיי? אבער אין דער היים, אין קאפּוויזשאק, אז מען וועט נעוואהר ווער־רען, אז שבתי־טרייטעל האט אזא הון רב וועל איך דאך ממש זיין א קיסר!......
איך וועל דאך אויסשאקלען פון ארבעל יאשקען דעם האלאפּוזע מיט זיינע צוויי קראמען, וויגדערקען דיא קוצע־הענטעל מיט זיין ברייזעל און מיט דיא צוויי ציגען און רפאל'קען דעם שיינקער מיט זיין נייע הויז. אכט הונדערט פינף און זיעבציג דאלאר! דאס איז דאך א קימא־לן פון אכטצעהן הונדערט רוסישע רובעל........
א געוואלד!.... א וועלט מיט געלד!

ער האט זיך אויף א ווייל פערטראכט און האט דעם פאדים פון דעם גע־דאנקען ווייטער געשפּונען:

און אין אמת געדעדט איז אמעריקא פאר מיר א פלאץ? אמת געלד קען דא מאכען וויא בלאטע, דערפאר אבער האט מען דא אפילו מיט געלד גאר קיין צורה ניט........ מען ווייס ניט, אז פלוני בן פלוני איז איין עושר, אז גאט האט איהם געבענשט מיט אוצרות, אז מען מעג איהם מיט א ביסעל מעהר דרך ארץ בעטראכטען, אז מען דארף איהם נישט רופען „מיסטער" מיט אלע שניידער און שוסטער צו גלייך.... הערט א מין מדינה! איך, שבתי־טרייטעל, א איד א חשוב, א בן־תורה און דערצו אן עושר, בין א מיסטער און זרח'קע דער אפּרייטער, א גראבער יונג, א בור דאורייתא, וואס מאכט איבער א דונער דיא ברכה „בורא מיני מזונות" איז אויך א מיסטער!......... קען מען לעבען? דארף מען זיך עפּעס א מעשה ניט אנטהאן?.... אבער אז איך וועל קומען אהיים, איז דיא גאנצע וועלט פאר מיר!...... ווער ווען וועט מען אפּגעבען דעם ברייטען גוט־מארגען? ר' שבתי־טרייטלען! צו וועמען וועט קומען דער רב גוט־יום־טוב בימען? צו דעם נגיד ר' שבתי־טרייטלען! ווער וועט בעקומען „שלישי" אום יום־כפור און דיא פתיחה צו נעילה? ר' שבתי־טרייטעל דער עושר און דער למדן! היינט סנדק איז א הונד? און גבאי־ראשון אין הברה־קדישא איז גאר א שמעק־טאבאק ניט ווערנזה? מען וועט דאך מיר פארווארפען מיט דיא גרעסטע כבודים, מען וועט דאך מיר ממש צוציקערן!........ שבתי־טרייטעל אהין, שבתי־טרייטעל אהער, וואו נאר עפּעס א רעכטע זאך, איז שבתי־טרייטעל דער ערשטער און טאקע אויבענאן!......... און דא אין נעוו־יארק, וואס האב איך דא דערלעבט? שטיינער און שטיקער קויהלע, אין קאפּ און גאנצע חורבונות אין מיין בארד!........ האב איך עפּעס א פּנים אז איך קום אין שול דאווענען? קוקט אימעצער אויף מיר? ווייס הפּנים איינער אז דארטען אין ווענקעלע שטעהט א רויטצעלט, א וואנדערבילט און דערצו נאך א למדן און א ירא־שמים?....... נעבייי וואלט זיך געפינען איינער וואס זאל זאגען:

„הונגר, טייוועל, ר' שבתי־טרייטעל, נאט איין שלישי" ! אדער „ר' שבתי־טרייטעל טהוט מיר אָן דעם כבוד און זייט ביי מיר סנדק !" טפו אויף אזא מדינה און אויף אזעלכע מענשען !

מיט יעדען טאג איז זיין ענטשלוס צו פאָהרען אהיים אלץ פעסטער געוואָרען און ער האָט שוין ביסלעכווייז דיא הכנות דערצו געמאכט.

נאָר איין זאַך האָט איהם שטארק געשראָקען : דיא גרויסע הוצאות פון אזא ווייטע נסיעה. עפּעס א קלייניגקייט קויפען א טיקעט אויף א שיף און דאן נאָך צאָהלען פאר אייזענבאהן פון האמבורג ביז קאפּוזישאק !

דאס וועט ביי איהם צונעהמען א האלבע מאה !

— א האלבע מאה!...... הונדערט רובעל !.... שרעקליך !

פּלוצלונג האט איהם א געדאנקען אין קאָפּ ארייגעבליצט : דיא „היברו טשאריטעס" אין דער אכטער סטריט....

— יענע דייטשע יהודים העלפען אוים מיט א טיקעט און זיי האבען נאָך דיא מעלה, דאָס זיי ריידען מאמע־לשון ! האט ער ביי זיך געטראכט. מיט זי וועל איך שוין פארטיג ווערען !...... פריהער האבען זיי מיר געגעבען צעהן דאָלאר פאר מיין טאָכטער דיא „ענונח," איצט וועל איך זיי דערצעהלען, אז איך פאָהר שטאר־בען אין ארץ־ישראל און אויך דעם וועלען זיי מיר גיכער און מעהר געבען........ אָה, זיי וועלען שוין געבען !...... א ברירה וועלען זיי האבען ?

און אין א געוויסען פריהמאָרגען האט ער געמאכט א גאנג צו דעם אָפּיס פון דיא „היברו טשאריטים" אין דער אכטער סטריט.

אָבער אין רעכטען מיטען וועג איז געקומען דער „שטן" און האט זיין גאנ־צען פּלאן צערשטערט.

ארייגקומענדיג אין דער סעקאָנד עוועניו און געהענדיג טיעף פערטראכט וועגען זיינע טענות אין דעם אָפיס פון דיא „היברו טשאריטים" האט א בעקאנטע שטימע אין זיינע אויערן פּלוצלונג ארייגעקלונגען :

— העללאה, ר' שעפּסעל !

ער האט זיך האסטיג ארומגעקוקט און איז געבליעבען שטעהן וויא פּאראלי־זירט מיט איין אפענעם מויל און מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען.

— ווער איז דאס דיא שררות'טע ? האט ער ביי זיך געטראכט, פון וואנען קען זיא ריידען אידעש און פון וואנען קען זיא מיך ?...... עפּעס איז זיא נאר וויא איין אויסגעמאלטע........ וויא ווייס דער שטערן....... .. און דיא באקען ברע־נען........ היינט וויא רייך זיא איז געקליידעט........ דורך אין זיידענס......

און אויף דעם הוט אזוי פיעל בלומען! אזוי פיעל—א גאנצער גארטען -....... און אויף דער ברוסט ווידער א פאע מיט בלומען; היינט דיא שעהנע הענדסקעלעך... און דער פיינער פאראסאנטשיק (זאנענשירם)....... ער קאסט אודאי איין אוצר מיט געלד......... און א ריח שלאגט פון איהרע קליידער וויא פון גן־עדן......... און מיט וועלכע אויגען קוקט זיא אויף איהם.......... עפעס גאר אזוי וויא זיא וואלט איהם וועלען איינשלינגען.... ווער זאל דאס זיין?....

דיא „שררות'טע" האט הפנים געמוזט וויסען וואס עס געהט פאר אין שבתי־טרייטעלס קאפ און דאס האט איהר שפאס געמאכט. זיא האט איהרע לא־בעדיגע אויגען נאך טיעפער אין זיין געזיכט איינגעגראבען און האט געשוויגען.

פלוצלונג איז א ציטער דורך זיינע גליעדער דורכגעפלויגען. דער זכרון האט זיך צו איהם אומגעקעהרט.

— מריה דעלמא כולה! האט ער אין דיא געדאנקען אויסגערופען. דאס איז דאך זיא...... דאברוסקע...... דיא שעהנע דאברוסקעלע........ דאברוסקעלע מיט דיא ביינער...... אבער היתכן?........ זיא זעהט דאך עפעס גאר אויס וויא א בת־מלכה און מיט א יאהר צעהן אינגער.......... אפשר האב איך א טעות? וויא קען דאס זיין אז א מענש, אנשטאט צו ווערען עלטער, זאל גאר ווערען אינ־גער? און פון האבען זיך צו איהר גענומען דיא טהייערע מלבושים?......... ניין, דאס קען זיא ניט זיין...... און דאך...... איהרע אויגען, איהרע בעקעלעך, איהר געטאקטער נעזעלע, איהר חנ'עוודיגע מארדעצקע, איהר זיסער קול'כעלע און זיא האט איהם דאך גערופען ביי זיין נאמען........ בפירוש האט זיא „ר' שעפסעל" געזאגט......

— וויא?.... איהר דערקענט מיך ניט, ר' שעפסעל? האט זיא זיך ווידער אפגערופען און האט זיינע געדאנקען איבערגעשניטען.

— איתר....... דאברוסקעלע........ האט ער ארויסגעשטאמעלט. טאקע איהר...... זאל איך אזוי געזונד זיין!...... אבער שווער....... זעהר שווער צו דערקענען.

— איהר האט מיך ניט דערקענט......... פערשטעהט זיך! האט זיא זיך אפגערופען און איהר פנים האט זיך אין א לייכטען וואלקען פון טרויער פערפינס־טערט. דאס קומט דערפון, ווייל אייערע אמת'ע פריינד ליעגען אייך אפילו אין פיאטע ניט, ווייל איהר ווילט פון מיר ניט וויסען...... זעהט איהר? איך בין שוין אנדערש...... איך האב גאר ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען אייך........ איהר זייט מיר אויף קיין איינציגע מינוט פון מיין זינען ניט ארויס.......... און

ווייסט איהר פאר וואס?........ עס איז טאקע א חרפה צו זאגען........ מען איז דאך מעהר נים וויא א פראוויזאנציה............ אבער א הארץ קען מען נים איבער־מאכען...... א חרפה אין א זייט......... וואס אמת איז אמת......... איך האב ליעב.......... איהר זייט מיר איינגעבאקען אין הארצען............ איך האב מיינע אויגען אויסגעקוקט אויף אייך.......... איך האב ממש גע׳חלש׳ט אייך צו זעהען.

ווען שבתי־טרייטעלס הארץ וואלט געווען א שטיק אייז, וואלט זיא פון אזעלכע ווארעמע ווערטער אויך צושמאלצען געווארען. נאר דאס בלוט פון זיין קערפער איז איהם אריין אין זיין פנים, און דער פונק פון תאוה, וואס האט נאך פון אמאל אן אין איהם צו דער שעהנער דאברוסקעלען געברענט, האט יעצט אין העלע פלאמען אויפגעפלאקערט.

— אוי, אוי! — האט ער אויסגערופען און זיין הארץ האט אין איהם גע־טאנצט פאר פרייד — אזוי שטארק האט איהר מיך טאקע ליעב, דאברוסקעלע?

— איך בעט אייך, מיין פריינד, פרעגט דאס מיר נים!... א פרויענצימער איז דאס זעהר שווער צו זאגען...... א פרויענצימער שעהמט זיך מעהר וויא א מאן.... אבער איהר ווייסט עס שוין פון לאנג... איך האב אייך דאס שוין מעהר וויא צעהן מאל ארויסגעוויזען!

ארויסגעוויזען?... ווען?.... וויא אזוי? ער האט זיך דאס בשום אופן נים געקענט דערמאנען. מיט קיין זאך אין דער וועלט האט זיא איהם נים בעוויזען, אז זיא ליעבט איהם. אמת, זיא פלעגט זיך לאזען א קניפ טהאן אין באק, זיא פלעגט איבערטראגען זיין גלעט איבער דער מארדע, ווייטער איז ער חלילה נישט געגאנגען האטש דער יצר־הרע פלעגט איהם רייסען וויא מיט אייזערנע צוואנגען..... וויא אזוי? ער איז דאך חלילה נישט קיין הולטאי, קיין אשת־איש׳ניק! אה, ווען ער וואלט געווען א גרוש, אדער איין אלמן.... מיט ביידע הענד וואלט ער זיא צוגע־כאפט!..... און דא רעדט זיא מיט איהם אזוי אפען.... זיא זאגט, אז זיא האט איהם ליעב, אז זיא האט דאס איהם בעוויזען.... מיט וואס?.... אבער צו וואס טוינגען דיא פשט׳לעך, דיא חריפות און דיא פלפולים? זיא זאגט דאך דאס בפירוש!.... און אז זיא זאגט, איז געזאגט!.......

— עס טהוט מיר הנאה, דאברוסקעלע, אז איהר האט מיך ליעב — האט ער געענטפערט — גרויס הנאה, וויא איהר זעהט מיך א לעבעדיגען מענשען!

און פלוצלונג, אזוי וויא אימיצער וואלט איהם א קויל אין הארצען אריינגע־שאסען, איז ער אפגעשפרונגען א פאר טריט צוריק, און האט אויסגערופען:

— און אפרויקע ?...... אייער קאָזין ?...... וואס איז מיט איהם ?

מיין קאָזין ?...... אָט פרעגט מיך בעסער ניט, ר׳ שעפּסעל !...... דיא אמעריקאנישע קאָזינס זאָלען בעסער נישט געבאָרען ווערען אויף דער וועלט...... זאלען זיי בעסער אויסגערונען ווערען אין זייער מאמעס בויך !...... אוי, א לאנד א קלאָג צו קאָלאָמבוסען !.... א טאטע איז נישט קיין טאטע, א ברודער איז ניט קיין ברודער און א קאָזין איז נישט קיין קאָזין !.... ווייסט איהר, ר׳ שעפּעל, וואָס אפרויקעלע האָט פון מיר געוואָלט? נאָר א קלייניגקייט !...... ער האט געוואלט, אז איך זאָל געהן ארבייטען און זאָל איהם אוועקגעבען דאס געלד ! האט איהר געהערט אזא חוצפּה, אזא רציחה ?.... אָבער ער האָט דאָ נישט געטראָפען דעם אָרט !.... אז יאָ ארבייטען, לאָם־איך דאס געלד בעסער האָבען פאר זיך ... מיין נשמה איז אויך נישט קיין ראָזשעק... איך האב איהם א שפּיי געטהאן אין פּנים, האָב געזאָגט : זה כפּרתי, זה חליפתי און בין אוועק געגאנגען.... האב איך נישט גוט געטהאָן ? זאָגט אליין, ר׳ שעפּסעל !

— געטהאן וויא א חכמה !.... אבער זאָגט מיר, דאברוסקעלע, וואָס־זשע טהוט איהר ? פון וואס לעבט איהר ?

עס איז דאָ א גאָט, ר׳ שעפּסעל, וואס פערלאָזט קיין מענשען ניט !.... איך האב דאָ אויסגעפונען מיינע א מוהמע, וואס וואויהנט אין מעדיסאָן עווענין, שוין א גאנץ אַלטע אידענע, איין אלמנה, אבער א גביר׳טע, אָנגעשלאָגען מיט געלד.... זיא האט מיך אויף איהרע הוצאות געלאָזט סטודירען אקושערקע.... איך האָב אויסגעסטודירט.... און איצט מאַך איך זעהר פיינע ביזנעס...... איך נעהם צו קינדער ביי דיא רייכסטע לײדיעס פון אפּ־טוין !

— איצט איז שוין רעכט דער פּסוק !.... עס האט מיך אלץ געוואונדערט, פון וואנען האָבען זיך דאָס ביי אייך גענומען אזעלכע טהייערע מלבושים.... איהר ווייסט, דאברוסקעלע ? איהר זעהט דאָך איצט אוים וויא א גאנצע שררות׳טע.... עס איז פּשוט אין אייער ליכטיגען פּנים נישט ארייצוקוקען !...... אבער זאָגט מיר דעם אמת : זעהט איהר זיך נאָך ווען עס איז מיט אפרויקען ?

— איך ?... מיט דעם גנב ? — האָט זיך דאברוסקע אָנגעצונדען — און אויף מיין שוועל טאָר ער קומען ?.... זאָל ער זיך נאָר ווייזען !..... מיט א פּאמוניצע וועל איך איהם אָבגיסען !.. וואָס פאר געשעפטען קען איך האָבען מיט א גנב ?.. יאָ, ער איז א גנב !.... עס איז טאַקע אמת.... ער האָט טאקע דאמאלס אייער געלד געוואָלט ארויסגנב׳ענען.... וואס האב איך געקענט טהאָן ?..... איך האָב געמוזט שווייגען.... א קאָזין צו מיינע צרות !.... בקוט איז ניט קיין וואסער....

שנייץ דעם נאָז און שמיר דעם פּנים!.... אָבער איצט? זאָל ער געהן צו אל־דע רוחות!.... איך וויל איהם ניט וויסען און וויל איהם ניט קענען! אוים קאָזין!... געשטאָרבען און בענראָבען!

דיעזע ווערטער האבען אין שבתי־טרייטעלס הארצען דעם לעצטען פונק חשד אויסגעלאָשען, און ער האט בעקומען דיא קלאָרע איבערצייגונג, אז גאָר אהן מניעות קען ער האָבען דאברוסקעלקען אין גאנצען און פאר זיך אליין, ווען ער זאָל נאָר וועלען......

— און וואו וואויהנט איהר, דאברוסקעלע? — האט ער זיא געפרעגט — ביי אייער מוהמען?

— ניין איך וואוין מיר פאר זיך אליין!.... איין אקושערקע מוז האבען א דירה פאר זיך.... איך וואוין טאקע דאָ נישט ווייט, אין סעקאנד עוועניו.... אבער קומט, מיין פריינד!.... איהר מוזט זעהן מיין דירה!.... איך זאג אייך א פּראכט!.... וויא? — האט זיא מיט א זיסען שמייכעלע אויף איהרע רויטהע און זאפטיגע ליפּען אויסגערופען, ווען זיא האט בעמערקט, דאס ער שטעהט וויא א צומישטער און ריהרט זיך נישט פון ארט — איהר האט מורא מיט מיר צו זיין אליין אהן א שומר?.... הא, הא, שרעקט אייך נישט!.... איך וועל אייך חלילה נישט אויפעסען!.... קומט!

זיא האט זיך א דרייה געטהאן רעכטס, אין א זייטיגע גאס. ער איז איהר נאכגעגאנגען שטום וויא א נאכט־וואנדלער, נאר זיין הארץ האט אין איהם גע־קלאפּט וויא מיט האמערס......

— מיט איהר אליין!...... אין א חדר מיוחד!.... האט ער ביי זיך מיט שרעקען געקלערט — העלף מיר, רבונו של עולם!.... שטארק מיר מיין הארץ!

זי איז מיט איהם צוגעגאנגען צו א הויז, האט ארויסגענומען א שליסעל און האט אויפגעעפענט דיא גאס־טהיר.

שבתי־טרייטלען איז גאר אין דיא געדאנקען ניט געקומען נאכצוזעהן, אויב דיא הויז טראגט אויף זיך א סיין פון איי' אקושערקע. ער האט נאר געפרעגט:

— וויא הויך וואויהנט איהר, דאברוסקעלע?

— אויף דעם ערסטען פלאר! — האט זיא געענטפערט און איז מיט איהם דיא טרעפּ, וואס זיינען בעדעקט געוועזען מיט א סאמעטענעם קארפּעט, ארויפ־געגאנגען.

הם!.... האט שבתי־טרייטעל ביי זיך געקלערט, דאס שמעקט מיט גביר'עשאפט!....

אויבען אויף דעם ערסטען פלאר, וואו עס האט זיך ארומגעטראגען דער פיינער גערוך פון פארפומע און וואו עס איז שטיל געוועזען וויא אין א קירכע, איז דאברוסקע צוגעגאנגען צו א טהיר און האט א דריק געטהאן אויף דעם קנאפ פון איין עלעקטרישען גלאק.

דיא טהיר האט זיך באלד געעפענט און א יונגע פרויענצימער אין א לייב־טען מארגענראק, מיט קאקעט צולאזענע האר און מיט נאקעטע פיס, וואס האבען געשטעקט אין פיינע שטעק־שיך, האט זיך געוויזען אין דער עפפענונג פון דער טהיר.

— אה, דארא! — האט זיא אויסגערופען דאברוסקען דערזעהענדיג — מיסטער סמאליאנסקי איז דא געוועזען.... ער....

דאברוסקע האט איהר צוגעווארפען א בליק, וועלכען שבתי־טרייטעל האט נאטירליך ניט געזעהן און וועלכער עס האט איהר שווייגען געמאכט.

— גיב מיר דעם שליסעל צו מיינע רומס, סערע! — האט דאברוסקע צו איהר געזאגט און האט ווידער צו איהר א וואונק געטהאן מיט דיא אויגען.

סערע האט איהר דערלאנגט א בונד שליסלען און האט הינטער זיך דיא טהיר צוגעמאכט ווארפענדיג א האלב נייגעריגען און א האלב לאכעדיגען בליק אויף שבתי־טרייטלען, וואס איז נאך אלץ געשטאנען א צומישטער, וויא איינער, וואס ווייס ניט, וואו ער איז אין דער וועלט.

דערווייל האט דאברוסקע אויסגעשלאסען א צווייטע טהיר און האט איהם מיט א שאקעל מיט איהר קאפ איינגעלאדען אריינצוגעהן.

אריינקומענדיג איז ער געבליעבען שטעהן וויא א פערשטיינערטער. דער גערוך פון פארפומע האט איהם א קלאפ געטהאן אין נאז און האט איהם וויא א שטארקער וויין בערוישט. ער האט פאר זיך דערזעהן פיער צימערן, וואס זיינען זעהר שעהן און רייך אויסגעפוצט געוועזען. איבעראל ווייכע, זיידענע קיסעלעך און פאפיערענע בלומען אין פיינע וואזעס. אויף א טישעל ביי דער וואנד, איבער וועלכען עס האט געהאנגען א גרויסער שפיעגעל, איז אויסגעשטעלט געוועזען א גאנצער אפטייק מיט פערשיעדענע פלעשעלעך, פושקעלעך מיט פארבען, קליינינקע בערסטעלעך, פענדעלעך, פערשיעדענע שטיקלעך זייף און נאך אזעלכע זאכען, פון וועלכע ער האט קיין שום בעגריף געהאט. אויף דיא ווענד זיינען געהאנגען בילדער וואס האבען פארגעשטעלט פרויענצימער אין דעם קאסטיום, וועלכען דיא מוטער חוה האט געטראגען איידער נאט האט איהר אויפגעגייהט א העמד פון לעדער... ביי דיא פענסטער זיינען געהאנגען שטייגלעך מיט קאנאריקעס, וואס האבען לוס־

טיג ארומגעטאנצט אהין און אהער און האָבען געפּיפּצעט, און ערגעץ וואו אין א ווינקעל, אויף א ביינקעל, איז געשטאנען א גרויסע שטייג מיט א פּאפּוגאי, וואָס האָט דאברוסקען ביי איהר ארייננקומען בעגריסט מיט זיין הייזעריגע שטימע און האָט אויסגערופען:

— פּאלי וואָנט'ס ע קרעעע—קעעעס!

דאברוסקע האָט אראָפּגענומען איהר הוט מיט דיא הענדשקעס, האָט שבתי־טרייטלען צוגערוקט א שטוהל, אליין האָט זיא זיך געזעצט ניט ווייט פון איהם אויף א ניעדריגע זאָפע, האָט פאנאנדער געלאָזען איהרע האָאר און האָט אויסגערופען:

— זיצט, ר' שעפּסעל!.... מאכט נאָר קיינע מחזקות ניט!.... איהר זייט דאָ ביי מיר פּונקט וויא ביי זיך אין דערהיים!

שבתי־טרייטעל האט זיך געזעצט און האָט ניט געוואָנט דיא אויגען אויפצו־הויבען. עפּעס האט ער מורא געהאט צו בעגעגענען איהרע בליקען.

— זייט נישט קיין מלמד און רוקט זיך צו נעהענטער צו מיר! — האט זיא ווידער אויסגערופען און האט א ציה געטהאן זיין שטוהל — מיר זיינען נישט קיין פרעמדע מענשען...... אדער, האט איהר טאקע אין אמת'ן אזוי מורא פאר מיר?

— מורא?...... ניין!...... חלילה! האט ער געענטפערט און האט זיך מיט זיין שטוהל נעהענטער צו איהר צוגערוקט.

— אט אזוי מיין פריינד!...... איצט זאגט מיר, וואס מאכט איהר, וויא געהט דאס אייך?

— וויא זאל עס געהן?...... אט מען לעבט וויא עס איז!

— און וואס קלערט איהר מכח אייער פאמיליע אין יוראפ?...... ווילט איהר אפשר אייער ווייב און קינדער אראפּבריינגען א הער.

— איך?.... זאל מיר דערפון דער אויבערשטער משמר ומציל זיין!...... פאר וואס?...... נאך קנאפּ צרות האב איך פון מיין קיילע־מנוח'קען געליטען אין דער היים?.... דרייסיג יאהר בין איך פון איהר פארשווארצט געווארען, ניט געהאט קיין מנוחה'דיגע שעה...... פאר דער צייט גרא און אלט געווארען זאל שוין אמאל זיין גענוג!...... לאם־איך שוין מיין רעסט יאהרען אויך וויסען פון א לעבען!...... פאר וועלכע מעשים רעים קומט עס מיר אייביג צו ליידען?

— איהר זייט גערעכט, מיין פריינד!... איצט זעה איך, אז איהר זייט

א בר־דעת!.... טאקע פאר וואס קומט דאס אייך אייביג צו חושב'ען? אנדערע מענשען אין אייערע יאהרען, הייבען ערסט אן א גוטען טאג צו לעבען...

— מיר איז אָבער ניט בעשערט, דאברוסקע, ניט בעשערט!

— בעשערט־שטערט!.... אט זייט נאר ניט קיין שלימעזאלניק, סיין פאר צייטינגער איד, וועט אייך זיין גוט וויא גאט אין פראנקרייך!

— וואס זאל איך טהאן?.... וואס פאר איין עצה זאל איך זיך געבען?

— שלאגט מיט איהר כפרות!.... שיקט איהר א גט און אויס מחותנים!

— א גט!.... עס איז זיך גרינג צו זאגען!.... און אז זיא וועט איהם ניט וועלען אננעהמען?

— וואס הייסט: זיא וועט ניט וועלען?.... זיא מוז וועלען!.... איהר וועט צושיקען דעם גט צו דעם קאפוויזשאָקער רב און שוין!

— זיא וועט פערלאנגען כתובה.

— איז וואס?.... וועט איהר, איהר צו־ווארפען עטליכע צעהנדליג רובעל.. אבי פטור ווערען פון אזא שלאק און ווערען א פרייער מענש.

— הם.... עטליכע צעהנדליג רובעל!.... וואו נעהמט מען דיא ממתקים?

— וויא?... איהר האט גאר קיין געלד נישט?.... וואו זיינען דאס אהינ־געקומען אייערע עטליכע הונדערט דאָללאר, וועלכע אפרויקע האט געוואָלט ביי אייך גנב'ענען?...... אָדער, איהר האט אפשר מורא מיר צו זאגען, אז איהר האט געלד?

— נו יא, איך האב געלד!.... איך האלט עס אין א באנק.... אבער וויא קען דאס א מענש בלייבען אהן א פרוטה געלד?..... וואס וועל איך דאמאלס טהאן?... דיא נשמה אויסשפייען?

איהר רעדט גאר וויא א קינד!... ערסטענס, דארפט איהר דאך ניט אייער ווייב דאס געלד אין גאנצען אוועק געגעבען, אונד צווייטענס, וועט איהר דאך מו־זען נעהמען א ווייב... געוויס וועט איהר מוזען חתונה האבען!... איז דען א סברה, אז איהר וועט נעהמען א ווייב גאר אהן געלד?

— וואס ווייס איך, דאברוסקעלע?.... מיינט איהר, אז א ווייבעל מיט געלד, וועט מיך וועלען נעהמען?... יא, עס קען זיך געפינען איינע מיט געלד, אָבער דאס וועט זיין א צווייטע קיילע־מנוחה, און איידער אזא ווייב, איז בעסער גאר ניט!

דאברוסקע האט זיך אויף א ווילע פערטראכט, דאן, אננעהמענדיג שבתי־טרייטלען פאר'ן האנד, האט זיא צו איהם געזאגט:

-- הערט, ר' שעפּסעל!...... איך וויל מיט אייך ריידען אָפען... איך מוז דאס טהאָן. ווייל איהר זייט צו מיינע צרות צו קליינשטעטעלדיג, צו שעמעדיג... איך וויים, אז איך געפעל אייך!... וואָס עס איז שייך צו מיר, האב איך אייך שוין געזאָגט, אז איך ליעב אייך!... דער אויבערשטער האט אונז צוזאַמענגעפיהרט...: אפשר איז דאס פון איהם בעשערט, אז מיר זאלען ווערען א פּאר... צו וואס זאלען מיר געהן געגען דעם אויבערשטענס ווילען?..... מיין רייכע מוהמע פון מעדיסאָן עוועניו שרייט אין איין קול: דאַבּרוסקעלע האב חתונה!... און אז איך וועל וועלען התונה האבען, וועט זיא מיר געבען א שעהנעם נדן..... וואס פאר א ראלע שפּיעלען ביי אזא מיליאנסציכע עטליכע טויזענד דאלאר?..... איך וויים, אז איך קען טהאָן זעהר א פיינעם שידוך.... עס דרייהען זיך ארום מיר זעהר פיינע יונגע לייט, אמת'ע דזשענטעללייט!. . אבער איך וויל נישט פארבינדען מיינע יאהרען מיט איין אמעריקאנער פּראַנט, וואס טויג ניט צו גאט און ניט צו לייטען... איך זוך א היימישען מענשען, א היימישען אידען.... ער מעג זיך זיין עלטער פון מיר..... אזא מענש וועט זיין מיינער און וועט נישט זוכען אנדערע, וויא דא אין אמעריקא איז דיא מאדע... איך גלויב, אז מיט אייך, קען איך גליקליך זיין... נו, ר' שעפּסעל, אויב איהר האט לוסט און אויב איהר האט אויף מיר ניט וואס אויס־צוזעצען, קען עס ביי אונז ווערען מיט מזל!

עס איז שווער צו אנאליזירען דיא געפיהלען, וועלכע שבתי טרייטעל האט אין זיין הארצען געפיהלט נאך אזא דירעקטען פּארשלאג פון דאַבּרוסקען. ער האט אין אנפאנג גאר קיין ווערטער נישט געפונען צו ענטפערן. זיא האט איהם דעם פּאר־שלאג אזוי דירעקט, אזוי אונערוואַרטעט געמאַכט, דאס ער האט נאך גאר קיין צייט ניט געהאַט זיינע געדאַנקען צו זאַמלען און אין ארדנונג צו בריינגען. פון אלעם וואס זיא האט איהם יעצט געזאגט, האט ער נאר איין זאך פערשטאנען, ער האט פערשטאנען, אז דיא שעהנע דאַבּרוסקעלע ליעבט איהם טאקע אויף אויף אמת. דער לעצטער פונק פון חשד איז אין איהם אויסגעלאשען געווארען, און אין דעם פארגעשמאַק פון א גליקליכעס לעבען מיט אזא שעהנע ווייב וויא זיא איז, האט זיין הארץ אויפגעציטערט.

ער האט אויף איהר נאך אמאל אקוק געטהאן און עס איז איהם ווארעם געווארען אין זיין ברוסט און אין אלע זיינע אברים. וויא שעהן זיא איז!... וואס פאר איין אונטערשיעד צווישען איהר און צווישען דיא אלטע, צוקאָרטשעטע און צו קנייטשטע קייכע־מנוחה'ן!.... ווער קען ביישטעהן ביי אזא נסיון!.... אזא גליק קען נאר איינמאל אין טויזענד יאהר פון הימעל אראפפאלען!.... אזא גליק האט

נאָך קיין קאפויזישאָקער אידען נישט געטראָפען!.... נים נאָר ער, אפילו א גראף, א מיניסטער, א שני־למלך וואָלט איהר מיט בײדע הענד צוגעכאפט!.... און דערצו נאָך אזא מלוכה׳דיגע דירה, אזא רייכע ווירטהשאפט און צוויי טויזענד דאָלאר נדן!...

צוויי טויזענד דאָללאר נדן!... אופפט!.... עס איז איהם הייס געוואָרען.. עס איז איהם דער מאמר התלמוד אין קאָפּ געקומען: שלשה דברים מרחיבים דעתו של אדם: אשה נאת, דירה נאה, כלי נאה. דריי זאכען מאכען דעם מענ׳שען גליקליך: א שעהנע ווייב, א שעהנע דירה און שעהנע כלים.

וויא גליקליך וועט ער זיין, ווען ער וועט אלע דריי זאכען האָבען אויף איין מאל!!....

און דיא זאך איז גאר נים אזוי שווער אויסצופיהרען!... מען נעהמט צו אראב מען לאזט שרייבען א גט און מען שיקט דאס אוועק מיט דער פאסט. אין פינף זעקס וואכען ארום קומט אן דיא ידיעה, אז דער גט איז כדת וכדין איבערגעגעבען און מען איז א פרייער מענש, מען קען טהאן וואס מען וויל.... איז עפעס א נייס גט׳ן זיך מיט א ווייב? וויא פיעל פאר פאלק גט׳ן זיך דאס אין דעם משך פון א יאהר צייט אויף דעם גאנצען כדור־הארץ!...

פלוצלונג איז איהם א ביטערער געדאנקען אין קאָפּ געקומען: דיא קינדער א רחמנות נעבעך דיא קינדער!.... וואס זיינען זיי נעבעך שולדיג?... פאר וואס זאל ער זיי אומזיסט און אומגישט אונגליקליך מאכען?.... באלד אבער האט ער דיעזען געדאנקען פון זיך צוריק אפגעשטויסען מיט א צווייטען געדאנקען: אז מען ליעבט דעם מאן, ליעבט מען אויך זיינע קינדער. דיא קינדער קען ער אראפברייננען צו זיך אונד אויס ליעבע צו איהם, וועט דאברוסקעלע געווים זיין א גוטע שטיעפמוטער צו זיינע קינדער.

ער האט זיך אנגעגארטעלט מיט מוטה און האט זיך צו איהר געווענדעט מיט דער פראגע:

— און מיינע קינדער?.... איהר ווייסט, דאברוסקעלע, אז איך האב פינף קינדער, און איך זיי נישט לאזען זיך ארומוואלגערן אין דחקות און אין נויטה.... דערצו דארף מען זיין איין אכזר און איך בין עס נים, חלילה נים!

— וועה איז מיר! — האט זיא אויסגערופען — ווער פערלאנגט דאס פון אייך?.. וואס הייסט איבערלאזען קינדער אין דער פרעמד? מיר וועלען זיי אראפברייננען אהער און מיר וועלען זיי, אם ירצה השם, מאכען פאר מענשען, אדער נקוּבט איהר אפשר, אז איך וועל פאר זיי זיין א שלעכטע שטיעפמאמע? זאָל מיך

דערפון נאָט אפּהיטען!.... ווער וועט זיי שטעהן אין וועג? מיינע קינדער? איהר ווייסט דאָך, אז איך האָב קיין קינדער ניט! פערקעהרט, זיי וועלען זיין ביי מיר פעררעכענט פאר אייגענע קינדער, איך וועל זיי האלטען וויא דיא אויגען אין קאָפּ!

דיא לעצטע מניעה איז פערשוואונדען. שבתי-טרייטעל האט שוין מעהר קיי-נע איינוועגדונגען ניט געקענט מאכען. דיא גאנצע צוקונפט זיינע איז פאר איהם געשטאנען ברור כשמש. ער האָט נאָר גערארפט זאָגען: „אמן".

פאר איין זאך האָט ער נאָר מורא געהאט: זיא זאָל ניט חרטה האָבען! ביז דער גט וועט אוועקגעהן און ביז דיא ידיעה פון דעם גט וועט צוריק קומען, קען זיא חלילה חרטה האָבען, און דאן וועט עס זיין קרח מכאן וקרח מכאן, צרות און קלעמענים פון ביידע זייטען. און וויא לייכט איז איהר חרטה צו האָבען!... עפּעס א קליינינקייט אזא יפת תואר, אזא חכמה און אזא פעטער נדן!.. צו אזא שמאלץ גרוב קענען טויזענד אַנדערע אפּעטיט בעקומען, און דאס איז דאָך א דבר ידוע, אז נשים דעתן קלה, זיי קען מען זעהר גרינג איבעררייידען... וועט זיא חלילה חרטה האָבען, ווען ער וועט שוין זיין א גרוש, דאן איז ער א פערלאָרענער מענש...

„אשרי אדם מפחד תמיד", וואויל איז דעם מענשען, וואָס איז תמיד פאר-זיכטיג, האט ער ביי זיך געטראכט און האָט זיך צו איהר געוועגדעט מיט דער פראגע:

— און וואס וועל איך טהאָן, דאברוסקעלע, אז איהר וועט חרטה האָבען נאָך איידער דיא ידיעה פון דעם גט וועט אָנקומען?

— זייט נישט קיין מלמד, האט קיין פאראיבעל נישט! — האט זיא איהם וויא א בעליידיגטע געענטפערט — וואָס בין איך? א קינד? איך זעה נישט, וואס איך טהו? אָדער, אימיצער צווינגט מיך דערצו?.... אז איך וואָלט נישט וועלען, וואָלט איך דאס ניט געטהאָן!

מעהר האט שבתי-טרייטעל קיין טענות נישט געהאט.

— נא, אויב אזוי — האָט ער אויסגערופען — זאָל זיין מיט מזל!

— מיט מזל און מיט ברכה און אויף לאנגע יאהר!

— אמן ואמן!

— און דעם גט זאלט איהר וואָכ צום ניכסטען אוועק שיקען, ר' שעפּסעל!

— מארגען מאך איך שוין מיט איהם דיא התחלה אין א גוטע שעה.

— און היינט זאלט איהר אריינמופען צו מיר!

א שטראם הייסע בלוט האט שבתי-טרייטלען א קלאפ געטהאן אין הארצען. אריינמופען צו איהר? מיט איהר צוזאמען וואוינען? ער האט זיינע אויגען ארונטערגעלאזען וויא א פערשעהמטער זעכצעהניאהריגער בחור׳ל.

— פאסט דאס, דאברוסקעלע? — האט ער ארויסגעמורמעלט.

הא, הא!.... ווארום ניט?.... מיר זיינען דאך שוין אזוי גוט וויא חתן און כלה!

— נא, אז איהר זאגט, מוז איך אייך פאלגען!....

זעקסטעס קאפיטעל.

שבתי-טרייטעל איז געווען דער צופריעדענסטער מענש, וואס האט אמאל געלעבט אונטער דער זון. ער האט געשוואומען אין א ים פון גליק און פערגניגען, און אונטער דאברוסקעלעס ווארעמע בליקען און אונטער איהרע נאך ווארעמערע צערטליכקייטען, מיט וועלכע זיא האט איהם פון צייט צו צייט בעשאנקען, האט ער זיך געפיהלט מיט א יאהר צוואנציג איינגער.

ער האט געוואוינט אין א פיינע דירה „וויא א מאנסאט ממש!" ער האט געשלאפען אין א פיינע און א ווייכע בעט, זיין קערפער האט זיך געוויעגט, וויא א קליין קינד אין א וויעגעלע, אויף ווייכע שפרינג פעדערן, און אין צווייטען צימער, איז זיא געלעגען, זיא, וואס איז שוין געווען אזוי גוט וויא זיינע....

א ראיה לדבר אז זיא איז שוין אזוי גוט וויא זיינע און זיא בעטראכט איהם שוין וויא איהר אייגענעם מאן, איז דער אומשטאנד, דאס זיא האט זיך שוין אין גאנצען אויפגעהערט פאר איהם צו שעמען, וויא מען שעמט זיך פיר א פרעמדען, למשל. זיא פלעגט האלב אנגעקליידעט צו איהם אין צימער אריינקומען, גאר וויא זיין קיילע מנוחה אין דיא יונגע יאהרען, און דאן פלעגט ער דייטליך קענען זעהן דיא טהייערע אוצרות, וועלכע זיא האלט פאר איהם מוכן ומזומן לעתיד לבוא.... זיא פלעגט זיך אוועקזעטצען אויף דעם ראנד פון זיין בעט און פלעגט מיט איהם ריידען וועגען זייער צוקונפט, און דורך דיעזע זיסע פלוידערייען פלעגט ער גאר פערגעסען, אז עס איז שוין צייט צו דאוונען.

מיט א וויטאג אין הארצען האט ער צוגעזעהן, וויא זיין „יראת שמים" ווערט ביי איהם פון טאג צו טאג שוואכער און שוואכער, ער האט זיך אבער ניט געקענט העלפען. דאברוסקעלע האט איהם געהאלטען ארומגענומען וויא מיט א צויבערריגג און ער האט זיך ניט געקענט ריהרען.

ער האט שוין קיין סוד ניט געהאלטען פערבארגען פון איהר. זיא האט שוין געוואוסט, וואס עס טהוט זיך ביי איהם אונטערן נאגעל, וויא פיעל געלד ער האט אין באנק און וויפיעל ער שנאררט צוזאמען יעדען טאג.

אין אנפאנג פון זיין צוזאמענוואוינען מיט איהר האט ער גרויס חשק געהאט דאס געשעפט פון שנאררייא אין גאנצען, אדער אויף א געוויסע צייט אויפצוגעבען, דען ער האט נאר קיין לוסט געהאט פון זיין כלה אפצוטרעטען און האט נאר מיט איהר געוואלט פערברייגנען.

— ביז וואס ווען—פלעגט ער צו איהר זאגען—וואלט אפשר כדאי געווען זיך אביסעל אפצורוהען.... שפעטער.... אז איך וועל שוין, אם ירצה השם, זיין א גרויס.... און מיר וועלען.... מיט מזל.... חתונה האבען.... וועלען מיר זעהן עפעס וואס אנדערש צו טהאן..... ווארום אין פנוק איז דאך דיא שנאררייא א מלאכה בזויה, און איך גלויב, אז דיין מומע, זאל געזונד זיין, וועט דאס אויך ניט וועלען ליידען.... ניט אזוי, דאברוסקעלע?

אבער דאברוסקעלע האט אנדערע חשבונות אין איהר קאפ געהאט, זיא האט אויך פערשטאנען דעם אמת'ן גרונד פאר וואס שבתי-טרייטעל האט מיט איינמאל דיא שנאררייא ממאס געווען, און האט בשום אופן צו דעם ניט מסכים געווען.

— ניין, מיין פריינד!—פלעגט זיא איהם ענטפערן — מען ניסט נישט ארויס דיא אומריינע, ביז מען קריגט ריינע.... ביז אונזער חתונה דארפען מיר זעהן וואס מעהר געלד אפצושפארען.... ניט מיין מומע, און ניט איהר וועלען צולאזען, אז איך זאל מיך נאך דער חתונה בעשעפטיגען אלס אקושערקע.... און אין אמת'ן גערעדט, האב איך אליין דערצו אויך קיין חשק ניט.... האב איך א מאן, דארף ער פאר מיר זארגען, אזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט.... איהר פערגעסט נאר מיין פריינד, אז גאט קען אונז געבען קינדער, און א פרוי, וואס האט קינדער קען קיין פרנסה נישט זוכען.... אדער וויא?.... גלויבט איהר, אפשר, אז מיר וועלען קיין קינדער נישט האבען?

דיא זיסע אויסזיכט אויף קינדער האבען האט אונזער שבתי-טרייטלען צר שמאלצען וויא א שטיק פוטער אויף א פלאם פייער. קינדער האבען!.... מיט איהר!.... דער געדאנקען איז איהם וויא איין עלעקטרישער שטראם דורך זיינע גליעדער דורכגעפאהרען און האט זיין הארץ אנגעפיהלט מיט א גאנצען ים פון פערגניגען.

— זיא וויל מיט מיר קינדער האבען!.... אך, טאטע זיסער, וויא דערלעבט מען שוין דיא גוטע שעה!....

ער האט שוין מעהר קיין איינוועגדונגען געמאכט. און וויא שווער עס איז איהם געוועזען פון איהר זיך צו שיידען, פלעגט ער אלע טאג אין דער פריה דעם דאוונען וויא עס איז אפּמורמלען, און פלעגט זיך אוועקלאזען איבער דער שטאדט זיינע קרבנות אויפצוזוכען.

אז דאברוסקעלע מיינט טאקע נאר דיא „הגדה“ און ניט דיא „קניידלעך“, אז זיא וויל נאר איהם האבען, און ניט זיין געלד, האט ער זיך דערפון איבערצייגט, דאס זיא האט קיינמאל פון איהם קיין געלד נישט פערלאנגט, זיא האט איהם אפילו נישט געפרעגט, וויא פיעל האט ער היינט געמאכט, און אז ער פלעגט פאר נאכט קומען א היים און פלעגט איהר וויזען דיא אסיגנאציעס, פלעגט זיא גאר ניט נתפעל ווערען און פלעגט צו איהם גאנץ קאלטבליטיג זאגען:

— גוט, מיין טהייערער!...... טראגט עס מארגען אוועק אין באנק!...... עס וועט צוניטץ קומען!

ער האט אבער אין דער גאנצער צייט אויך זעהר פיעל טרויעריגע שטונדען דורכגעלעבט. זעהר אפט פלעגט זיך טרעפען, אז ער פלעגט פאר נאכט צוריק קומען א היים און פלעגט זיין דאברוסקעלען נישט געפינען. אפטמאל פלעגט ער אויף איהר דארפען ווארטען א שטיק נאך האלבע נאכט. עס איז אויך עטליכע מאל פארגעקומען, דאס זיא האט גאר ניט גענעכטיגט אין דער היים.

מיט א פערוואלקענטען פנים פלעגט ער זיא בעגעגענען און מיט א טאן פון רוגזה אין זיין שטימע פלעגט ער זיא פרעגען:

— וואס איז דיא מעשה, דאברוסקעלע?...... וואו ביזטו דאס געוועזען?

— ביזנעס איז בעפאר פלעזשיר, מיין פריינד! — פלעגט זיא איהם ענטפערן — געשעפט איז געשעפט!.... אפּגעהארעוועט א נאכט ביי א קינפעטארין!.... דיא כחות זיינען מיר שיער אויסגעגאנגען, אבער דער פאר פיין פערדיענט!...... אט זעהט!

און דערביי פלעגט זיא פון איהר קעשענע ארויסנעהמען א פעקעל אסיגנאציעס און פלעגט עס איהם מיט א געלעכטערל צורוקען הארט אונטער דער נאז.

און אז דיא קינדבעטארין טראגט לאקירטע שיך, העלע הויזען, א פיינעם פרינץ-אלבערט-ראק, א גלאנציגען סטאורפייפ אויפ'ן קאפּ, אז זיא הייסט ניט ניחה, אדער קריינע, נאר מייקקלאסקי אדער מייק-קארטהי, אז דיא דאזיגע קינד-בעטארין געהט ארום אין דער פערצ'הנטער סטריט און זוכט דארטען מציאות,

לעבעדיגע מציאות — דער פון האט אונזער שבתי־טרייטעל, נאטירליך, ניט געוואוסט.

אין א געוויסען טאג, פארנכט, ווען שבתי־טרייטעל איז זיך געזעסען איינער אליין אין דיינינג־רום, האט זיך געלאָבט מיט א גלאָז טהעע, וועלכע ער פלעגט שטענדיג אליין מאכען, און האט זיינע גערדאנקען געלאָזט שוועבען אין זיין צוקינפ־טיגען גן־עדן — האט זיך דיא טהיר פאמעלעך געעפענט און דאברוסקע איז לאנג־זאם אריינגעקומען אין ציטער.

לאנגזאם האט זיא ארונטערגענומען איהר עלעגאנטען פעדערהוט, האט איהם נאכלעסיג אווארף געטהאן אויף א זייטיגען טישעל, האט זיך אוועקגעזעטצט אויף דער לעדערנער זאָפע און האט פון איהר ברוסט ארויסגעלאזען א לאנגען און א שווערען זיפץ.

שבתי טרייטעל האט אוועקגעשטעלט דיא גלאָז טהיי אויפ'ן טיש און האט מיט פערוואונדערונג אויף איהר א קוק געטהאן.

איין איינציגער בליק אויף איהר האט איהם געזאָגט, אז זיא געפינט זיך אין א שלעכטען הומאָר.

— וואס איז מיט דיר, דאברוסקעלע ? — האט ער זיא בעזאָרגט געפרעגט— ביזט דוא, חלילה, עפעס ניט מיט אלעמען ?

— ניין, איך פיהל מיך געזונד ! — האט זיא איהם געענטפערט און האט דערביי נאך א לייגערן און נאך א שווערערן זיפץ פון זיך ארויסגעלאזען.

— הם !.... טא וואס־שזע זיפצעסטו אזוי שווער ?

— איך קום פון דאון־טאון.... עס איז גרויסע צרות אין שטאדט.... איין איבערקעהרענים..... הונדערטער מענשען ווערן בדיל הדל !

— ווערה איז מיר !.... וואס איז אזוינס געשעהן ? אפשר א גרויסע שרפה, חלילה ?

— ניין...... ניט דאס !

— וואס דען ?.... רייד שוין אמאל !

— אלע באנקען פון נויארק האלטען ביים ברעכען.... מען זאגט, אז דאס איז צוליעב דיא נייע פרעזידענטען עלעקשאן .... שטעל זיך פאר, שעפסעל, וויא פיעל הונדערטער מענשען עס וועלען דאס בדלות ווערען !.... נא דיר אמעריקא ! מען האָרעוועט מיט'ן גאל, מען שזאלעוועט זיך אפילו א גלאז סאָדע וואסער פאר א סענט, מען טראגט אוועק דיא בלוטיגע דאלערלעך אין דיא ביינק, מען קווא־

פעט זיך אויף דעם קליינעם פראצענט, און מיט איינמאל — טראך! נישטא קיין פראצענט, נישטא קיין קרן!.... א קלאג צו קאלומבוסע מיט זיין לאנד!

ווען שבתי־טרייטעל וואלט פלוצלונג בעקומען א קלאפ מיט א שייט האלץ אין קאפ וואלט ער געוויס אזוי צומישט ניט געווארען וויא יעצט, ווען ער האט פון דאברוסקען דערהערט דיא בייזע בשורה פון דיא באנקען. א היבשע צייט איז ער געשטאנען אויף זיין פלאטץ וויא א פארשלאמעטער, וויא פאראליזירט אויף אלע זיינע אברים, מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען, וויא איינער וואס שטארבט פון א פלוצלינגען שרעק, דאן, אלס ער איז צו זיך געקומען, האט ער אנגעהויבען אומצולויפען אין צימער אהין און צוריק און צו שרייען:

— א קלאג איז מיר געשעהן! א וויטאג איז מיר פערגאנגנען!.... מיין געלד! מיין געלד!.... איך בין קאפוט!...... איך וועל מיר עפעס א מעשה אנטהאן!

דאברוסקע האט געשוויגען און האט איהם געלאזט זיך אויסטענה'ן.

— וואס טהו איך?.... וואס הויב איך אן צו טהאן? — האט ער ווייטער געיאמערט דיא הענד ברעכענדיג און נאך אלץ ארומלויפענדיג וויא א דערשאסענע חיה — מיין הארעוואניע, מיין פראצע!.... ניין, איך וועל דאס ניט אויסהאלטען!.. איך וועל דאס ניט אריבערטראגען!.... עס איז א סוף פון מיין לעבען!

מיט איינמאל איז ער געבליעבען שטעהן פאר דאברוסקען און האט מיט גרויס ערנסט און מיט א געבראכענע שטימע אויסגערופען:

— דאברוסקעלע, דוא האסט מיך פערלארען!.... איך בין א בר־מינן!.... אוים!.... נישטא מעהר קיין שבתי־טרייטעל!.... געשטארבען און בעגראבען!

— וואס רעדסטו פאר נארישקייטען? — האט זיא אנגעהויבען.

— אז איך זאג דיר געשטארבען, איז געשטארבען! — האט ער איהר האסטיג און נערוועז אונטערגעבראכען — איך קען נישט לעבען.... איך טאהר מעהר נישט לעבען! דוא הערסט?.... זיעבען הונדערט דאללאר געהען נישט צופוס.... זיעבען הונדערט האבען אדער האבען אין מיר געפלאצט.... זיעבען הונדערט מכות האבען זיך מיר געזעטצט אין הארצען.... נוא? קען דאס א לעבעדיגער מענש אויסהאלטען?

— הער זיך אויף צו קאכען שעפסעל!.... דוא הערסט דאך: דעם קרן גיבען זיי, נאר דעם פראצענט ווילען זיי ניט צאהלען.

— חא, הא!.... דעם קרן גיבען זיי! — האט שבתי־טרייטעל ווילד אויפגעלאכט — א יישר כח זיי אין בייך!.... וואו־דען? דעם קרן אויך ניט בעצאהלען?....

וואס פאר טענות ותביעות קענען זיי האבען צו דעם געלד, וואס זיי האבען ביי מיר געגומען במזומנים חאפען א"ז אוים מאדע.... אז מען חאפט, קריעגט מען איבער דיא לאפקעס!.... וועגען דעם קרן איז אפגערעדט, דאס מוזען זיי מיר בעצאהלען עד פרוטה אחת! אבער דעם פראצענט וועל איך זיי, דיא רשעים, אויך נישט שיינקען!.... דער פראצענט קומט מיר על פי דין!

— יא, עס קומט דיר!.... אבער זיי ווילען ניט צאהלען!

— זיי ווילען ניט? זאלען זיי נישט וועלען לעבען! — האט שבתי־טרייטעל אויפגעקאכט—זאלען זיי נאר נישט מיינען, אז איך בין א נרינהארן!.... איך וועל זיי אפזאגען א דרשה, אז עס וועט זיי ווערען פינסטער און ביטער!

פאלג מיך, שעפסעל, קאך זיך נישט אומזיסט!.... דוא וועסט מיט זיי נאר נישט אויספיהרען!.... זיי זיינען מיליאנשציקעס, מטהר תקיפים פון דיר.... דוא נעהם ביי זיי צו דעם קרן, חאפט זיי דער רוח מיט דעם פראצענט!

— ניין, בשום אופן ניט!.... באדיי זיי זאלען לאפנען, מוזען זיי מיר אוועק־געבען דעם קרן מיט דעם פראצענט צוזאמען!

— שוין האסט דוא אין דיין לעבען קיינמאל עטליכע רובעל נישט פערלארען?

— פערלארען — פערשמארען, דאס זיינען וויבער'שע טענות!.... איך וויל נישט און שוין!.... פאר וואס זאל איך זיי שיינקען?.... מיר שיינקט עפעס אי־מיצער?.... זאל זיי אזוי שווער אנקומען דיא גסיסה, וויא שווער עס קומט מיר אן יעדער סענט!.... אבער ווארט דאברוסקעלע!.... דוא וועסט באלד זעהן, אז איך בין נישט פון דיא, וואס לאזען זיך שפייען אין דער קאשע!.... אין א שעה ארום וועט זיין איינס פון דיא צוויי: ענטוועדער איך ברייננ דיר מיין געלד צוזאמען מיט דעם פראצענט, בכל אשר לכל ביז דעם לעצטען סענט, אדער דוא וועסט מיך געפינען אין גרענד סטריט ביי דער באנק א בר־מינן!

ער האט מיט גרוים האסט פון דער וואנד אראפגעחאפט זיין ראק און זיין סטאוו־פייפ, האט עס האסטיג אנגעטהאן און איז פון צימער ארויסגעשטורמט.

קוים האט זיך דיא טהיר הינטער איהם צוגעמאכט, איז דאברוסקע געפאלען אויף דער זאפע און האט אויסגעשאסען אין א גרויסען געלעכטער.

— הא, הא!—האט זיא לאכענדיג אויסגערופען—יעצט האב איך דעם ביבער אין מיין פאסטקע!.... ענדליך וועל איך מיך זעהן מיט זיינע ממתקים, און גלייך וויא איך וועל עס בעקומען אין מיין לאפע, גיב איך איהם א פוהר מיט א גלע־קעל.... עס איז שוין טאקע צייט.... ער האט זיך מיר שוין צוגעגעסען וויא רעט־שענע קאשע מיט אייל.... אבער לאם איך געהן אנגרייטען מיין אפרויקע!....

ער וועט עס מאכען רונד און קיילעכדיג.... אויף אזעלכע זאכען איז ער א גרויסער מייסטער!

זיא האט ווידער אנגעטהאן איהר עלעגאנטען פעדערהוט, האט זיך אפאר מינוט אין שפיגעל בעטראכט און איז האסטיג אוועקגעגאנגען.

זיעבעטעם קאפיטעל.

דיא גאנצע אידישע „געלד־אריסטאקראטיע" פון לואיס סטריט ביז דער בוערי פון איין זייט און פון טשערי סטריט ביז הויסטאן סטריט פון דער אנדערער זייט, יענע אויסגעדארטע, אויסגעמארעטע, בלוט־ארעמע און חושב'דיגע נפשות, וואס ארבייטען שווערער און ביטערער פון דיא קאטארזשניקעס אין סיביר, מיט דעם איינציגען צוועק „עפעס וואס" אפצושפארען אויף דיא שלעכטע צייטען—איז געשטאנען אין גרענד סטריט ארום דער באנק־הויז דארטען, וואו זיי האבען זייערע „אוצרות" אוועקגעלייגט און פון וואנען זיי ווילען עס יעצט צוריק ארויסנעהמען, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז דיא באנק מוז באנקראטירען צו ליעב דיא פרעזי־דענטען עלעקשאן.

עס איז אונבעקאנט געבליעבען ווער עס האט דאס אויסגעטראכט, אז דיא באנקען זיינען נים זיכער און ווער עס וועט זיין געלד וואס פריהער ארויסנעהמען דער איז א געראטעוועטער מענש, דער פאקט איז אבער געוועזען דער, דאס קוים האט דיא בשורה פון „ברעכען" אין דער אידישער מאססע אריינגעדרונגען, איז מיט איינמאל געווארען א שרעקליכע מהומה און יעדער איינער איז געלאפען צו דער באנק, אום ארויסצוראטעווען דאס, וואס מען קען נאך ראטעווען.

דער צוזאמענלויף און דער רעש איז געוועזען אזוי גרויס, דאס דיא פאליציי האט פאר נויטהיג געפונען דיא טויזענדקעפיגע מאססע צו בעוואכען און ארדנונג צו האלטען. איינציגווייז, נאך דער רייהע, האט מען דיא „דעפאזיטארס" אריינגעלאזען און באנק, און דארטען איז צוגעגאנגען וויא עס געהט צו אין א „פאדר׳אר" פין מצה צווישען פורים און פסח. דיא בוכהאלטערס, קאסירער און דיא קלערקס האבען געארבייט וויא אויף דאמפף דיא גרויסע מאססע שנעל וויא מעגליך אפצו־פארטיגען און זייערע „אוצרות" ארויסגעבען, נאטירליך אהן א שום פראצענט.

אונזער שבתי־טרייטעל איז געשטאנען אין דער רייהע, ער איז אבער געשטא־נען וויא אויף ברענענדיגע קויהלען. עס האט איהם געפלאגט א שרעקליכע אונגע־

דולד. ער האָט שוין געוואלט דערלעבען דעם גליקליכען מאמענט, ווען ער וועט שוין דערזעהן זיין קרן מיט דעם פראצענט. ער איז פעסט ענטשלאָסען געוועזען פון דעם פראצענט קיין האלבע פרוטה איינצוקאזען און האט זיך מכין געוועזען מלחמה צו האלטען מיט דיא „רשעים,“ מיט דיא „אנזעצערס,“ ביז זיין לעצטען טראפּען בלוט. אבער עס געדויערט עפּעס צו לאנג. דער עולם איז צו גרויס. ביז עס וועט אָנקומען צו איהם, וועט עס נעהמען צו פיעל צייט. און ווער ווייס? אפשר וועט זיך אויסנעהמען דיא קאַסע און פאר איהם וועט חלילה שוין גאָר נישט בלייבען?

— דיא שעה זאָל נישט זיין, רבונו של עולם!—האָט ער מיט שרעק ביי זיך געטראַכט—איך וועל מיך אפשר א מעשה אָנטהאָן!

און זיין אונגעדולד האָט געוואַקסען מיט יעדער סעקונדע.

פלוצלונג איז א קאַלטער שוידער דורך זיינע גליעדער דורכגעפלויגען.

עס איז איהם א נייער געדאנקען איינגעפאַללען, וואָס האָט איהם ציטטערן געמאַכט.

— אויב איך וועל מיין געלד צוריק נישט בעקומען, ווערט פון מיין שידוך מיט דאַברוסקעלען אַש און בלאָטע!—איז איהם דורך זיין קאָפּ געגאַנגען—צו וואָס דאַרף דאָס אזאַ יונגע און שעהנע ווייבעל פערבינדען איהרע יאָהרען מיט א דלפון?.. זיא קען דאָך קריגען איין עושר און דערצו נאָך א אינגערן פון מיר!.... און מיט מיין קיילע־מנוחה'ן בין איך דאָך אוודאי שוין אויך גע'גט!.... וואָס וועט מיר בלייבען? קרח מכאן וקרח מכאן, צרות פון פאָרנט און יסורים פון הינטען.... איך ווייס גאָר ניט, וועלכער שוטה האָט דאָס אויסגעטראַכט געלד אין א באַנק אווק־צולייגען? וואָס הייסט מען נעהמט געלד און מען גיט דאָס אוועק פרעמדע מענ־שען? מיט וואָס זיינען זיי דאָס אזעלכע בטוחים?.... איי, א קלאָג צו קאָלאָמ־בוסען מיט זיין לאַנד און מיט זיינע מנהגים! אין רוסלאַנד וועט אפשר אימיצער בעגעהן אזאַ שטות און וועט זיין געלד אָנטרויען מענשען, וועלכע ער קען נישט? ביי אונז האַלט יעדער זיין געלד ביי זיך, אָדער ער פערלייהט עס אויף גוטע משכנות... איך האָב אמאָל געלד געהאט, אפילו ניט אזוי פיעל וויא היינט, אָבער הונדערט רובעל איז אויך א מטבע, וואו האָב איך עס געהאַלטען? אמאָל אין א מחזור און אמאָל אין א זאָק און קיין ילוד־אשה האָט דערפון ניט געוואוסט, און דאָ אין אמעריקא האָט איך דער שווארץ־יאָהר אָנגערעדט מיין געלד פרעמדע מענשען אנצוטרויען!

— טיפוס! אקס! בהמה! — האט ער אזוי הויך אויסגערופען, דאס דיא מענשען, וואס זיינען געשטאנען פאר איהם און הינטער איהם, האבען זיך צושרא־קען ארומגעקוקט.

— איהר מיינט דאס מיך? — האט איהם איינער געפרעגט און האט איהם א ווייכע געמאסטען מיט צארענדיגע בליקען.

— חלילה! — האט זיך שבתי־שרייטעל פערענטפערט — וואס האב איך צו אייך?

— ועמען דען זידעלט איהר דאס, מיסטער?

— קיינעם ניט; אזוי גלאט אין דער וועלט אריין!

— המ!.... זייט פארזיכטיג, מיסטער־לעבען!... דא איז ניט רוסלאנד!... פאר אינסאלטען קען מען האפען אפאר בלויע אויגען, איהר הערט?

— וואס ווילט איהר?.... האב איך דען קיין רעכט ניט, זיך אליין אקס אנצורופען?

— אה, דאס קענט איהר, מיסטער לעבען!.... איך וואלט נאר וועלען ווי־סען פאר וועלכע מעשים טובים זידעלט איהר זיך אליין?

— ווייל איך בין באמת איין אקס!

— אז איהר זאגט דאס אליין, מוז איך אייך גלויבען, אבער וואס צווינגט אייך דאס פאר דער וועלט צו אדווערטייזען?

— זאגט אליין, איז עס ניט מעשה בהמה געלד פרעמדע מענשען אוועקצו־געבען?

— המ!..— איך געפין דאס גאר ניט פאר אזא גרויסע נארעשקייט!

— און אז דיא באנק וועט ניט וועלען בעצאהלען?

— עקסקיוז מי!.... דיא באנק מוז בעצאהלען!

— און איהר ווארט דא אויך אויף אייער געלד?

— נעוויס!.... דעם פראצענט בין איך זיי מוחל!

— אפשר וואלט איהר מיר א טובה געטהאן?

— וואס פאר א טובה?

— איך האב קיין צייט נישט צו ווארטען; לאזט מיר זיך שטעלען אויף אייער פלאטץ.... איהר שטעהט נעהענטער פון מיר צו דער באנק!

— אהא!.... איך ווארט שוין דא מעהר וויא צוויי שעה!

— איך מיין חלילה נישט אומזיסט!

— וועל.... וואס וועט איהר געבען?

— המ.... איך וויים ?.... וואס ווילט איהר?

— קנאקט אריין א דאלאר!

— א דאלאר!.... האט דאך נאט אין הארצען, מיסטער לעבען!

— נוא... א האלבען דאלאר!.... וויניגער ניט א סענט!

— איך קען נישט.... אויף מיין הן צדק: איך קען נישט!

— וועלל ?.... וויא פיעל דען גיט איהר?

— א קוואדער!

— ארויף מיט דיא פּיאטעס!

קרעכצענדיג און זיפצענדיג האט שבתי-טרייטעל ארויסגענומען א קוואדער פון קעשענע און האט עס זיין שכן דערלאנגט. יענער האט צוגענומען דעם קוואדער און האט זיך געשטעלט הינטער איהם.

— איהר זייט א סוחר, איהר פערשטעהט ביזנעס — האט ער לאכענדיג צו איהם געזאגט—אבער עס שטעהען נאך פיער לייט פאר אייך, וואס וועט איהר מיט זיי טהאן?

— פיער זיינען ניט פינף!—האט שבתי-טרייטעל געענטפערט— אלץ נעהענטער צו דער גאולה!

און דיא „גאולה" איז אין א האלבע שעה ארום געקומען!

שבתי-טרייטעל איז ענדליך אריינגעקומען אין באנק און איז צוגעגאנגען צום קאססיר.

— וועעלל ?—האבען איהם א פּאאר גרויסע בלאנדע וואנצעס און א פּאאר גאלדענע שפּאקולען הינטער דער דראטענער וועגט'ל זעהר ניט פריינדליך מקבל פנים געווען.

אבער שבתי-טרייטעל האט זיך גאר ניט דערשראקען. דער איינגלישער „וועלל" האט פאר איהם ניט אזוי שרעקליך געקלונגען וויא דער רוססישער „גלה ערות אמך."

— איך וויל מיין געלד צוריק — האט ער געענטפערט מיט דעם מוטה פון א יהודה המכבי.

— דעם באנק-ביכעל אהער!—האבען דיא בלאנדע וואנצעס אין געבראכענעם זשארגאן ווייטער געדונערט.

שבתי-טרייטעל האט זיך יעצט דערשראקען. דער באנק-ביכעל איז דאך א מין שטר חוב, וואס בעווייזט, אז דיא באנק איז איהם שולדיג אזוי פיעל און אזוי פיעל דאללאר, און וואס וועט ער טהאן, ווען דער קאסיר וועט צונעהמען דעם באנק-ביכעל,

וועט עס צורייסען, און וועט זאָגען ר׳ קרוב, מיר האבען אייך אין דרערד; מיר זיינען אייך גאָר נישט שולדיג?

— אויב איהר מיינט מיך אריינצונארען אין זאק, האט איהר, פּרצ׳ל, א טעות גמור! — האט ער צוזאמענגעהמענדיג זיין גאנצען מוטה נעענטפערט — איך בין נישט פון דיא יאָלדעס, וואס לאזען זיך שפּייען אין דער קאשע.... איך וויל מיין געלד, און אויב עס וועט מיר פעהלען א האלבע פּרוטה, בין איך מארגען ביי דעם פּרע־זידענט אין וואשינגטאן און וועל דארטען איבערקעהרען דיא וועלט.... קוקט נישט וואס איך זעה אויס וויא א בית־המדרש׳ניק, איך האב אין רוסלאנד פאר גרעסערע אדונים קיין מורא נישט געהאט, און אז איך האב געדארפט אנזידלען א יענעראל, האב איך מיך אויך נישט געפוילט!

שבתי־טרייטעל האט זיך ערלויבט צו זאגען דעם לינען, מיט דער איינציגער האפנונג דעם קאסיר איינצושרעקען, יענער אבער, וואס האט פון זיין חראברען מאנאלאג אזוי פיעל פערשטאנען וויא פיעל א רוסישער אוריאדניק פערשטעהט אין דער, מעשה מרכבה, האט נאך העכער און נאך בייזער אויסגעשריען:

— דאננערוועטער נאך איינמאל!.... דעם באנק ביכעל אהער, אדער זיא ווערדען הערויסגעשמיסען!

„שמייסען?!... א קלאג איז מיר ניט געשעהן!" האט שבתי־טרייטעל מיט שרעק ביי זיך געטראכט פאר מיין געלד שמיטצ! זעהר שעהן אויסגעפיהרט!.... נא דיר אמעריקא א פרייע מדינה!.... פאר זיעבען הונדערט דאללאר קען איך בעקומען על פי חשבון זיעבען הונדערט פייערדיגע.... וועה, ווער קען דאס אויס־האלטען מיט דיא כחות!!

זיין מוטה איז ארונטערגעזונקען אין דיא פּיאטעס. מיט ציטערדיגע הענד האט ער דעם קאסיר דעם באנק־ביכעל דערלאנגט.

— זיא בעקאממען זיעבען הונדערט דאללאר! — האט יענער אויסגערופען, נאכדעם וויא ער האט א האלבע סעקונדע לאנג אין באנק־ביכעל אריינגעקוקט.

— נישט מעהר וויא זיעבען הונדערט דאללאר? — האט שבתי־טרייטעל צו פרעגען געוואגט.

— זיעבען הונדערט; קיין פּפענניג מעהר!

— און פּראצענט?

— בעקאממען זיא ניכט!

— מאכט רש״י: נים זוכה פריץ לעבען.

— וואאאא—אאאס?

— איך מיין: אז פּראָצענט איז אויך געלד!

— שור, נעווים, נאַטירליך, סעטענלי!

— דרום, פּריצ'ל, בעט איך אייך. איהר זאָלט מיט מיר קיין מחוקות נישט מאַכען און איהר זאָלט מיר תיכף ומיד אַרויסגעבען מיין געלד מיט דעם פּראָצענט צוזאַמען!

— זיא בעקאָממען נור איהרע זיעבען הונדערט דאָללאַר און דאַמיט באַסטאַ, פערשטאַנדען?

און שבתי-טרייטעלם ברוסט האַט עס מיט איינמאָל אויפגעקאָכט.

— רוצחים! גנבים! קוילער! שינדער! אָנזעצערס! בלוטזויגער! — האַט ער אָנגעהויבען צו שרייען אויף דעם העכסטען דיסקאַנט און האַט זיך שוין מכין געווען אָפּצולייענען דעם קאַסיר ביידע תוכחות מיט דקדוק און מיט טראָפּ, יענער אָבער האַט זיך גאָר ניט דערשראָקען און האָט אויסגערופען:

— האַלט מויל, רעב יאָשקאַ, רעב שמולקאַ, אָדער וויא זיא זאָגסט הייסען, זאָגסט ווערדען זיי אוינענבליקליך הערויסגעשמיסען!

דיא אויסזיכט אויף שמיטץ האַט ווידער געווירקט. אַ קשיא אויף אַזעלכע סיבירניקעס האַט שבתי-טרייטעל ביי זיך געקלערט וואַס וועל איך טהאָן, אַז זיי וועלען מיר טאַקע אַריינהאַקען ניין מאָל ניין?

— נוט! — האַט ער גאַנץ רוהיג געענטפערט — איך שווייג שוין!.... נישטאָ קיין לשון!.... אוים!.... שבתי-טרייטעל איז שוין שטום וויא דיא וואַנד!.... ווייזט מיר אַהער מיינע זיעבען הונדערט דאָללאַר און לאָם-איך געהן!

דער קאַסיר איז אַוועקגעגאַנגען פון קליינעם פענסטער'ל און איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום צוריקגעקומען מיט עטליכע זעקלעך זילבער געלד, וועלכע ער האַט פאַר שבתי-טרייטלען אויסגעליידיגט אויף אויף דעם ברעט פון פענסטער.

— היער! — האַט ער צו איהם געזאָגט — דאַ האַבען זיא איהר געלד! נעהמען זיא עס שנעל און מוקסען זיא ניכט מעהר!

שבתי-טרייטלען איז פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען. אַלס ער האַט דעם גרויסען באַרג זילבער געלד דערזעהן. עס זיינען דורכאַוים קוואָדערס און צעהנ-סענטיגע געווען.

— רחמנא יצילנו! — האַט ער כמעט וויינענדיג אויסגערופען — וואו זאָל איך מיך אַהינטהאָן מיט דעם קליינגעלד? ווער האַט דאָס כח אַזאַ משא אַהיים צו דערטראָגען? איך וועל דאָך פאַלען אין גאַס!.... האַט רחמנות, פּריצ'ל, און גיט מיר פּאַפּיער געלד!

— נעהען זיי צום קוקוק! — האט יענער לאבענדיג געענטפערט.

— ניט מיר, לכל הפחות, אייערע זעקלעך!

וואלכען זיא געהן, אדער זאלל איך זיא הערויסשמייסען לאססען?

— זאל דא ליענען מיין געלד, ביז איך וועל ברייגנען א זאק!

— גוט; נעהען זיא!

שבתי־טרייטעל איז אוועקגעגאנגען און איז אין א פערטעל שעה צוריק גע־קומען מיט איין אלטען קויהלענזאק, אין וועלכען ער האט זיין געלד צוזאמענ־גענומען.

און אלס ער איז שוין ביי דער טהיר געוועזען, האט ער זיך נאך אמאל אומ־געווענדעט צום לאבעד־גען קאסיר און האט אויסגערופען:

— דעם פראצענט פון מיין געלד זאלט איהר אויסקריינקען!.... איהר זאלט עס אוועקגעבען אויף דאקטוירים!.... ניש־קשה, עס איז דא א גאט!.... ער וועט אייך ניט שווייגען!.... ערווארט לאנג און בעצאהלט ניך!

אכטעס קאפיטעל.

ווען שבתי־טרייטעל איז צוריק א היים געקומען, איז עס שוין פינסטערליך געוועזען.

פערשוויטצט און מיד וויא ער איז געוועזן פון דעם וייטען וועג און פון דער שווערער משא, האט ער דעם זאק א ווארף געטהאן אויף דער ערד מיט א לאנגען „אופפפ!"

דאברוסקע איז געזעסען ביי דעם טיש און האט עפעס געגייהט.

בייא דעם קלאנג פון דעם זילבער געלד האט זיא זיך דערשראקען אויפ־געהאפט.

— וואס איז דאס שעפסעל? — האט זיא געפרעגט — וואס קלינגט עס?

— וואס זאל עס קלינגען? — האט ער בייז געענטפערט — געלד!

— געלד?.... וואס פאר געלד?

— הערט א שאלה!.... דוא ווייסט דאך, אז איך בין געגאנגען מיין געלד ארויסנעהמען!

— נוא?

— נוא, נוא!.... האב איך מיין געלד ארויסגענומען!

— וויא?.... דורכאויס אין זילבער?

— א ברירה האב איך געהאט?
— וואס הייסט?.... דוא האסט ניט גערארפט נעהמען!
— אהא!.... איך וועל זיך ביי דיר לערנען שכל!.... וואס דען? איך האב מיך גערארפט לאזען שמייסען?
— שמייסען?.... שעפסעל! ביזטו שכור, אדער משוגע?
— אויף מיין הן צדק!... איך האב געקענט קריגען גוט ארייגעקאטעוועט!
— נעה שוין געה!
— וואס חדוש'ט דוא זיך אזוי?.... האבען דען אזעלכע רוצחים נאט אין הארצען?
— און זיי האבען דיר דיא גאנצע זיעבען הונדערט דאללאר אפגענעבען?
— איך ווייס?.... ווער האט דאס צייט געהאט צו צייהלען?
— מסתמא איז עס אין גאנצען!... מיר וועלען עס באלד איבערצייהלען!.. און דעם פראצענט האבען זיי דיר אויך אוועקגעגעבען?
— עסען זאלען זיי אזוי דיא רשעים!
— וויא?.... נאר אהן פראצענט?
— האפט זיי דער רוח מיט דעם פראצענט!.... איך דאנק גאט, אז איך האב דעם קרן!
— ביזט גערעכט, שעפסעל!.... גאט וועט אונז ממלא זיין!.... וואס מען האפט ארויס פון א שרפה, איז וויא געפונען!... קום, מיר וועלען איבערצייהלען!
ביידע האבען ארויפגעהויבען דעם זאק אויפ'ן טיש און האבען זיך גענומען צום צייהלען. דאס האט געדויערט מעהר וויא א שעה צייט, און עס זיך ארויסגעוויזען, אז דיא סומע איז אין גאנצען.
— זעהסטו שעפסעל,—האט זיך דאברוסקע אפגערופען—ווען ניט איך, וואלט אפשר זיין געלד פערלארען געגאנגען!
— נוא, דאס איז דאך דיין געלד, אזוי גוט וויא מיין געלד!
— מיין געלד?.... וויא אזוי?
— וואס פערשטעהסטו דא ניט?.... מיר זיינען דאך שוין אזוי גוט וויא מאן און ווייב!
— דערווייל נאך ניט, שעפסעל! — האט זיא מיט א שווערען זיפץ געענט־פערט — דער אויבערשטער ווייס, ווען מיר וועלען דיא גוטע שעה דערלעבען!.... פון קאפוזישאק האסטו נאך אלץ קיין ידיעה ניט און דוא ווייסט ניט, אויב דוא ביזט שוין גע'נט!

— נא, נאר ניט גע'דאגה'ט, דאברוסקעלע!.... דיא ידיעה וועט שוין, אם ירצה השם, קומען! אזוי גיך מאכט זיך דאס ניט.... האר אויס, דיא מזל'דיגע שעה וועט שוין קומען!

— ווארט און ווארט!... עס נעהמט גאר קיין סוף ניט!—האט זיא גענענט־פערט און האט איהרע אויגען וויא פערשעמט ארונטערגעלאזען.

ער האט דאס בעמערקט און זיין הארץ האט אין איהם געטאנצט פאר פרייד.

„זיא געהט אויס נאך מיר!" האט ער ביי זיך געטראכט.

— אזוי יטארק האסטו מיך ליעב, דאברוסקעל? — האט ער זיא געפרעגט און האט זיינע שמאכטענדע אויגען אין איהר פנים איינגעגראבען.

— לאז מיך צורוה מיט דיינע שאלות! — האט זיא געענטפערט און האט זיך מיט א קאקעטישע בעוועגונג פון איהם אפגעווענדעט — איהר מעננער, איהר פערשטעהט גאר ניט, וויא שווער דאס איז פאר א פרויענצימער אויף אזעלכע שאלות צו ענטפערן.... איהר, אז איהר ליעבט, קענט איהר דאס זעהר גרינג ארויסזאגען, אבער מיר....

— גוט, גוט, דאברוסקעלע!... זאג מיר גאר נישט!.... איך וויים, אז דוא האסט מיך ליעב!.... אבער שעמען דארפסטו זיך פאר מיר לגמרי ניט.... דוא ביזט דאך, חלעבען, קיין יונגע מיידעל.... דוא האסט דאך שוין עפעס א וועלט געזעהן!.. נא! זאל זיין א סוף!.. זאג מיר בעסער, וואו זאלען מיר דיא ממתקים בעהאלטען?

— איך וויים? — האט זיא וויא א פערטראכטע געענטפערט און האט זיך דערביי וויא זוכענדיג אין צימער ארומגעקוקט — מיינסטו, אז דא אין נויארק קען מען האלטען געלד אין דער היים?.... אלע טאג הערט מען זיך אן שרעקליכע מעשיות פון גנבים.... טפו, דיא שעה זאל ניט זיין! עפעס א קלייניגקייט זיעבען הונדערט דאללאר?.... און מארגען וועט נאך צוקומען מיין געלד אויך, צוזאמען וועט דאס זיין א קימא־לן פון זיעבצען הונדערט דאללאר!

שבתי־טרייטעל האט איהר א צייט לאנג מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען אנגעקוקט. אז זיא האט טויזענד דאלאר אפגעשפארט פון איהרע „פערדיענסטען," האט ער ניט געוואוסט און זיא האט עס איהם ביז יעצט ניט געזאגט, זיא האט איהם נאר געזאגט פון דיא פאר טויזענד דאלאר, וועלכע איהר רייבע מומע האט איהר צוגעזאגט צו געבען נדן.

— וויא?—האט ער ענדליך אויסגערופען—דוא האסט טויזענד דאלאר?

— געוויס האָב איך!.... וואָס וואונדערסטו זיך אזוי?

— טאָקע טויזענד דאָללאַר?

— זאָלען מיר אזוי ביידע לעבען טויזענד יאָהר אין נחת און אין גדולה!

אין שבתי־טרייטעלס ברוסט האָט געקאָכט א גאנצער ים־אוקיאַנוס.

— א חוץ דיין מומעס געלד? — האָט ער מיט האלב דערשטיקטער שטימע געפרעגט.

— מיין מומעס געלד איז א בעזונדערע סדרה!.... דיא טויזענד דאָללאַר זיינען מיינע אייגענע; איך האָב זיי אָפּגעשפּאָרט פון מיינע פערדיענסטען!

שבתי־טרייטעל האָט זיך שווער אָפּגעזיפצעט און האָט געפרעגט:

— און דיא מומע ווייס ניט, אז דוא האָסט געלד?

— נעה שוין נעה!.... אזא נאַר וועל איך זיין און איך וועל איהר זאָגען, אז איך האָב געלד? ... ווען איך וואָלט עס איהר געזאָגט, וואָלט זיא מיר אפשר ניט געגעבען!

שבתי־טרייטעל איז פון זיין פּלאַץ אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען. זיין הארץ איז איבערפול געוועזען און דער געדאנקען, אז אין א קורצע צייט ארום, וועט ער זיין א ניו יאָרקער גביר, האָט איהם אין גאנצען צומישט.

— דאָברוסקעלע! — האָט ער אויסגערופען און איז צו איהר האַסטיג צוגע־גאנגען—טהייערע דאָברוסקעלע!.... טהו מיט מיר וואָס דוא ווילסט.... אָבער.. איך... איך קען מיך נישט איינהאַלטען, און... און איך... איך מוז דיר געבען... א.... א קוסס!

ער האָט איהר ארומגענומען מיט ביידע הענד, וואָס האָבען איהם געציטערט וויא אין פיעבער און האָט געזוכט איהר מויל צו קוססען. זיא האָט זיך אָנגעהייבען צו וועהרען מיט יענע קאָקעטישע בעוועגונגען, וואָס זיינען מעהר איינלאַדונג אלס צוריק ווייזונג, מיט יענעם חנ׳עווידיגען געלעכטער׳ל, מיט וועלכען דיא פרויען גיבען זייער שטומע הסכמה און וועלכען נאָר איין אידיאָט פערשטעהט ניט.

— פע! חלשות!.... שעפּסעל!... וואָס איז דער מעהר מיט דיר?.... וואָס טהוסטו?.... אוי, לאָז מיך צורוה!.... קוועטש מיך ניט!.... איך האַלט ניט אויס!.... זעה, דוא צרוואָרפּסט מיר דיא האָר!... נא זעה, וואָס דוא האָסט פון מיר געמאַכט!... שעמען זאָלסטו זיך אין דיין ווייטען האַלז!... הא! הא!... וויא צוקאָכט, וויא צופּרענעלט דוא ביזט!... נו?.... שוין געגעבען א קוס!... זאָל שוין זיין גענוג!

דאס אלעס האט זיא שטאמלענדיג ארויסגערעדט לאבענדיג און זיך וועה־רענדיג, ביז ער האט זיך אנגעזעטיגט מיט קוסען.

— נוא, נוא, שוין! — האט ער שווער אטהמענדיג אויסגערופען און האט איהר איינגעלאזען — איז עס אפשר איין עולה פון מיר, הע?

— איין עולה איז דאס ניט, אבער עס פאסט ניט! — האט זיא געענטפערט און האט אנגעהויבען איהרע האר אין ארדנונג צו ברייננען.

— עס פאסט ניט! — האט ער איהר מיט איין אונצופריעדענער מינע איבער־געקרימט — ביי דיר איז רק עס פאסט ניט!.... און פאר וואס פאסט עס ניט? וואס פאר א שלעכטס טהו איך דא?.... עולם כמנהגו נוהג! אזוי פיהרט זיך דיא וועלט.... מען איז דאך מעהר ניט וויא א בשר ודם... אגב ביזטו דאך שוין אזוי גוט וויא מיינע.... וויפיעל וועט עס נאך געדויערן? א וואך, צוויי וואכען, און מיר וועלען שוין זיין מאן און ווייב אויף לאנגינקע יאהר!

— נו, דאמאלס איז וואס אנדערס! — האט זיא געענטפערט און האט איהם צוגעווארפען איינעם פון איהרע פלאמענדע בליקען, מיט וועלכע זיא פלעגט אמאל עלעקטריזירען א גאנצען באטאליאן גרענאדירען — דאמאלס בין איך אין גאנצען דיינע, מיט לייב און לעבען... לעת עתה זיינען מיר נאך אזוי גוט וויא פרעמדע מענשען, און דוא ווייסט, שעפסעל? איך שווער דיר ביי מיין עהרע, אז ביז היינ־טיגען טאג, האט זיך נאך צו מיין לייב דיא האנד פון א פרעמדען מענשען ניט צוגעריהרט.

— איך גלויב עס דיר אהן א שבועה אויך, דאברוסקעלע! וואס הייסט: א פרעמדער מענש זאל דיך אנריהרען? דוא ביזט דאך ניט, חלילה, פון יענע פאס־קודסטוועס, פון יענע חצופות, וואס זיינען מטמא דיא ערד מיט זייער טריט!.... איך, אבער, איך בין דיין חתן, און אז א חתן פערלאנגט א קוש פון זיין כלה, איז דאס געוויס קיין עולה ניט!

— איך ווייס נישט.... אפשר ביזטו גערעכט! — האט זיא געענטפערט ארויסנעהמענדיג א קליינעם שליסעל פון איהר קעשענע, וועלכען זיא האט וואס שפיעלענדיג איינגעוויקעלט אין א שטיקעל פאפיער—איך בין א פראסטע ווייבעל.. דיא שווארצע פינטעלך קען איך ניט.... איך ווייס נאר, אזוי האט מיר מיין מאמע און מיין באבע געלערנט! אז אהן חופה און אהן קידושין, טאר זיך א פרויענצימער ניט לאזען קוסען!

מיט דיזע ווערטער איז זיא צוגעגאנגען צום פענסטער, האט איהם געעפענט

האט ארויסגעווארפען דעם שליסעל אויפ'ן גאס און נאכדעם וויא זיא האט אהוסט געטהאן, האט זיא דעם פענסטער צוריק צוגעמאכט.

זיא האט דאס וויא שפיעלענדיג, וויא אהן א שום כונה אויסגעפיהרט און אונזער שבתי טרייטעל האט דאס גאר ניט בעמערקט.

— אזוי?.... קידושין?—האט ער זיך אפגערופען— נו יא, דוא ביזט טאקע ניט מעהר וויא א אידענע! דוא ווייסט אונזערע דינים ניט.... אט וועל איך דיר קלאר מאכען: ביי אונז אידען מעג מען א ווייב מקדש זיין אויף דריי דרכים.

— אויף דריי דרכים?

— יא!.... ערסטענס: מיט געלד, צווייטענס מיט א שטר, דאס הייסט: ער גיט איהר א וועקסעל און זיא ווערט דערמיט זיין ווייב, און דריטענס... הם... דריטענס....

— נו?.... וואס איז דיא דריטע זאך?

ער האט איהר צוגעצויגען צו זיך און האט איהר עפעס וואס אין אויער אריינגעשושקעט

— איך ווייס ניט דעם טייטש פון דעם ווארט, שעפסעל! — האט זיא געענטפערט.

ער האט זיא ווידער צו זיך צוגעצויגען און האט איהר ווידער עפעס וואס אין אויער אריינגעשושקעט.

— נעה שוין נעה! — האט זיא לאכענדיג אויסגערופען — דאס קען ניט זיין!....

— אויף מיין הן צדק, דאברוסקעלע, דאס איז א בפירוש'ער דין!.. זעהסטו, מיין טהייערע, נאכדעם ביזטו דען ניט מיין ווייב?... אם כן, הערצעלע מיינע, הער זיך אויף צו ברעקלען... קום, זעטץ דיך אניעדער דא ביי מיר און לאמיר אביסעל נתת האבען!.... איצט ווייסט דאך שוין, אז מיר מעגען!

ער האט אנגענומען איהר האנד און האט איהר געצויגען צו זיך אויף דער זאפע.

— לאז אפ, שעפסעל!—האט זיא איהם געענטפערט און האט זיך געזוכט פון איהם צו בעפרייען—פאלג מיר אוןווארט בעסער!.... זעה, עס איז שוין גאנץ פינסטער געווארען.... עס איז א חרפה פאר גאט און פאר לייטען!... וואס וועט מען פון אונז קלערן!.... לאז מיך! איך וועל אנציגדען פייער!

זיא האט זיך מיט א האסטיגען רוק פון איהם בעפרייט און האט אנגעצונדען

דיא נעז. דאן איז זיא צוגעגאנגען צום שפּיגעל און האט ווידער אנגעהויבען איהרע האָר אין א בעסערן אָרדנונג צו ברייגען.

שבתי־טרייטעל איז געבליבען זיטצען אויף דער זאָפע ווי א צומישטער. ער האט בשום אופן ניט געקענט בעגרייפען, ווארום זיא איז היינט צו איהם קעלטער ווי תמיד.

ער איז אין גאנצען אין זיך צוזאמענגעזונקען און זיין קאָפּ איז ארונטערגע־האנגען אויף זיין ברוסט, אין וועלכע עס האָט געברענט א ווילדע תאוה.

— וואָס קען דאָס זיין?—האט ער ביי זיך געטראַכט — ווארום פיינט זיא מיך?.... היתכן אז זיא נארט מיך?

דאברוסקע האָט איהם פון דעם שפּיגעל בעטראַכט און פּונקט וויא זיא וואָלט זיינע געדאנקען געוואוסט, איז זיא צו איהם צוגעגאנגען האט איהרע ביידע פלאַכע הענד אויף זיינע באַקען ארויפגעלייגט און האט אויסגערופען:

— וואָס ביזטו אזוי שטיל געוואָרען, שעפּסעל?.... ביזט בייז אויף מיר?

די בעריהרונג פון איהרע ווארעמע הענד אויף זיינע באַקען האָט איהם אין גאַנצען צושמאָלצען. ער האט געפיהלט, אז ער ברעכט צוזאמען, אז די ערד פער־שווינדעט אונטער זיינע פיס.

— בייז?.... אויף דיר?.... חלילה! — האט ער געשטאַמעלט — קען איך בייז זיין אויף דיר?.... דוא ביזט דאָך מיר טהייערער פון מיין לעבען!.... נאָר דוא האסט קיין רחמנות ניט מיט מיר.... דוא פייניגסט מיך.... דוא ביזט מיר מקצר ימים!

— איך?.... הא! הא!.... אָט וואָס א מענש קען אויסטראַכטען!.... שוטה! האב איך דיר נאָך ווייניג בעוויזען וויא ליעב און טהייער דוא ביזט מיר?.. וואָס נאָך ווילסטו?

— איך וויל.... איך וויל... — האט ער ווייטער געשטאַמעלט — אז דוא זאָלסט מיט מיר קיין מחזקות נישט מאַכען.... וואָס פּשוט איז פּשוט.... איך וויל א קוש!

זיא האט זיך האַסטיג א דריי׳ה געטהאָן צום פענסטער, דורך וועלכען זיא האָט פריהער דעם שליסעל ארויסגעוואָרפען און האָט א הויכען הוסט געטהאָן.

— איז דאָס אַלעס, וואָס דוא פערלאַנגסט?— האט זיא איהם געפרעגט און איז גאַנץ נאָהענט צו איהם צוגעגאַנגען.

— איך פערלאַנג לעת עתה, חלילה, נישט מעהרן

— נאַ, אַזאַ קלייניגקייט קענסטו ביי מיר קריגען!

— נוא ?... אדרבה !

זיא האָט זיך צו איהם טיעף איינגעבוינגען און האט איהם א קוס געטהאָן.

— שוין !... ביזטו צופריעדען ? — האט זיא איהם געפרעגט און האט גע־וואָלט צוריק טרעטען.

דער קוס איז אָבער פאר איהם בוימאייל אויפ'ן פייער געוועזען. ער האָט זיך מיט איין מאל אָנגעצונדען וויא אַ טרוקענער פלאָקען פון א בליטץ. האסטיג און מיט ציטערדיגע הענד האָט ער זיא ארומגענומען און האָט איהר א ריס גע־טהאָן צו זיך.

— שעפסעל !... מיין טהייערער !... מיין אוצר !—האט זיא אויסגערופען און איז געפאַלען אויף זיינע קניע.

ער האָט גאָר נישט געענטפערט. זיינע ליפען זיינען צוגעפאלען צו איהר מויל אין זיינען דאָרטען וויאַ פערגליווערט געוואָרען....

פלוצלינג איז שבתי־טרייטעל אופגעשפרונגען פון זיין פלאַטץ, האט א וויל־דען געשריי פון זיך ארויסגעשטויסען און האָט זיך געהאפט מיטביידע הענד פאר זיין באַק.

מיט א סעקונדע פריהער האָט דער צימּמער פון א גוואַלדיגען פּאַטש אָפּגעהילכט.

שוואַרצע וואָלקענס, דורכגעמישט מיט העלע פונקען, האָבען זיך איהם גע־טראָגען פאר דיא אויגען און דיא באַק האָט איהם געברענט וויא א הייסער אייזען.

א מינוט לאַנג איז אין צימער שטיל געוועזען וויא אין א קבר, דאַן האָט א גראָבע שטימע וויא א שווערער דונער זיך געלאָזט הערן:

— הונד !... אשת־איש'ניק !... אלטער בעל־עבורה'ניק !... איך וועל מיט דיר קערנען בלק !

לאנגזאם האט זיך שבתי־טרייטעלס לינקע אויג געעפענט, דיא רעכטע אויג האט זיך בשום אופן ניט געקענט עפענען, ווייל זיא איז פון דעם פאטש מיט גע־שוילעכץ פערלאָפען, און דאָס וואָס ער האָט יעצט דערזעהן, האָט איהם מעהר פערוואונדערט, אלס דערשראָקען.

וויא א גאָט פון נקמה, מיט פייערדיגע אויגען, מיט ברייטע און ציטערדיגע נאָזלעכער און מיט איין אויפגעהויבענעם קולאַק, פון וועלכען מען האָט קיין גוטעס ניט געקענט ערווארטען, איז פאר איהם געשטאַנען — אפרויקע דער קאַזין.

— וואָס וויל דער ? — איז שבתי־טרייטעלס ערסטער געדאַנקען געוועזען, נאָכדעם וויאַ דיא ווירקונג פון דעם כפול־שמונה'דיגען פאַטש האָט אָנגעהויבען

שוואכער צו ווערען — וויא קומט ער אהער?.... וואס איז ער פאר א גואל-הדם? געווים האט ער זיך ערגעץ-וואו אין א סאלון אנגעשכורט, וויא זיין שטיינער איז תמיד געוועון!

דאן איז איהם געקומען א צווייטער געדאנקען:

— האב איהם אכטציג שווארץ יאהר!.... איך וועל מיך מיט איהם ניט אריינלאזען אין א געשלעג, ער איז א בויאן און געזינטער פון מיר!... וועלכער עהרליכער איד חאפט דאס ניט איין אומזיסטען פאטש אין זיין לעבען?... זאל דאס זיין א כפרה אויף מיינע זינד!

און דאן נאך א דריטער געדאנקען:

— איך זעה דאך בחוש, אז עס איז מיר בעשערט היינט געשלאגען צו ווערען! וויא ווייט האט דאס היינט געהאלטען פון געשמיסען צו ווערען דארטען אין באנק? נאר א זכות האט זיך עפעס דערוועקט און דיא שמיטץ זיינען פערקעהרט געווארען אין א פאטש... היינט זעהט מען טאקע, אז גאט איז א בעל-רחמים!

דער געדאנקען, אז ער האט א זכות, האט איהם אין גאנצען בערוהיגט, ער האט אפרויקען דעם פאטש ביי זיך אין הארצען מוחל געוועזען און וואלט קיין ווארט נישט געענטפערט, ווען ער וואלט אפרויקעס אויפגעהויבענעם קולאק פאר זיך נישט געזעהן מיט דעם גאנץ דייטליכען רצון א צווייטען שפאציערגאנג איבער זיין באק צו מאכען.

— קשיות פרעגען ביי אזא בויאן, וועט נישט העלפען! — האט ער ביי זיך געטראכט — מען דארף נאר אויפוועקען זיין יושר!

— זאג מיר, אפרויקעלע, הארץ קרוין — האט ער זיך ענדליך אפגערופען— איז דאס א יושר, אז דוא פאלסט אן אויף איין עהרליכען אידען וויא א רצח און מאכסט איהם ברוין און בלא גאר אהן א פארוואס?

— איין עהרליכער איד זייט איהר? —האט אפרויקע געדונערט און זיין קולאק האט זיך אנגעהויבען צו מאכען משונה'דיגע לופט-קונצען ארום שבתי-טרייטעלס בארד—א הונד זייט איהר!.... איין אשת-איש ניק!... איך וועל אייך קיין איינציגע האר אין אייער בארד נישט לאזען!.... איך וועל אייך... נא, איהר וועט שוין זעהן!

שבתי-טרייטעל האט נאך זיין גלייכגעוויכט נישט פערלארען. ער האט זיך געפיהלט אונשולדיג און דיזער געפיהל האט איהם געהאלטען שטארק אויף דיא פיסס.

— און וואס האסטו אזוינס פון מיר געזעהן?—האט ער גאנץ רוהיג געפרעגט סתם אויסטראכטען אויף א מענשען, איז קיין קונץ ניט!

— נאך ווייניג האב איך געזעהן? — האט אפרויקע זיך צאפלענדיג אויסגע־שריען—און דאס, וואס דוא האסט געקוסט מיין ווייב, איז ביי דיר א הונד?

א ווילע האט איהם שבתי־טרייטעל אנגעקוקט וויא דער האהן דעם בני־אדם.

— איך האב געקוסט — דיין — ווייב?—האט ער שטאממלענדיג געפרעגט—פאלג מיך, אפרויקעלע, און לייג זיך שלאפען, דוא ביזט עפעס ניט מיט אלעמען... אז דוא וועסט זיך אויסשלאפען, וועסטו זעהן, אז דיר האט זיך א בייזער חלום נע'חלומ'ט!

— אלל־דע בייזע חלומות פון היינט און פון א גאנץ יאהר זאל אויסגעהן צו דיין קאפ, דוא אלטער אשמדאי!—האט אפרויקע אויסגעשריען און האט זיך וויע־דער צו איהם אלאז געטהאן מיט זיין אייזערנעם פויסט—וואס מיינסטו? איך בין א שכור?... אמת, איך האב טאקע אפאר גלעזלעך רייא־וואהיסקי אריינגעקנאקט אבער נאר צוליעב קוראזש, איך זאל דיר בעסער קענען דיא ביינער צוברעכען.... מיין נישט, אז איך בין יעקעל נאר!... איך וויים שוין פון לאנג, אז דוא מאכסט שורע־מורע מיט מיין ווייב?

שבתי־טרייטעל האט נאר געקוועטשט מיט דיא פלייצעס.

— אבער טהו מיר א טובה און זאג מיר: ווער איז דיין ווייב?

— הא! הא!.... קוקט איהם אן דעם צדיק אין ווייסען פעלץ!.... ער מאכט זיך נאר פאר א נעביכעל!.... כלומר'שט ער וויים ניט, אז דאברוסקע איז מיין ווייב!

ווען דער פלאנעט מארס וואלט פכוצלונג אויף שבתי־טרייטעלס קאפ אראו־טערגעפאלען, וואלט ער זיך געוויס ניט אזוי דערשראקען וויא יעצט.

— וואס?—האט ער נאך א לאנגע פויזע אויסגערופען—דאברוסקע איז.... דיין.... ווייב?

— וואס דען?.... אפשר דיינע איז זיא?

— נאך אמאל!... דאברוסקע איז דיין ווייב?... דיינע על פי דין?

— אלל־דע קראנקהייט צו דיין טרפה יארמעלקע!... וויסטו רען ניט, אז מיט פיער חדשים צוריק האב איך מיט איהר חתונה געהאט?

— וויא?... חתונה געהאט?... און טאקע א חתונה מיט חופה וקידושין?

— א חתונה מיט אלע יסורים און קריינק וויא גאט האט געבאטען!

— ראברוסקעל !... הארץ־קרוין !—האט זיך ערסט, פון דעם ערסטען פאמיש אָן, שבתי־טרייטעל צו איהר געווענדעט — דוא הערסט, וואס ער זאָגט ?

— איך הער, שעפסעל, איך הער ! — האט זיא געענטפערט און האט דיא זילבערנע מטבעות אויפ'ן טיש צוזאמענגעשארט מיט אזוי פיעל רוה, אזוי וויא דיא גאנצע זאך וואָלט איהר אפילו אין פיאטע נישט געלעגען.

— נוא ?... איז דאס אמת ?

— אמת, שעפסעל, אמת !... איך בין זיין ווייב !

— הוא האלהים ! — האט שבתי־טרייטעל אויסגערופען און האָט מיט דיא הענד צוזאמענגעשלאגען—מריה דעלמא כולהו... ווארום האסטו מיר דאס פריהער ניט געזאָגט ?

— איך האב גערעכענט, אז אָט אָט קריג איך א גט פון איהם !

א גט ?... דוא ווילסט זיך מיט איהם גט'ן ?

— יא, איך וויל, אבער ער וויל ניט !

.. געוויס וויל איך ניט !—האט אפרויקע אויסגעשריען און האט זיך ווידער אנגעהויבען צו צאפלען מיט אלע זיינע אברים—איך וויל בשום אופן ניט, און קיי־נער קען מיך דערצו נישט צווינגען !... וויא דיא זאך איז, דערווייל איז זיא מיין ווייב, טאָר איהר קיינער נישט אָנריהרען... טהוט דאס איינער, קען ער פארשווארצט ווערען לעולם ועד אין סינג־סינג !

שבתי־טרייטעל האט געהאט דעם געפיהל פון יענעם אונגליקליכען, וועלכען א בליטץ האט מיט איינמאָל אָנגעצונדען זיין הויז און זיין גאנצע ווירטהשאפט.

זיין ערסטער געדאנקען איז געווען צו ראטעווען פון דער שרפה דאָס, וואָס עס איז נאָך מעגליך פון דיא פלאמען ארויסקריגען.

— איהר מוזט מיר מוחל זיין, ר' אפרים ! — האט ער גאנץ ניעדערגעשלאָגען אויסגערופען — איהר זעהט אליין, אז איך בין דאָ נישט שולדיג.... אייער ווייב האָט מיר געזאָגט, אז זיא איז א פנויה און איך האָב איהר געגלויבט.... א חוץ דעם, האָב איך דאָ ביי איהר אין הויז קיין איינציגען מאָל נישט געזעהן.... וויא אזוי האָט עס מיר געקענט קומען אויף דער מחשבה, אז זיא איז פערבונדען מיט אייך ?.... נאָר וואָס איז געוועןּ, איז געווען ! איצט וויל איך אייך, חלילה, נישט שטערען !.... איך נעהם צו דאָס מייניגע און ציה ארויס !

ער האָט אויפגעהויבען דעם זאק פון דער ערד און איז צוגעגאנגען צום טיש מיט דער אבזיכט, דאס געלד צוזאמענצופאקען.

— שטעהט! שטעהט, פעטער-לעבען! וואָהין קריכט איהר?—האט אפרויקע אויסגערופען און האט זיך האסטיג א וואַרף געטהאָן צווישען איהם און צווישען טיש, אויף וועלכען דאברוסקע האט שוין דאָס געלד אין א גרויסע קופע צוזאַמענ־געשאַרט—אזוי גלאַט, בלי נטילת ידים, וועט איהר דאָ ניט אָפשניידען!.... דאָס געלד בלייבט ביי מיר!.... איהר מוזט מיר בעצאָהלען צער, פגם און בושת!.... אומזיסט לאָז איך מיין ווייב נישט קוסען!... אין אמעריקא איז ניטאָ אומזיסט!.. ווילט איהר פון ד.נען געהן מיט גוטען, איז רעכט, וועט איהר אָבער מאַכען קרומע הויות, וועט איהר זיך מיט מיר זעהן ביי דעם קירזשנער אויפ'ן פּלעקעל!... ווייסט איהר, ר' שבתי, אין וואָס פאר א בלאָטע איהר זייט אריינגעקראָכען? איהר קענט ביי מיר קריגען א פרייע דירה און פרייע קעסט אויף גאַנצע צעהן יאָהר!.... אמעריקא איז ניט רוסלאַנד!.... פאר אזעלכע זאכען גיט מען דאָ איבער דיא לאַפּקעס און מען זאָגט: „א פּסיק פון טייגעכץ!"..... פערשטעהט איהר שוין?

אָבער שבתי-טרייטעל האט גאָר נישט פערשטאַנען, ער האָט זיך אפילו גאָר ניט צוגעהערט צו אפרויקעס לאַנגען מאָנאָלאָג. פאר זיינע אויגען איז געשטאַנען נאָר איין פונקט, ארום וועלכען זיין גאַנצעס איך האט זיך יעצט ארומגעדרייהט און דאס איז געוועזן זיין געלד.

— איך וויל האָבען מיין געלד!—האט ער מיט א געפיהל פון טויטשרעקענים געשריען און האט זיך געריסען צום טיש—עס איז מיין געלד און איך וויל עס האָ־בען!... איהר האט קיין רעכט אויף מיין געלד!... נעהמט אייך אייער ווייב; איך גיב אייך זיא אוועק ב׳תי ידים, אָבער מיין געלד וועל איך קיינעם ניט שענקען!

ער האט געזוכט אפרויקען פון טיש אפצושטויסען, קוים אבער האט ער זיין האנד דערצו אויסגעשטרעקט, איז ער געפלויגען צוריק מיט דעם אינפּעט פון א גוממיקאַסטענע פּילקע און האט זיך איינגעקלעפּט אין דער הינטערסטע וואנד. אפרויקע איז אין אזעלכע ענינים געוועזן א מייסטער פערווי סארט. אין דיא סאַלו־נען און אין דיא געמבלינג-הייזער, האט קיינער נישט געוואגט מיט איהם זיך אנ־צוהויבען.

אלע פינף חושים זיינען שבתי-טרייטלען פון דעם קלאַפּ פערגאַנגען. א גאַנצע צייט האט זיין נשמה ארומגעשוועבט וויא אין היהנער פלעט, און איז ערסט צו זיך געקומען, אלס ער האט דאברוסקעס שטימע דערהערט.

רעכט אזוי, אפרויקעלע!—האט ער איהר געהערט זאגען—צוקייל איהם און צובייל איהם, דעם אלטען אשמדאי, וויא א זויערען עפּעל!... וואס האט ער צו מיר נעהאט, דער עוכר ישראל?... ווארום האט ער מיך פערפיהרט? איך בין

געווען איין אונשולדיגע ווייבעלע וויא א לעמעלע, איך האב קיין צוויי נישט געקענט צייהלען.... וואס האב איך מעהר געוואוסט וויא מיין מאן?.... מיט איינמאל האט איהם דער שווארץ יאהר אנגעטראגען און האט מיר מיין קאפ פארדרייהט.. האט מיר צונעזאגט אלערליי גליקען.... נו? א אידענע בלייבט א אידענע! לאנגע האר און קורצער שכל.... איצט זעה איך טאקע, אז מיר איז ניט בעשערט אריינצוקריכען אין זינד, עפעס א זכות האט זיך דערוועקט!.... אבער איהם איז א מצוה אנצולערנען, זאל ער ווייטער וויסען, וויא פרעמדע ווייבער צו פערפיהרען... נעהם אפרויקעלע, צופראשקע איהם גוט דיא מארדע און שלעפ איהם אוועק אין סטוישען-הויז! נישקשה, איך וועל מיך נישט שעמען דארטען צו דערצייהלען, אז ער האט מיך פערפיהרט! עס איז א יושר, אז אזא פיינער יונג זאל עטליכע יאהר אפפוילען אין טורמע.

שבתי-טרייטעל האט געפיהלט וויא זיין בלוט פריערט אין זיינע אדערן. זיינע ליפען און זיין מארדע האבען געמאכט משונה'דיגע בעוועגונגען וויא אין א שטארקע קאנוואולסיע, ער האט אבער קיין איינציגעס ווארט ניט געקענט ארויסברייננגען.

— אשה זונה!.... מכשפה!.... כזבי בת צור!.... לילית! — האט זיך ענדליך פון זיין פערקלעמטע ברוסט ארויסגעריסען און וויא א צורייצטער טיגער האט ער זיך מיטביידע קולאקעס אויף איהר א ווארף געטהאן.

אבער אפרויקע האט איהם מקבל פנים געווען מיט א רוסישען „מי שברך", און דער רעזולטאט פון אפרויקעס „קבלת פנים" איז געווען דער, דאס אין אהאלבע שעה ארום, ווען ער איז צו זיך געקומען און האט אנגעהויבען ארומצוטאפען ארום זיך, האט ער אויסגעפונען, אז ער ליעגט אויף דער נאס....

נייענטעס קאפיטעל.

מיר קענען נאר איין איינציגען טשארלז דארווין און איין איינציגען אלכסנדר פאן הומבאלט, עס איז אבער א פאקט, אז אין דער גרויסער מאסע פון דיא מענשען ליעגען א סך דארווינס און זעהר פיעל הומבאלדטס.

זעהר פיעל שזעניעס ליעגען ביי אונז בעהאלטען, שזעניעען, וואס האבען קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו דערגרייכען יענע הויכע שטופע, צו וועלכע דיא גרויסע וועלט-בעריהמטע און אונשטערבליכע חכמים האבען דערגרייכט.

ווען שבתי־טרייטעל וואלט דיא נעלעגענהייט געהאט וויא אנדערע, וואלט ער גאר אהן א שום ספק א צווייטער דארווין, אדער א צווייטער **אלכסנדר פאן** ה מבאלדט געווארען.

לכל הפחות האט ער אין זיך פון יענע צוויי חכמים א **ניצוץ געהאט.**

און דאס וועט אונז צונעבען יעדער איינער, וואס האט אין א פאר וואכען ארום אונזער שבתי־טרייטלען געזעהן ארומלויפענדיג מיט פארקאסערטע פאלעס אין איסט בראדוויי, אדער אין קאנעל סטריט, טראגענדיג א פאר בינדלעך חריין, אדער א קאשיק מיט פיש און שרייענדיג בקול רם:

— שיינקט א נדבה, אידעלעך, ווייבערלעך!.... נאר פינף סענט!.... נישט מעהר וויא פינף סענט אויף דער כשר'רער גארקיך פאר ארעמע לייט!.... קויפט עולם הבא!.... קויפט אידעלעך, ווייבערלעך!.... קויפט א חלק עולם הבא.... ביללינ, חל.בען!.... נאר פינף סענט!

און דיא אידעלעך און דיא ווייבערלעך, חאטש זיי זיינען שוין שטארק אמעריקאניזירט און קענען שוין וויא דיא עכטע אמעריקאנער בראווא פאטשען קארבעטען, אדער פיטש־סימאנסאן, און קייען טשו־טאבעקא, פערגעסען דאך נים, אז זיי שטאמען ארויס פון דיא היסטארישע רחמנים בני רחמנים אוןווארפען פינף סענטינע אין שבתי־טרייטעלס קא'שיק.

דער איינפאל צו גרינדען א כשרה און א בילינע קיך פאר דיא אידישע ארעמע לייט פון דער איסט סייד איז געווען א שועניאלער איינפאל, און שבתי־טרייטעל איז צו דער דאזיגער הערליבער אידעע געקומען גלייך נאכדעם וויא ער האט זיך ארומגעזעהן, אז פון זיין ליעבע צו דער פאלשער דאברוסקען און פון זיין אוצר געלד, איז ער געבליבען מיט ליידיגע הענד.

נאך יענער קאטאסטראפע זיינען איהם נאר צוויי וועגען געבליבען: ענטוועדער פון בריק אין וואסער, וויא טויזענד אנדערע אין זיין לאגע האבען שוין געטהאן אדער זיך אומקעהרען צוריק אין קאפוויזשאק צו זיין קיילע מנוחה'ן.

אבער בידע וועגען זיינען איהם פערשטעהלט געוועזען. פון וואסער קען מען ארויסגעצויגען ווערען. דער ניוארקער ריווער, צום פאהיבעל, שוויבעלט און גריבעלט פון שיפלעך און מאטראזען. און אבי עפעס א פיפס, זיינען זיי דא, וויא דיא מלאכי חבלה, אויפ'ן פלאטץ. זיי שלעפען ארויס דעם האלבען בר־מינן פאר דיא האר און פיהרען איהם אוועק אין פאליציי. דאס איז נאר קיין תכלית נים פאר א גרינעם אידען, וואס בעקאנגט נים צו קיין פאליטישען קלוב.... מען קען פארשווארצט ווערען!.... אויף דער צווייטער וועג, צוריק פאהרען אהיים, נאך

קאפּוזישאַק, צו קיילע־מנוחה׳ן, איז פערבונדען מיט א סך סכנות. ווער ווייס, אויב קיילע־מנוחה איז נאך זיין קיילע־מנוחה? ער האט איהר ארויסגעשיקט א גט.... וואס פאר א מחותן איז ער יעצט מיט איהר? ער טאָר דאך יעצט מיט איהר אפילו אונטער איין דאך ניט זיין! עס קען אפילו זיין, אז קיילע־מנוחה האט זיך ניט גע־איילט דעם גט צו נעהמען, און טאקע פאר וואס? סתם אזוי נעהמען א גט גאָר אהן כתובה? אזא בהמה איז זיא נאך לאנג ניט! והא ראיה: עד היום הזה איז נאך קיין ידיעה פון דעם גט פון דעם קאפּוזישאקער רב ניט אנגעקומען נמצא; אז קיילע־מנוחה איז נאך זיינע ביז הונדערט און צוואנציג יאהר און ער קען צו איהר פראנק און פריי קומען, אבער במה דברים אמורים, ווען ער זאל קענען צו איהר קומען מיט א פיינע מטבע און זאל איהר קענען פערשטאָפּען איהר האלז. נא, אט האסטו דיא פּותיקא, קיילע מנוחה׳לע און שטום וויא וואנד! וואס זאל ער אבער טהאן, ווען דאברוסקע און אפּרויקע האבען ביי איהם צוגענומען דאס לעצטע און האבען איהם אוועק געשטעלט בכלי ריק? וויא אזוי קען ער וויזען דיא אויגען אין דער היים, נאכדעם וויא ער האט אזעלכע סקאנדאלען אפּגעטהאן?...

נאך לאנגע פּלפּולים איז ער געקומען צו דעם פאלגענדען גמר:

— איך מוז קומען אהיים מיט עטליכע הונדערט דאללאר!.... עס שטעהט דאך געשריבען: הכסף יענה את הכל, און אין אן אנדער פלאטץ: כסף מטהר ממזרים.

עס איז נאר א פראגע: וויא אזוי מאכט מען אין אמעריקא עטליכע הונדערט דאללאר און דערצו נאך אין א קורצע צייט?

אבער ניט אומזיסט איז שבתי־טרייטעל געוועז א תלמיד־חכם. אין זיין גמרא קעפּעל האט געברענט א ניצוץ פון דארווינס, אדער פון אלכסנדר פאן הומבאלטס נשמה, און דער דאזיגער ניצוץ האט איהם באלד מגלה געווען דעם סוד פון, געלד מאכען.

אידען האבען ליעב צדקה צו געבען, מען דארף זייא נאר דיא מעגליכקייט דערצו פערשאפען! א איד האט פיינט צו פרעגען, אז מען בעט, גיט ער.

און דיא גמרא זאגט דאך: כל הפושט יד נותנים לו!

נישטא קיין קשיות! ביזטו א איד, מוזטו געבען! דוא מוזט, חאטש צורייס זיך!!....

און אויף דעם פונדאמענט האט זיך שבתי־טרייטעל גענומען זיין כשר׳ן נאר־קיך אויסצובויען....

ער האט זיך דערצו גענומען וויא איין עכטער דיפּלאמאט, מיט דיא זעלבינע

דריידלעך און שמר־שטיקלעך וויא לארד ביקאנספיעלד, אדער וויא דער פירסט ביסמארק, להבדיל אלף אלפי הבדלות, וואלטען דאס געטהאן. איז ער ארויסגע־גאנגען לצור ציד, אויף דער יאגד, אויף קאנעל סטריט, אדער אין איסט בראדוויי, האט ער געשניטען טויזענד פנים׳ער, וויא עס האט איהם נעפאסט צום עסק. איינעם, פון וועלכען ער האט געוואלט א נדבה בעקומען, האט ער גע׳חנפ׳עט מיט זיסע ריידעלעך, דעם אנדערן האט ער געזאגט מוסר און פאר דעם דריטען האט ער זיך געמאכט פאר א משוגענעם, ביז ער האט פון זיי דיא פינף, אדער דיא צעהן סענט נעקריגען. עס פלעגט זיך אפילו טרעפען זעהר אפט, דאס אנ־שטאט א נדבה פלעגט ער קריגען ארונטערגעשליידערט פון דיא טרעפ, אבער שבתי טרייטעל איז געווען פון דיא נעלבים ואינם עולבים, ער פלעגט יענעם דיא בעליידיגונג מוחל זיין מחילה גמורה און פלעגט אויף מארגען וויעדער קומען. דער חשבון זיינער איז דער ביי גאר פשוט געווען: א איד ווארפט זיך און שליידערט זיך אזוי לאנג, ביז עס ווערט איהם נמאס און צום סוף דערמאנט ער זיך, אז ער איז א יוצא ירך אברהם אבינו און שיינקט א נדבה.

אז ער פלעגט אריינקומען צו איינעם, פון וועלכען ער האט געוואוסט, אז יענער האט ליעב כבוד, פלעגט ער אנהויבען אזוי:

— א גאט העלף אייך, ר׳ זיסעל!... וואס מאכט איהר? וויא געהט עס?... הא, הא! שטענדיג פארשמייעט, נישטא קיין צייט פאר זיך אליין... אלץ פאר דעם כלל ישראל!.... נו יא, וואו נעהמט נאך אזוינע וויא איהר זייט, ר׳ זיס־סעל?... ווען ניט איהר, וויא פיעל ארעמע אידען וואלטען דאס, בעונותינו הרבים אויסגעגאנגען פון הונגער! וויפיעל ארעמע אידישע פאמיליעס וואלטען דאס געזעסען אהן קויהלען! און וויפיעל ארעמע אידישע בתולות וואלטען דאס פארזעסען געווא־רען ביז גרויען צאפ!.... עך חע! חע! עס שטעהט שלעכט מיט אונזער אידיש־קייט אין אמעריקא!.... זעהר שלעכט!.... אבער וואס טהוט דער בורא ברוך הוא? ער בעשאפט צדיקים! ער שיקט אין דער זי.דיגער אמעריקא אזעלכע אידען וויא ר׳ זיסעל!.... הא—הא! גאט איז א חכם! ער ווייס, אז אזא איד וויא ר׳ זיסעל, וועט ניט רוהען און וועט ניט ראשען, ביז ער וועט דעם הונגעריגען זאט מאכען און דעם געפאלענעם שטעלען אויף דיא פיס... וואס לאזט איהר אראפ דיא אוי־גען, ר׳ זיסעל?.... איהר האט אייך חלילה נישט צו שעמען! אדער מיינט איהר אפשר, אז דאס איז א סוד אין שטעדטעל? מען ווייס ניט פון אייערע צדקות?... הימעל און ערד האבען געשווארען, אז קיין פארבארגענע זאכען זאלען נישט זיין... עס שווימט אלץ ארויף פון אויבען, וויא בוימאויל אויפ׳ן וואסער.... מען ווייס וואס

וואס איהר טהוט! עס קלינגט מיט אייך דיא שטאדט.... וואו מען געהט און וואו מען שטעהט, הערט מען נאר: ר' זיסעל האט דאס געטהאן! ר' זיסעל האט דיעם און דעם געהאלפען!.... רבונו של עולם! איך וואלט מיך נאר געוואונשען אז מיין קאפ זאל ליעגען דארטען, וואו אייערע פיס וועלען ליעגען נאך הונדערט און צוואנציג יאהר!.... וואס זאל איך זאגען? איך בין חלילה קיין חונף ניט, אבער וואס אמת, איז אמת: איהר זייט, ר' זיסעל, דער מגין — הדור, מיט אייער זכות לעבט אמעריקא!.... ווען ניט איהר, וואלט אמעריקא שוין לאנג געהאט דעם סוף פון סדום ועמורה, עפעס א קלייניגקייט אזא אויסגעלאסענהייט! ווער ווייס דא פון אידישקייט? דא ליעגען מיר דאך בפועל ממש אין דיא מ״ט שערי טומאה!.... אט קוקט מיך אן!.... וויא איהר זעהט מיך, דאכט זיך א פראסטער אידעל, א למך, א לאקש, אבער א חוש הריח האב איך א שטארקען!.... נאך איידער איך בין אריינגעגאנגען צו אייך אין סטאר, האב שוין געוואוסט, אז דא וועל איך קריי־גען א נדבה אויף מיין גארקיך.... ווער עס וועט ניט געבען, אבער ר' זיסעל, הא־הא, ר' זיסעל! ר' זיסעל פרעגט נישט קיין שאלות; אויף א דבר מצוה, איז ר' זי־סעל דער ערשטער! אזוי איך קען מיך וועטען וואס איהר ווילט אין דער וועלט, אז איהר וועט מיך פון דאנען ניט ארויסלאזען אהן א נדבה!

נאך אזא שטארקען מאססאזש מיט אזוי פיעל פעטס, האט שוין ר' זיסעל קיין ברירה נישט געהאט און איז ארויסגעפאהרען מיט א קוואדער.

האט ער געהאט צו טהאן מיט איינעם, פון וועלכען ער האט געוואוסט, אז ער איז געחאפט אין דער מעשה, דאס הייסט: זיין אידישקייט שטעהט א פאאר גראד ניעדריגער פון דעם נולל — האט ער אנגעהויבען אויף אזא אופן:

— ש־א!.... שלאגט מיך נישט איבער, מיסטער ציבולסקי!.... הערט מיך אוים ביז סוף.... איך בין צו אייך נישט געקומען זיך מתוכח זיין אין דיא ענינים פון אמונה!.... איך בין נישט נאטס א סטראפציע! גאט קען זיין שטעדטעל בעד־שטעהן אהן מיר אויך!.... וואס קיממערט דאס מיך צו זייט איהר יא פרום, צו צו נישט פרום? איך וועל אייער שכר נישט האבען פאר אייערע מצוות און איך וועל אויך נישט ליידען פאר אייערע עבירות.... חלעבען, יעדער מענש וועט דאר־טען האבען זיין אייגענעם פעקעל!.... איינס אבער מוזט איהר מיר צוגעבען, מי־סטער ציבולסקי, א איד זייט איהר דאך!.... איא איהר זייט א איד?.... נוא? וואס נאך דארף איך? גענוג! איהר זייט א איד ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, און קוים זייט איהר א איד, בין איך שוין מיט אייך פארטיג, איך האלט אייך שוין פאר'ן נארגעל, איהר מעגט אייך צאפלען אהין און אהער, דעם אידען וועט איהר

פון זיך בשום אופן נישט ארויסקוועטשען!.... איהר וועט אריינרוקען דיא האנד אין קעשענע און איהר וועט פון דארטען ארויסנעהמען א שעהנע נדבה פאר מיין גאר קיך!.... איהר לאכט?.... נוא, נוא, מיר וועלען שוין זעהן!.... איהר לייקענט דאך נישט, אז איהר זייט א איד, און אונזערע אידען זיינען געשטעמפעלט מיט דיא דריי שעהנע מדות: ביישנים, רחמנים און גומלי חסדים.... איינס פון דיא דריי זייט איהר דאך געוויס!.... ואם תאמר, אז איהר זייט איינער פון דיא דריי אויך נישט, בין איך נאך אלץ בטוח, אז איהר וועט מיר געבען א נדבה!.... און ווייסט איהר פאר וואס? און טאקע נאר פון ספק וועגען!.... איהר וועט זיך ביי זיך טראכטען: טאמער איז טאקע דא א גיהנום מיט א גן עדן?.... טאמער מוז מען טאקע אפגעבען דין וחשבון אויף יענער וועלט?.... טאמער שמייסט מען דאך מיט פייערדיגע ריטער? לאם־מיך עפעס אנגרייטען פון ספק וועגען!.. מה רעש?.. אין גאנצען האנדעלט זיך דא וועגען א קוואדער, זאל איך איבער אזא קליינע מטבע פערשפיעלען מיין יענע וועלט?.... וואס?.... איהר לאכט שוין ווידער, מיסטער ציבולסקי? זאלט איהר לאכען מיט פירעשקעס!.... נוא!.... האלט מיך נישט אויף און ארויף מיט דיא פיאטעס!

מיסטער ציבולסקי האט זיך געקאטשעט פאר געלעכטער, האט לאכענדיג ארויסגענומען א מטבע און האט עס לאכענדיג שבתי־טרייטלען דערלאנגט.

גאר אויף אן אנדער אופן פלעגט ער פיהרען זיין אטאקע, ווען ער פלעגט אריינקומען צו איינעם, פון וועלכען ער האט געוואוסט, אז יענער איז ניט פליישיג און ניט מילכיג, דאס הייסט: אזא סוביעקט, וואס אויף איהם ווירקט נישט קיין חניפה און קיין מוסר. א סוביעקט, וואס האט דיא גאנצע וועלט אין דרערד און לעבט נאר פאר זיין אייגענעם בויך.

ער פלעגט צו איהם אריינפליהען אין הויז, אדער אין סטאר, מיט כלומרשט א צוהיצטען פנים מיט א צושויבערטע באָרד און מיט א האסטיגען אטהעם, פלעגט זיך א ווארף טהאן אויף א ביינקעל, פלעגט ארויסלאזען א פאר קרעכצען פון זיין ברוסט און א פאר פייפענדיגע טענער פון זיין נאז, און פלעגט אנהויבען בזה הלשון:

— איהר זייט א חכם, ר' נחמיה! א חרוץ גדול, וויא איך בין א איד!.... אין דיא ענינים פון צדקה געבען דארפען זיך אלע ביי אייך לערנען. מען טאר טאקע נישט האבען א צו אפענע האנד!.... וואס הייסט, גלאט אזוי געבען? צדקה גע בען איז גלייך צו זייהען א פעלד: יעדער קערנדל מוז ארויסשפראצען און ברייגנגען א פרי, קיין קערנדעל טאר נישט פערלארען געהן! מיט צדקה איז אויך אזוי: יע־ דע פרוטה, אפילו יעדער פחות פון א פרוטה, וואס א איד איז מנדב, מוז האבען

א קיום און מוז ברייננגען עפעס א פעולה אויף דער וועלט, ווען ניט, איז דיא צדקה א גזלנות, א מערדעריי, א מין שפיכות דמים, רחמנא לצלן, זיא פלאַדזעט נאַר אָן איבריגע ארעמע לייט!.... אמת, דיא גמרא זאָגט: כל הפושט יד נותנים לו, ווער ער שטרעקט אויס זיין האנד, דעם דארף מען געבען, אָבער דאס איז נאַר געזאָגט געוואָרען אויף דיא פארצייטיגע צייטען, ווען דיא אחינו בני ישראל זיינען געוועזען גבירים אדירים, למשל, וויא אין דער שטאָדט ביתר, וואו אונזערע אידעלעך, קיין עין הרע זאל זיי ניט זיין! פלעגען אויפעסען פעפער אליין וויפיעל אכטציג טויזענד קעמלען האָבען געקענט טראָגען, היינט אבער, ווען דער איד איז אין גלות און דער דלות שוויסצעט ביי איהם אי אין קעלער, אי אויף'ן בוידים, זיינען מיר מחוייב דעם סכום פון דיא אביונים מקצר צו זיין, און בלי שפתי חנף, גאר אהן חניפה — דיא מדה פון חניפה האב איך פיינט וויא דעם טוירט!—מוז איך אייך זאָגען, ר' נחמיה, אז קיינער טהוט דאס ניט אזוי גוט וויא איהר!.... ביי אייך איז נישטא גלאט געבען אהן א טאלק.... אז איהר ניט, מוזט איהר וויסען ברחל בתך הקטנה, אז דיא נדבה וועט אנקומען אויף דעם ריכטיגען מקום און אז זיא וועט מאכען א רושם און א פעולה.... אמת, אין שטאָדט זאָגען זיי, אז איהר זייט א קמצן, איין אכזר, א איד אהן א פונק רחמנות, אבער דאס זאָגען נאַר שונאים, אדער אזעלכע, וואס האבען ניט קיין ריכטיגע השגה אין דיא ענינים פון צדקה, איך וויים, וואס פאר א פיינע הארץ איהר האט!.... קוקט נישט, ר' נחמיה, וואס איך בין א פרעמדער, דאכט זיך גאר איין אונבעקאנטער, אבער איך בין א איד, וואס האט ליעב חקירה און דורך חקירה האב איך אויסגעפונען, אז איהר זייט א צדיק תמים, א גרויסער בעל צדקה בסתר, און ווייל איך קען אייך אזוי גוט, האב איך גאר קיין מורא ניט געהאט מיט מאטע מענדלען דעם שוחט זיך צו ווענדען אין צווי דאלאר קעש.... ווילט איהר וויסען, ר' נחמיה, וואס דאס איז פאר א מין וועט? אט וועל איך עס אייך אין קורצען דערצייהלען: איך בין היינט אריינגעגאנגען צו מאטע מענדעל דעם שוחט לייהען א ספר.... גוט מארגען, גוט יאהר!.... זיצט ר' שבתי טרייטעל!.. וויא געהט עס? וואס מאכט איהר? וואס הערט זיך עפעס אין שטאָדט?.... עס גאר נישט! פוסטע זאכען!.... מען רעדט אלץ פון דרייפוסען, מיט איין ווארט: דברים בטלים!.... א ווארט נאך א ווארט, זיינען מיר ארויפגעקומען אויף דעם ענין פון צדקה.... געשמועסט אהין, געשמועסט אהער, ביז מיר זיינען ארויפגעקומען אויף מיין גארקיך.. איהר האט דאך געוויס געהערט, ר' נחמיה, אז איך האב געעפענט א גארקיך פאר אידישע ארעמע לייט?.... דא האט זיך מיין מאטע־מענדעל צוקאכט!.... איהר זייט א שוטה, ר' שבתי־טרייטעל, האט ער געשריען,

איהר וועט בפועל ממש גארנישט אויספיהרען!.... אליין זייט איהר א דלפון בן דלפון און מיט לייטישע נדבות קענט איהר אזא דבר מצוה נישט אויספיהרען.... ביי אונז אין ניו יארק זיינען נישטא אזעלכע בעלי צדקות וויא אין רוסלאנד, דא זיי- נען אונזערע אידעלאך חיות רעות!.... וויא זאגט איהר, ר׳ נחמיה, האב איך מיך געקענט איינהאלטען?.. אזא חילול השם!.. איהר האט א טעות גמור, ר׳ נחמיה, האב איך איהם געענטפערט. איהר זייט מציא שם רע אויף א גרויסע עדה אידען, איהר קענט נישט גאנץ נעוויארק!.... עס זיינען, ברוך השם, דא א סך רב, וואס גיבען אין דער שטיל!.... אדרבה וויזט מיר חאטש איינען, האט מיין מאטע- מענדעל געשריען, חאטש איינעם אויף א רפואה!.... נוא, האב איך איהם אנגע- וויזען אויף אייך, ר׳ נחמיה!.... טאטע זיסער!... איהר האט נאר געדארפט זעהען, וויא מיין מאטע מענדעל האט זיך צוקאטשעט פאר געלעכטער!.... איך האב געמיינט, אז דיא נכפה האט איהם רחמנה לצלן, געחאפט!.... וויא? האט ער געהירזשעט וויא א פערד איבער דעם האבער, אט דער? אט דער שטיינענגר קמצן, אט דער עוכר ישראל, אט דער מיט זיין קופערנע הארץ וועט אייך געבען א נדבה אויף אייער נארקיך? גיכער וועלען ארויסגעהן דיא פיש פון ים אויף דער יבשה און וועלען ארומשפאציערען אין דזשעקסאן פארק!.... גיכער וועט דער ברוקלין ברידזש איינפאלען!.... אט דער וועט מיר געווים געבען! האב איך איהם גאנץ קאלטבלוטיג, וויא מיין שטיינער איז, געענטפערט.. און מיט וואס זיינט איהר דאס אזוי זיכער, ר׳ שבתי-טרייטעל?.... מיט דעם, ווייל איך קען איהם בעסער פון אייך, ר׳ מאטע מענדעל!.... ווילט איהר זיך מיט מיר וועטען, ר׳ שבתי טריי- טעל, אז ער וועט אייך אפילו א שוה פרוטה נישט געבען?.... יא, איך וויל מיך מיט אייך וועטען אין וואס איהר ווילט, ר׳ מאטע מענדעל!.... גוט, אין צוויא דאללאר!.... מסכים, אין צוויא דאללאר!.... זעהט איהר, ר׳ נחמיה, וויא זי- כער איך בין מיט אייך, אז איך האב גאר קיין מורא נישט געהאט מיינע צוויא דאללאר צו ריזיקירען?.... אט דאס הייסט: קענען א מענשען! היינט שטעלט אייך פאר, ר׳ נחמיה, וואס פאר א שטיק הארץ מיין מאטע מענדעל וועט זיך אויפעסען, ווען איך וועל צו איהם קומען און וועל איהם וויזען אייער נדבה!.... איך זאג אייך: ער וועט ווערן אזש גרין און געל.

אזעלכע קונציגע אטאקעס אויף דער קעשענע פלעגען פון הונדערט, ניין און נייינציג מאל געלינגען און שבתי טרייטעל פלעגט שוין נישט אוועקגעהן א ליידיגער. זיין פראסטער פערשטאנד פלעגט איהם זאגען. אז ווען נחמיה וועט נישט געבען צוליעב רחמנות, אדער צוליעב יראת שמים, וועט ער געבען נאר צוליעב דעם, כדי

מאַטע מענדעל דער שוחט זאָל נרין און געל ווערען, וואָרום וועלכער איד וועט דאָס זשאַלעווען א קוואָדער, אָדער א האַלבען דאָלאַר, ווען ער וועט וויסען, אז זיין שונא וועט דורך דעם גרין ווערען וויא איין אתרוג און געל ווערען וויא א ווערסע יום־כפור־ליכט?

נמצא: אז אונזער שבתי טרייטעל איז טאַקע נישט געווען קיין פּשוט'ער מענש און אין זיין מוח האָט געברענט א ניצוץ פון א דאַרווין, אָדער פון איין אלכסנדר פאָן הומבאָלדט!

און מיט דעם כח פון דעם ניצוץ האָט ער מאסף ממון געווען! קיין מענש אין ניו יאָרק האָט ניט געוואוסט, וואו זיין נאָרקיך געפינט זיך און עס איז יעדען איינעם גלייכגילטיג געווען, אויב זיין נאָרקיך געפינט זיך אין ניו יאָרק, אָדער אין ארם נהריים, אין ברוקלין, אָדער אין האָנאָלולו, יעדער איינער האָט נאָר געוואוסט אז דאַרף געבען א נדבה צוליעב כבוד, צוליעב נאוה, אָדער טאַקע צוליעב יראת שמים, און אונזער שבתי טרייטעל האָט געוואוסט, אז ער דאַרף נעהמען און מצרף זיין דיא פינפסענטיגע, דיא צעהנסענטיגע, אָדער דיא קוואָדערס צו צעהנדאָלאַר־דיגע אססיגנאַציעס און זיי איינגייהען אין זיין קאַפּוזישאָקער זופיצע.

אין א באַנק האָט ער שוין מורא געהאַט זיין געלד צו דעפּאָניערען.

דער איינציגער געדאַנקען, וואָס האָט איהם געגעבען ענערגיע און קראַפט זיינע שנאָרער געשעפטען מיט געדולד און מיט דיא גרעסטע סבלנות צו פיהרען, איז געווען צוריק נאָך קאַפּוזישאָק צו קומען און זיין קיילע מנוחה'ן, אויב זיא איז נאָך ניט גע'גט, מיט דעם פּעקעל אססיגנאַציעס מפצה צו זיין. ער האָט פאַר איהר פאַר בלויע ליפּען מורא געהאַט וויא פאַר פייער, אָבער ער האָט געוואוסט, אז קיים וועט ער איהר דעם פּאַק געלד אריינוואַרפען אין פאַרטוך און וועט זאָגען: מנוחה קיילינקע, זיי מיר מוחל! וועט זיך אויסשניידען א פריינדליבער שמייכעלע אויף איהר פּנים, און זיא וועט ענטפערן: סלחתי כדבריך!....

און דאַמאָלס וועט ער א לעב טהאָן וויא גאָט אין פראַנקרייך!....

צעהענטעס קאַפּיטעל.

אז שבתי טרייטעל האָט מורא געהאַט פאַר זיין ווייב קיילע מנוחה'ן איז ער גערעכט געווען לכל הדעות.

קיילע מנוחה האָט געהאַט א מ׳יל (אין קאַפּוזישאָק האָבען איהם דיא

שטאָדט—לצים גערופען: „מיילכעלי״), איין אמת׳ר פערפעטום מאָבילע,*) און א פּאָר ליפּען בלוי וויא מילץ.

האָט איהר וואונדערבארער מויל-אפּפּאראט אָנגעהויבען צו ארבייטען, און דאס פלעגט זעהר אפט געשעהן, פלעגט זיך אין קאפּוויזשאק טהאן חשך ואפלה.

דיא קרעמערקעס, ביי וועלכע זיא פלעגט קויפען קעראָסין מיט הערינג, אָדער דיא בעקערקעס, ביי וועלכע זיא פלעגט קויפען א לעבעל ברויט און איינמאָל אין א שמיטה א פּאָר בייגעל, פלעגען שטענדיג ביי דעם אל רחום וחנון בעטען דיא גנאָד, אין קיילע מנוח׳ס מיילכעל ניט ארייגצופאלען.

דיא זעלביגע תפילות האבען געשיקט צום הימעל אלע קאפּוויזשאָקער קצבים שניידער, שוסטער, מלמדים און דער חוכר פון בית המרחץ.

— רבונו של עולם! גוטער גאָט!—האבען אלע כמעט מיט איין נוסח מתפלל געוועזען — אויב איך האב נאך ביי דיר עפּעס א שטיקעל זכות, כאז מיך נישט אַ-ריינפאלען אין קיילע מנוחה׳ס מויל!

שבתי טרייטעל פלעגט שטענדיג אין קאפּוויזשאָקער בית המדרש פאר דיא עשרה בטלנים זאגען א וויטץ.

— ווען דער רבונו של עולם וואלט מיין קיילע מנוחה׳ן מיט איהר פּאָר בלאַע ליפּעלעך אנגעשיקט אויף דיא מצריים — האט ער געזאגט — וואלט ער זיי פערשפּארען צו שלאגען מיט דיא המישים ומאתיים מכות!

און א צווייטען מאל האט ער נאך א בעסערן וויטץ געזאגט:

— ווען משה רבינו וואלט מיין קיילע מנוחה׳ן מיט איהר מיילכעל געשיקט צו דעם שטיין, וואלט ער איהם פארשפּארט צו שלאגען, כדי ער זאל געבען וואסער!

און דאך איז נאך קיין פּרויענצימער, פון ששת ימי בראשית אן, אזוי ניט בערעכטיגט געוועזען אויף א בעוועגליכען מויל און אויף אפּאר בלויע ליפען, וויא קיילע מנוחה!

---

*) פערפעטום מאָבילע הייסט אין דער טעכנישער קונסט אזא מין אפּפּאראט, אָדער מאַ-שינע, וואָס בעוועגט זיך אייביג פון זיך אַליין. דיא גרעסטע געלעהרטע טעכניקער פון אלע דורות האבען זיך געמאַטערט אזא מין אפּפּאראט צו מאַכען, אָבער עד היום הזה איז דאָס נאָך קיינעם ניט געלונגען.

דער פּערפּאָסער.

איהר גאנצעס לעבען, פון דעם טאג אן, אין וועלכען זיא האט שבתי טרייט־לען איהר הארץ און איהר האנד אויף אייביג אוועקגעגעבען, איז געווען א לאנגע קייט, וואס יעדער רינגעלע פון איהם איז געווען א בעזונדערע מכה, א בעזונדערע צרה און א בעזונדערע פיין.

ער איז, נאך איהר מיינונג, געווען א שלימעזאלניק מכף רגלו עד קדקדו, א למך בן כמך, וואס טויג נישט אפילו א קאץ דעם עק צו פערבינדען, זיין שלימע־זאלניקעריי האט איהם געבראכט דערצו, דאס ער האט זיך געמוזט חאפען צו צעהן פרנסות, און פון דיא אלע צעהן פרנסות, האט זיא געדארט און געקווארט מיט איהרע קינדער.

— רבונו של עולם! — פלעגט זיא שטענדיג מיט א צובראכענע הארץ זאָ־גען — מיט וואָס האָב איך דאס אזוי פערזינדיגט, דאָס דוא האָסט מיר אזא צרה א מאָן געגעבען? בין איך דען אזא שלאק געוועזען? דאכט זיך א מויד וויא א ריב.... הונדערט שטיק גרעט אין איין טאָג צו וואשען, איז ביי מיר געווען א גע־לעכטער.... דריי קיה צו מעלקען, א גאָרנישט.... א גאָב צו דער חתונה — ניט צו פאָרזינדיגען! ;יעבציג רובעל מזומנים נדן .. אויך! נוא? וואס האב איך בע־קומען? א שלימעזאלניק, א למך, א שנאָרער, א לא יוצלח, א באנק־קוועטשער, א טעלער לעקער, א קצבה׳ניק, א קולע שטרויא, א דארמאָיעדניק, א בלאָטע, א גאָר נישט, א נעכטיגען טאָג!

און צו איהרע שכנות, מיט וועלכע זיא איז אביסעל אינטימער געוועזען, פלעגט זיא נאָך צוגעבען א בעזונדערן פרק צו איהר דרשה.

מיינט איהר אפשר, אז דאָס איז שוין גאר? — פלעגט זיא זיי אריינשושקען אין דיא אויערען — אוי, קרייניעלעך, הארצעלעך, קיינער ווייס ניט דיא וואונדען פון מיין הארצען!.... נעחיי וואלט ער שוין געוועזען, וויא ער איז, וואלט איך שוין געטראגען מיין פעקעל צרות. אז עס איז בעשערט פון גאט פארשווארצט צו ווערען, וואס זאל מען טהאן? טראגט מען דיא צרות און מען שווייגט!.... אבער, שטעלט אייך פאר, הארצעלעך, קרוינעלעך, אז אזא מין פאסקודניק, אזא מין תרח, אזא לא יוצלח ווארפט נאך אויגעלעך אויף פרעמדע ווייבער;.... נוא? דארף מען שינאי ישראל, ניט אומקומען?... איך, קיילע מנוחה, בין איהם ניט גוט גענוג!.. פארשווארצט זיינען מיינע פאדעשוועס!.... אלע טאג האט ער עפעס וואס אויס־צוזעצען.... דא בין איך איהם צו מאגער, און דא בין איך איהם צו קליין געוואק־סין, דא געפעלט איהם ניט מיין האר באנד, און דא מיין קורטקע.... און זעל־רעצקע דיא ליבטמאכערקע איז ביי איהם גאר דיא אויבעשטע פון חריין!.... דער־

זעהט ער זיא, דיא לײדאצקע, חאפּט איהם דיא נכפּה.... הא! הא!.... עס איז פּשוט קריעה צו רײסען!... זעלדעצקע איז בעסער פון מיר!... הײנט חנה צירקע דיא פּעל קרעמערקע?.... פאר איהר װאלט ער גאר א כּפּרה געװארען!.... ער שלינגט איהר פּשוט מיט דיא אויגען!.... נו? װאס זאגט איהר, הארצעלעך, קרוינעלעך?.... דאכט זיך גאר א נעביכעל, א באנק קװעטשער.... אוי, א קלאג צו מײנע מעשים!

— עס איז בעונותינו הרבים, גאר קײן גוטס אויף דער װעלט נישטא! — פלעגט איהר אײנע פון דיא שכנות אין א פילאזאפישען טאן ענטפערן — אלע מאנסבילעז זײנען אזוי, קײלע מנוחינקע!... ניטא אײנער א רעכטער!.... אט גיט א קוק, מײן ישראל—װעלװעל, װער װעט דאס העזה האבען איהם עפּעס װאס חושד צו זײן? דאכט זיך א איד א למדן, א ירא שמים, פּאסט הפּסקות, זיטצט אין בית המדרש נאכ'ן דאװנען צװײא שעה װיא א גלאק איבער דער גמרא, אונד שפּעטער א גאנצען טאג פּארהאװעט, פאַרשמאיעט װעגען פּרנסה, אבער קוים דערזעהט ער מיכלע-בײלקען דיא שײנקערקע, הי — הא! מײן ישראל-װעלװיל װערט שױן א פערברענטער, א צוצונטערטער! עס הויבען זיך איהם אן צו דרײהעז דיא אויגען אין קאפּ און ער װײס שױן ניט פון ארור המן ביז ברוך מרדכי... אוים!... נישטא קײן ישראל-װעלװיל!... א כּפּרה דיא װעלט, א כּפּרה, שׂונאי ישראל, דיא װײב און דיא קינדער!... נו?... זאלט איהר נחת האבען! קען מען לעבען? װער איז זיא דאס א זינע מיכלע-בײלקע?... דאכט זיך, עס נעהמט אן א נודא אויף איהר צו קוקען.... קײלעכדיג װיא א פּאסס, אנגעלאדען מיט פלײש און דערצו נאך א קאסאקע... אײן אויג קוקט אין װאלאזען און דיא אנדערע אין סמארגאן?... טפו זאל דאס װערין, עפּעס א קופּערנעם יצר-הרע דארף מען צו איהר האבען!... אבער דיא מאנסבילען זײנען אלע גרויסע פּאסקודניקעס, בײ זײ איז נאר פלײש דער עיקר, פאר א דיקע װײב װאלטען זײ זיך אױעקגעשמד'ט... נו? קען מען לעבען? —

— װאס רעדט איהר? װאס טענה'ט איהר? איחר זינדיגט, חלעב'ן, טאמארע-נעהע! — פלעגט איהר קלײנע-מנוחה ענטפערן — קענט איהר פערגלײכען מײן באק צו אײער ישראל װעלוולען, זאל געזונד זײן?... אײער ישראל-װעלװיל איז דאך עפּעס א שטיקעל מענש!... א בעל פּרנסה, א סוחר א פּארדינער!.... ער קען רײדען מיט א פּאריץ, מיט א שררה, מיט א נאטשאלניק... אזעלכע װיא װיא מײן שבתי-טרײטעל, קען ער אויסשאקלען פון ארבעל צעהן פאר אײנעם! אזעלכער, אז ער ניט אמאל אין א שמיטה א קוק אויף א פרעמדע, איז נאך דער

גוואלד נים אזוי גרויס, אבער מיינער, א קלאָג צו מיינע יאהרען! אזא שברי כלי! אזא אויסגעבלאזענע איי! אזא פוסטע ווינדמיהל! וויא קומט אזעלכער נאר א יצר־הרע צו האבען?... אוועק פון טיינעדץ!... ארעמאן זופ יוך!... האסט א ווייב נים ערגער פון אנדערע, האלט זיך מיט איהר ביז הונדערט און צוואנציג יאהר און גיב אָפּ א שבח והודיה צום רבינו של עולם דערפאר, וואס ער האט דיר אזא זיווג בעשערט, נים אזוי?

נאָך שבתי־טרייטעלס אוועקפאהרען נאָך אמעריקא, האט קיילע־מנוחה רעם נוסח פון איהר "מענה־לשון" אין גאנצען איבערגעביטען. זיא האט בשום אופן נים געקענט בעגרייפען, וויא אזוי קען דאָס א מאנן פון איהר אוועקפאהרען.

— "איהר ווערט מיר נישט איינריידען!" — פלעגט זיא תמיד צו איהרע שכנות זאָגען — "דאָס וואס ער האט געזאגט, אז מיין דינהילעס שידוך איז איהם נישט געפעלען, איז ביי איהם נאר איין אויסרייד געוועזן, צוליעב אזא קליינינקייט, ווארפט מען נים אוועק א ווייב אונד קינדער אונד מען גייט נע ונד זיין אויף יענעם זיים סמבטיון!... איך זאָג אייך, קרוינעלעך, הארצעלעך, אין איהם איז אריין א קליפה רחמנא לצלן, עפּעס א בייזע שעה איז אויף איהם געקומען, אונד וויים דער גוטער, וואָס מיט איהם ווערט דארטען ווערין,... עפּעס א קליינינקייט אמעריקא!... איך האָב געהערט, אז דארטען טראָגט מען, יאקבי, פּאפּירענע זאָ־קען אונד פון א מזוזה וויים מען א האר נים.... נוּא? האט ער געדאפט געהן אהין? איז דאס נים מעשה שטן?... נאר זאָל ער נאר צוריק קומען!... זאל איך קרייגקען, אויב עס ווערט איהם בלייבען א האר אין זיין באָרד!"

אונד פּלוצלונג, וויא א דונער אין מיטען העלען טאָג, איז אין קאפּויזישאָק אריינגעלאפען דיא בשורה, אז שבתי־טרייטעל האט זיין ווייב פון אמעריקא א גט צוגעשיקט.

אין אָנהויב האט דאס קיינער נים געוואלט גלויבען, אבער אז דער קאפּוי־זישאָקער רב האט קיילע־מנוחה'ן געשיקט רופען אונד האט איהר געוויזען דעם גט, האט דיא גאנצע שטעדטיל אויפגעקאָכט וויא א קעסיל.

אונד נאָך מעהר פון אלעמען האט זיך קיילע־מנוחה צוקאָכט.

— "וואס א גט האט ער מיר געשיקט? האט זיא זיך אויף דעם אלטען רב צושריען, פּונקט אזוי וויא ער וואלט דער שולדיגער געוועזען —" חאט קיין פאר־איבעל נישט רבי'ניו, דאס איז פון אייך א גרויסע שטות!... וואס הייסט א גט? אונד דיא דרייסיג יאָהר וואָס איך האב מיט דעם עכברש געלעבט, איז ביי אייך

א הונד ?... עס איז זיך גרינג צו זאָגען: דרייסיג יאהר; אָט פּרובירט איהר רבי'ניו, לעבען מיט א מאַנן דרייסיג יאהר אונד פּלוצלונג, גלאַט אזוי, פּור־פּלאַט גאַ־דיר א גט !... פאַר וועלכע מעשים רעים, הא? וואָסערע חטאים האט ער ביי מיר געפונען, הא? מיט וואָס האָב איך דאס צוקאָשקעט זיין האנאר, הא?.... אה, איך ווייס! מיר דאַרף מען ניט אריינלייגען א פינגער אין מויל, איך ווייס וואו דער הונד ליגט בעגראבען, שבתי־טרייטקען האט זיך אויף דער עלטער פארגענזעלט א מויד, אָבער אזוי לאַנג זאל ער זיך קייקלען אין קרעטץ, וויא לאַנג איך וועל קיין גט נישט נעהמען !.... זאָגט עס איהם, רבי'נקע, זאָגט עס איהם ברחל בתך הנאַקעטע !... קיילע־מנוחה פערשטהט איין עסק, קיילע־מנוחה לאָזט זיך ניט אָפּיאָלדעווען, קיילע־מנוחה איז נאָך, ברוך השם, ניט אויסגעוועבט! וואס איך האָב שכל אין מיין פּאדעשווע, דאס האט ער קיינמאָל אין זיין פּוסטען מוח ניט געהאט!... אונד אייך, רבי, מוז איך זאָגען, אז עס איז פון אייך א גרויסע עולה מיר אזא זאך אָנצוטהען.... וואָס האָט איהר זיך אריינצומישען צווישען מאַנן אונד ווייב? ווארום מיש איך מיך ניט אריין צווישען אייך אונד דיא רבי'צען? איהר נעהמט ביי אונז שכירות, דאַרפט איהר נאָר פּסק'ענען שאלות אונד ישוין, אין פרעמדע טעפּלעך דאַרפט איהר נישט אריינקוקען פערשטעהט איהר מיך?

— „אָבער גאָט איז מיט אייך, קיילע־מנוחה!" — האט זיך דער רב פאַר איהר פערענטפערט, פונקט וויא קאַפּיטיין דרייפוס פאַר דעם קריעגס־געריכט — „וואס ווילט איהר פון מיר? ווארום האָט איהר אייך צושריען וויא אין א יאַטקע? צווינג איך אייך דען דעם גט צו נעהמען? דיא ברירה איז ביי אייך: ווילט איהר, איז רעכט, ווילט איהר ניט, איז מיר אויך רעכט. איך טהו נאָר וויא דער דין הייסט, אויף דעם בין איך א רב!"

— „יאָ, א רב זייט איהר טאַקי, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אָבער א רב דאַרף דאָך שכל האָבען.... אדרבה, זאָגט איהר אליין, פאַר וואס זאָל איך דאס גט נעהמען?... אונד אז שוין יא גט, וואו איז מיין כתובה?... וואו זאָל איך מיך א הינטאָהן מיט מיינע עופהילעך? ווער וועט פאַר מיר זאָרגען? ער, דער גאַנאַמניק, ער וועט דאָרט לעבען א גוטען טאָג, אונד איך מיט דיא קינדער, מיט זיינע קינדער, זאָלען דאָ אויסגעהן פון הונגער?... רבונו של עולם! דוא ביזט דאָך עפּעס איין אל קנא ונוקם, דוא קענכט דאָך עפּעס בעוויזען וואונדער, מאַך א נס און שיק איהם דאָרטען צו אזעלכע צרות און ווייטאָגען, אז ער זאָל אָן מיר פערגעסען, אָבער דאָס בלייבט פעסט, דעם גט נעהם איך ניט, באַדיי ער זאָל דאָרטען א כפרה ווערין!"

זיא איז האסטיג ארויסגעגאנגען אונד האט דיא טהיר מיט אזא בעם צוגע־קלאפט, דאס דיא וועגד האבען געציטערט.

קומענדיג צוריק צו זיך א היים, האט זיא דארטען אלע איהרע שכנות גע־פונען, וואס האבען שוין אהן איהר אפגעהאלטען א „מיטינג" אויף וועלכען עס איז איינשטימיג בעשלאסען געווארען, אז דעם גט דארף זיא בשום אופן נישט נעהמען, זיא מוז מיט דיא קינדער פאהרען נאך אמעריקא און מוט דעם „שיינעץ" א ביסעל „בלק" לערנען.

— „קיילע־מנוחה׳נקע! איהר זאלט דעם שיינעץ, ניט שווייגען!" — האט צו איהר דיא „פרעזידענטיכע" פון מיטינג געזאגט — „איהר מוזט דיא קינדער מיטנעהמען און א פאהר טהאן צו איהם.... איהר זאלט איהם דארטען געבען, וויפיעל עס וועט אין איהם אריינקריכען!.... וואו איז דאס געהערט געווארען אזא נבלה צו נטין א ווייב, מיט וועלכע מען האט דרייסיג יאהר אפגעלעבט? איהר קענט איהם דארטען אנמאכען צרות אייפ׳ן פוד, זייט נאר קיין נארר נישט אונד וייסט, וואס איהר האט צו טהאן!"

קיילע־מנוחה האט דערצו באלד מסכים געוועזן.

— „געוויס פאהר איך!" האט זיא געענטפערט — „נוא, נוא, ער וועט שוין ביי מיר האבען צו קלאפען אונד צו בלאזען!"

— „עס איז נאר א שאלה: מיט וואס? דערצו דארפט איהר דאך האבען א הון מיט געלד!"

— „אונד קהל איז קראנק מיר אויף דער הוצאה צו געבען?" — האט קיילע־מנוחה אויסגעשריען — „אויף וואס דען דארף קהל דיא קהל׳ישע געלד? אויף סעודות? אויף וועטשערינקעס?... לאס־איך נאר זעהן וויא מען וועט מיר אויף דער הוצאה ניט געבען, איז מיין נאמען ניט קיילע־מנוחה, אויב עס וועט ביי זיי בלייבען א האר אין בארד!... צעהן שבתים נאך אנאנד וועל איך מיך אוועק־שטעלען ביי דעם ארון־קודש און וועל ניט לאזען לייענען. עס זאל מיר ווערן געלד אויף הוצאות, האטש פון אונטער דרערד!"

דאס איז געוועזן קיילע־מנוחת פעסטער ענטשלוס, אבער, גליקליכער ווייזע, איז דערצו נישט געקומען דיא בעלי־בתים פון קאפוזישאק האבען אליין אויסגע־פונען, אז עס איז א „יושר גדול" קיילע־מנוח׳ן אונטערצושטיצען אונד בהסכם כולם איז מען געקומען צו דעם גמר איהר הונדערט אונד פופציג רובעל פון קהלי־שען געלד צו געבען.

קיילע־מנוחה האט בעקומען דיא סומע, האט דערצו נאך פערקויפט אלע

יע:ע חפצים, וועלכע זיא האט ניט נעקענט מיטנעהמען, אונד איז אין א געוויסען טאַג מיט איהרע קינדער אוועקגעפאהרען נאך אמעריקא.

דער קאפוזישאקער רב האט איהר מיטגעגעבען א בריף צו דעם נויארקער רב־הכולל, אין וועלכען ער האט געבעטען, קיילע־מנוחה'ן צו העלפען מיט וואס ער וועט קענען. אין דעם בריעף האט ער איהר פארגעשטעלט פאר איין אשה כשרה וחשובה, וואס האט איהר גלייכען ניט אין דער גאנצער וועלט....

11טעס קאפיטעל.

אונזער שבתי־טרייטעל, וויא מיר ווייסען שוין, איז ניט נאָר געווען א מדינה־חכם אין אלע חכמות שבעולם, ער איז אויך געווען א גרויסער געשעפטסמאַן (אין דער לעצטער צייט פלעגט ער מיט א געוויסען שטאָלץ זאָגען: „איך בין א ביזנעס־מאַן!") און וואס ער האָט געטאָן, האט ער געטאָן מיט איין אויסרעכנונג, מיט א חשבון, וויא עס פאסט פאר א קלוגען סוחר.

אלס עס איז שוין ביי איהם נמנה וגמרו געווען צוריק נאך רוסלאנד צו פאָהרען, האט זיך דיא מאטהעמאטיק אין זיין גמרא קעפיל באלד א ריהר געטהאָן און פון דעם דאָזיגען „ריהר", איז ער געקומען צו דער סברה, אז א איד דארף ניט ווארפען זיין געלד אין בלאָטע, על אחת כמה וכמה ווען דאס געלד איז „צדקה־געלד", און אויב מען קען מאכען אזא נסיעה ביליגער, דארף מען דאס מאכען על צד היותר טוב.

אָבער וואס הייסט „ביליגער"? אונזערע לעזער וועלען אונזער שבתי־טרייטעלען געוויס ניט חושד זיין, אז עס איז איהם ווען עס איז געקומען אין זיינע רעיונות דער זינדיגער געדאנקען פון א נסיעה מיט דער ערסטער, אָדער לכל הפחות מיט דער צווייטער קאיוטע, וואס דאס קאָסט אָפּ, בעונותינו הרבים, ממון קורח. ער איז פון אזעלכע הרהורים רעים ווייט געוועזען וויפיעל איין אידישער ניויאָרקער אידישער הערויסגעבער פון א ציטונג איז ווייט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אויך אויף דעם „צווישענדעק" פלעגט ער אויסגיעסען כל המתו און פלעגט תמיד שרייען, אז דיא בעלי בתים פון דיא שיפען האבען גאר ניט נאָט אין הארצען און שינדען דעם אָרימאַן דיא פעל. היתכן, אז ווען דיא רשעים וואָלטען אין זיך געהאט א ניצוץ פון רחמנות, וואלטען זיי דאך געמאכט נאך א צווייטען צווישענדעק, א שטיינער: דרייא — פיער קלאָפטער ...פער, כדי דעם אָרימאַן זאל נאך ביליגער קאָסטען.

דער רעיון, אז ער וועט דארפען אָבצאָהלען דרייסיג דאלאר (איין ערך פון זעכציג רובעל) פאר א שיפסקארטע, האט זיין בלוט אין זיינע אָדערען געמאכט פריהרען.

— דאס איז הוילער ראזבויא! דאס איז שפיכת דמים! — פלעגט ער מיט גרויס רונזה שרייען — אזוי לאנג קריינקען זיי דיא רשעים, וויא לאנג זיי וועלען ביי מיר אזא מקח נישט בעקומען!

ער האט אבער באלד איינגעזעהן, אז מיט זיין שרייען וועט ער גאָרנישט אויספיהרען און האט אנגעהויבען האָפען אויף א סיעתא דשמיא.

— פאר וואס זאל דער בורא ברוך הוא מיט מיר קיין נס נישט טאָהן? לעבט דען דער איד אנדערס וויא נאר מיט נסים?

און דער בורא ברוך הוא האט מיט איהם ווירקליך א נס געטהאָן!

געהענדיג, אמאָל, א פארצאָרענדיגער, א פאר־דאגה׳טער, דורך קאנעל סטריט, וואו עס געפינען זיך דיא קאַנטאָרען, אין וועלכע מען פערקויפט שיפס־קארטען, האט ער דערזעהן א גרויסען טאָוועל, אויף וועלכען עס איז אויפגעשריבען געוועזן מיט קלאָפטער־גרויסע אותיות: „פינף דאלאר נאך יוראָפּ.

„פינף דאלאר נאך יוראָפּ!“ — האט שבתי־טרייטעל אויסגעשריען מיט דער זעלביגער שמחה, מיט וועלכע דיא ששים רבוא אידען האבען אין דעם מדבר צום ערסטען בעגריסט דעם מן — „אין זאת, עס קען אנדערש ניט זיין, אז דער בעל הבית פון דעם דאָזיגען קאנטאָר איז א פערשטעלטער אליהו הנביא; אין זאת, עס קען אנדערס נישט זיין, אז יענער קאנטאָריסט איז א גילגול פון ר׳ אליעזר בן חרסום, דערצו נאך א גרויסער בעל צדקה, וואס וויל מהנה זיין דיא אידישע קבצנים מיט וואָלוועלע שיפסקארטען; אין זאת, עס קען אנדערס ניט זיין, אז דער פערקויפער פון דיא דאָזיגע שיפסקארטען איז א מאבד עצמו לדעת, רחמנא לצלן, אדער גאר א׳ן אנטלאָפענער פון משונעים הויז!

אז אין ניויארק געפינען זיך צווישען הונדערט באנקירעלעך פון דעם מין מעהר וויא פופציג שווינדלער, וואס זוכען דאס פובליקום אריינצונארען אין זאק מיט אלערליי המצאות, האט אונזער שבתי טרייטעל ניט געוואוסט אונד האט ניט געקענט וויסען, וויא טויזענד אנדערע, וואס זיינען מיט זייא אין בעריהרונג ניט געקומען.

א פארכאָפּטער און א פארחראָפּעטער איז שבתי טרייטעל אריינגעפלויגען אין קאנטאָר (דיא קאנטאָרען מוזען מיר מוחל זיין וואס איך רוף אָן א הינטישע

קאָנורע פון דלת על דלת אמות מיט דעם נאמען „קאנטאָר") און האט זיך גכייך געווענדעט צו א קלערק, וועלבער האט געשיינט צו זיין דער בעל הבית.

— וואס קאָסט ביי אייך א שיפסקארטע?

— וואוהין ווילט איהר פאָהרען.

— א שעהנע פראגע וואוהין!.... וואוהין זאָל א איד פאָהרען?

נאך שבתי טרייטעלס השגה האט קיין איד קיין אנדער נסיעה גאר ניט געקענט מאכען וויא פון רוסלאנד נאך אמעריקא, אָדער פערקעהרט.

— איך וויים וואוהין? — האט זיך דער קלערק אָפגערופען — מיר פער־קויפען שיפסקארטען נאך רוסלאנד, ענגלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, איטאליען, האָלאנד שוועדען, טירקייא, אזוי אויך נאך אפריקא, נאך בינא, יאפאן, סינגאפור, האָנאָלולו, יאָקאהאמא, באָמבייא, מאדראס, ציילאָן, א. ז. וו.

— אין יענע מקומות דארף איך נישט!

— אלזאָ נאך רוסלאנד פאָהרט איהר?

— וואס מיר רוסלאנד, ווען מיר רוסלאנד! איך בין א קאפּוויזשאָקער נכתב און אהין פאָהר איך! פערשטעהט איהר מיך שוין?

— אָבער קאפּוויזשאָק ליעגט דאך אין רוסלאנד?

— וואו דען זאָל זיא ליעגען, אויף דיא הרי חושך? אויף יענעם זייט סמבטיון? אָדער אפשר גאר אין דער סביבה פון לחלח וחבר? אדער סמוך לק"ק פומפּדיתא?

— איהר מוזט מיר מוחל זיין. דעם נאמען „קאפּוויזשאָק" הער איך צום ערסטען מאָל!

— הא, הא, — האט זיך שבתי טרייטעל מיט אלע זיינע צוויא און דרייסיג צייהן צולאכט — איהר האט פון קאפּוויזשאק ניט געהערט? א שעהנער איד זייט איהר, האט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט! ווער מאחינו בני ישראל וויים דאס נים פון קאפּוויזשאָק? וויא? האט איהר פון קאפּוויזשאָקער בית־עולם נישט גע־הערט? אויף איהם ליעגען צדיקים, מופלגים, גאוני עולם, איהר מעגט אייך ווינשען, אז אייער קאָפּ זאל דאָרטען ליעגען, וואו זייערע פים רוהען, צו יענע הייליגע קברים פאָהרט מען צוזאמען מארבע בנפות הארץ..... ר' איסערקע, זכר צדיק לברכה, איז אויך מקובר געווארן אייף יענעם הייליגען אָרט. ווייסט איהר ווער ר' איסער'קע איז געוועזן? דער גרעסטער צדי"ק הדור! דער גרעסטער בעל מקובל, וואס האט געמאכט א גולם מיט'ן שם המפורש, א גולם וואס האט געגעסען מילכיגע פארפעל וויא א פשוטער מענש! הייגט דיא אכטע הדסה, דיא וועלט־צדקניות, וואס פלעגט

פערזאָרגען איבער הונדערט תלמוד-תורה-אינגלעך מיט װאָרעמע זאָקען, איז אויך געװען א נעבאָרענע קאַפּויזשאַקערין! הײנט שמולקע באַנדע, דער גרױסער שטאַט־מסור, ימח שמו וזכרו, װעלכען מען האט געפונען א דערשטיקטען אין בית הכסא, איז אויך געװען א קאַפּויזשאַקער גנ:תב! און מײן זײדע ר׳ רפאל גדליה......

— נענוג, איך װײס שוין! — האט איהם דער קלערק איבערגעשלאָגען — אלזאָ, איהר פאָהרט צוריק נאך קאַפּויזשאַק!

— געװיס, בלי שום פקפוק!.... װאס קאָסט א שיפסקארטע אהין?

— אהין.... קאָסט.... פערציג דאלאר....

— הוא האלהים! — האט שבתי טרײטעל אויסגערופען א דערשראָקענער און איז אָפּגעשפּרונגען הינטער זיך, פּונקט װיא מען װאָלט פּלוצלונג איין עמער קאַלטע װאסער אין פּנים אריינגעגאָסען — פערציג דאלאר? און נאך אמאָל: פערציג דאָלאר? זײט איהר שיכור, משוגע, אָדער חסר דעה?

— איך בין ניט שיכור און ניט משוגע, ליעבער פריינד; איך רעד מיט אייך קלאָרע דיבורים.

— אבער איהר זאָגט דאך אײך אײער ברעטעל אין דרויסען בפירוש: „פינף דאלאר נאך יוראָפּ״?

— נוא יא, אזוי איז עס טאַקי! נאך יוראָפּ קאָסט טאַקי נישט מעהר װיא פינף דאלאר. אויב איהר װילט פאָהרען נאך יוראָפּ, קריעגט איהר בײא מיר א שיפסקארטע פאר פינף דאָלער.

— אבער איך דארף נישט אײער יוראָפּ! איך האב אײער יוראָפּ אין דרערד! — האט שבתי טרײטעל זיטערענדיג פאר פעס געשריען — איך בין א קאַפּויזשאַקער און אהין װיל איך גאָהרען!

— פון מײנעטװעגען?.... אבער אויב אזוי מוזט איהר פערציג דאללאר בע־צאָהלען.

— רחמנא יצילנו! דאס איז דאך רײנער גזלעװאַי, אמת׳ער שפיכות דמים! פאר װאס דארף דאס אזא הון רב קאָסטען?

— אז איהר װעט אײך אויפהערען צו קאָכען, װעל איך עס אײך ערקלערן!

— אדרבה! דאס בין איך טאַקי א בעקן צו װיסען!

— פערשטעהט איהר מיך, ר׳ איד, נאך יוראָפּ געהען נאר דיא פראָסטע שיפען, יענע שיפען, אויף װעלכע מען פיהרט אָקסען און חזירים, אָט דיא דאָזיגע שיפען געהן פון דאנען נאך יוראָפּ א קיימא לן פון זיעבען ביז אכט װאָכען, און דיא פּאַסאַזשירען מוזען דיא מאַטראָזען העלפען ארבײטען, א שטײנער װיא דיא חזירים

פיטערען און דיא בהמות מעלקען און רייניגען. זיי ווערע, נעביך פערשווארצט און אויסגעריסען פאר זייער ביסעל געלד, עס איז אויף זיי א גאַטס רחמנות!.... נאך קאפוזישאַק אָבער געהען דיא ערסטע קלאסע שיפען.... וואס זאג איך שיפען? פאלאצען זיינען דאס!.... פאלאצען במכוא מובן המלה. ראשית געהט אזא שיף נישט מעהר וויא פינף טעג.... וואס זאג איך געהן? זיא פליהט זיא טאנצט, זיא שפרינגט, איבערן וואסער, ממש זיא שפרינגט! שנית פאָהרען מיט אזא פאלאץ דיא גרעסטע אדונים פון דער וועלט, וויל דיא איינריכטונג איז גרויסאַרטיג: זילבערנע בעטען, זיידענע קיסענס, סאמעטענע קאָלדרעס, א בית הכסא פון מירמעלשטיין און נאך און נאך!.... און דער עיקר איז: פאר עהרליכע אידען איז אזא שיף א וואהרער גן עדן! ערסטענס אין דאָרטען פאר אידען איינגעריכטעט א חדר מיוחד, א מין שוהל, וואו זיי קענען דריי מאָל אין טאָג מתפלל זיין בציבור, טאקי א'ן אמת'ע שול מיט איין ארון קודש, מיט איין עמוד און מיט אלע הצטרכות.... און צווייטענס: דאס כשרה עסען. וואס זאָג איך עסען? אונזערע אחינו בני ישראל בעקומען דאָרט אמת'ע מעדני מלכים, וואס שטעהען דאָרט אונטער דער השגחה פון א שוחט מפורסם, א שוחט, וואס בעקומט זיין געהאלט פון דער ממשלה, אז ער זאל השגחה האבען אויף די מאכלים, און מיינט איהר אפשר א קליין געהאלט? ער בעקומט צוויי טויזענד מארק יעהרליך! טויזענד מאַרק פאר זיין שחיטה און טויזענד מארק פאר זיין השגחה, וויא איהר זעהט מיך א כשר'ן אידען! אָבער וואַרט, דאס איז נאך גאָרנישט, נאך גאר קיין אנהויב ניט!...... אז מען ניט אויף יענע שיפען כשר עסען, איז גאר קיין קשיא ניט, וואס דען, זאל א איד חלילה עסען טרפות פאר זיין געלד? דאס האבען שוין אפילו די גוים איינגעזעהן, אז דאס איז בלתי אפשר, א וואונדער איז נאר דאס, דאס אויף יענע שיפען גילט וויא פארצייטען בייא אחשורוש'ן דער „אין אונס"! דאס הייסט: מען צווינגט חלילה ניט דעם אידען צו עסען דוקא דאס, וואס מען קאָכט פאר דעם גאַנצען כלל פאסאשוירען, און יעדער איינער קען זיך אויסקלייבען וואס ער וויל א שטייגער איינער וויל האבען א'ן אָנגעפילטע קישקע מיט קאשע, דארף ער נאר זאגען און ער קריגט דאס תיכף ומיד! דער אנדערער וויל א ראָסעל פלייש מיט קנאָבל, דארף ער נאר א פיפס טאָהן! א כלל: וואס איינער וויל און וואס זיין הארץ געלוסט קריגט ער דאס בלי שום טענה ומענה, אזוי איז עס דאָרט איינגעפיהרט פון דער ממשלה! היינט פרעג איך אייך, איך זעה דאָך, אז איהר זייט א איד א למדן, א חכם, איז פערציג דאלאר ניט א ווילדע מציאה פאר א שיפסקארטע צו פאָהרען מיט אזא שיף.... וואס זאָג איך א שיף? מיט אזא פאלאץ?.... אָבער וואַרט! דאס איז

נאך אויך ניט אלעס! איך מוז אייך זאגען, אז אין אנדערע קאנטאָרען, וועט איהר טאקי בילוגער קריגען, עס קען זיין, אז מען וועט אייך געבען א שיפסקאַרטע טאקי פאר פינף דאלאר, אבער מען וועט אייך אָפּנארען, ווייל יענע זיינען שווינדלער און האבען גאר ניט דיא שיפסקארטען פון דיא כשרה שיפען. אין אונזער קאנטאָר בעשווינדעלט מען חלילה קיין אידען נישט, ביי אונז איז ראיעל, איהר מעגט אייך נאכפרעגען אין אַלע אידישע קהלות.

שבתי טרייטעל איז געשטאנען א פערזונקענער אין א גאנצען ים פון טיעפע רעיונות. דיא שאלה פון פערציג דאלאר איז פערשוואונדען געוואָרען און האט מיט איין מאָל אויפגעהערט א שאלה צו זיין. יעצט איז ער געשטאנען אונבעוועגליך און האט גע'חלום ט פון דעם זיסען גן עדן, וועלכען דער קלערק פון קאנטאר האט איהם מיט דיא בעסטע פארבען אויסגעמאָלט. ער האט שוין געפיהלט בחוש, וויא ער ליגט אין דער זילבענער בעט אויף דיא זיידענע קיסענס, צוגעדעקט מיט דיא סמעטענע קאָלדרע און דער „פּאלאץ" פליהט, טאנצט און שפּרינגט איבער'ן וואסער. אין נאָז האט איהם געקיצעלט דער ריח פון דער אָנגעפילטע קישקע מיט פאשטע און דער ראָסעל־פלייש מיט קנאָבעל האט איהם געמאכט רינען דאס שפּייעכץ פון מויל.

— מציאה, א ווילדע מציאה, וויא איך בין א איד! — האט ער זיך אין זיינע געדאנקען ארומגעטראָגען.

אויף א קורצע צייט נאָר איז ביי איהם אין קאָפּ געבאָרען געוואָרען דיא שאלה: ווארום זיינען דאס דיא „ערלים" מיט איינמאָל אזוי גוט געוואָרען און האבען אנגעהויבען דעם אידען צו פערזאָרגען מיט כשרה „שיפען" און מיט כשרה מאכלים? אָבער באלד איז בייא איהם אין קאָפּ אויך געבאָרען געוואָרען א תירוץ מספיק.

— אָהאָ! — האט ער אין זיינע געדאנקען יענע שאלה פערענטפערט — ביי דיא גוים זיינען דיא קעפּ נאך ניט אויסגעדארט. זייא ווייסען, וואס עס שטעהט זיי פאָר אין א קורצע צייט. נעווים האבען זייא געהערט, אז מיר געהען אָבקויפען גאנץ ארץ ישראל ביי דעם תוגר און מיר מאכען דאָרט א מלוכה בפני עצמו, א מלוכה ממש מיט א אידישען מלך, מיט א אידישען שני למלך, מיט אידישע מיניסטאָרען, מיט אידישע יענעראלען, מיט אידישע גובערנאטאָרס און מיט אידישע רעסאָטניקעס, בכל מכל כל וויא פארצייטען אין דיא גוטע יאהרען, לכן הויבען זיי אונז שוין אָן בעצייטענס צו חנפה'נען, ולפיכך זשאַלעווען זיי קיין געלד ניט אונז מיט יעדע זאך מפּצה צו זיין, כדי מיר זאָלען אויף זיי קיין שנאה ניט טראָגען פאר

זייערע רדיפות, וואס מיר זיינען פון זיי אויסגעשטאנען, און מיר זאָלען מיט זייא קיין מלחמה נישט האלטען, ווען מיר וועלען שוין האבען אייגענע סאָלדאטען און אייגענע הארמאטען !..... נא, דאכט־זיך דער גוי האט א גראָבע קאָפּ, ער האט קיינמאָל קיין גמרא ניט געלערנט און פערשטעהט דאָך !....... א חידוש נפלא, וויא איך בין א איד !

אויך איז איהם קיין שום ספק אין דעם קלערקס הבטחות אין דיא געדאנקען ניט געקומען, דען דער קלערק האט געטראָגען יענע זיעבענרעהרינדיגע באָרד, דיא אמת׳ע, ספּעציעל־אידישע באָרד, וואס דיענט אזוי אָפט אלס דיא בעסטע רעקלאַמע פאר אידעשע שווינדלער און בייטעל־שניידער. דערצו נאָך האט ער מיט איהם גע־רעדט דעם „רייגעם אידיש״ און האט געוואוסט זיינע רייד צוצוזאלצען מיט א סך לשון־קודש׳דיגע און תלמודישע ווערטער.

— אזא איד קען בשום אופן קיין שווינדלער ניט זיין — האט ער זיך גע־טראכט.

ער האט שוין זיין האנד אריינגערוקט אין זיין קעשענע, מיט דער אבזיכט דיא פערציג דאָללאר פון דאָרטען ארויסצונעמען, אבער פּלוצלונג האט א נייער געדאנקען אין זיין קאָפּ אויפגעבליצט און זיין האנד איז געבליבען שטעקען אין דער קעשענע.

דער געבאָרענער שנאָרער האט זיך מיט איינמאָל אין איהם א ריהר געטהאָן.

— אז איך גיב איהם שוין יא צו לייזען אזא הון רב — האט ער ביי זיך גע־קלערט — ווארום זאל ער מיר ניט געבען א נדבה ?

און שבתי טרייטעל האט אנגעהויבען צו קנייטשען דעם שטערען, אום אויס־צוגעפונען איין אויסרייד פאר א נדבה.

און באלד האט ער געפונען וואס ער האט געזוכט.

— איך זעה, אז איהר זייט א איד א חשוב און דערצו נאָך א בן תורה, וואס דאס איז יקר במציאות דאָ אין אמעריקא — האט ער דיפּלאָמאטיש זיין אטטאקע אָנגעהויבען — ככן קען איך מיט אייך רעדען א פּאָר ווערטער כאשר ידבר איש אל רעהו. אָט רעד איך שוין מיט אייך, מה שמיכם, אין מחשבות׳ן ?

— יצחק קאפּוצינסקי — האט איהם יענער געענטפערט.

— אָט רעד איך שוין מיט אייך, ר׳ יצחק, א קיימא לן פון א האלבע שעה, און עס איז מיר א חידוש נפלא, דאס איהר פרעגט מיר גאר ניט, ווארום איך פאָהר צוריק נאָך קאפּוזישאָק ?

זאָלט איהר נחת האבען — האט זיך דער קלערק אָפּגער פען — ערכטענס וואס איז דאס מיין דאגה, וואס איהר פאָרט צוריק נאך קאפּויזישאָק ? אז איהר פאָהרט מסתמא דארפט איהר דאך פאָהרען ! און צווייטענס, ווער האט דאס צייט מיט יעדען קאָסטימער (קונד), וואס קומט אין אונזער קאַנטאָר קויפען א שיפס־קארטע מאריך בדרוש זיין ? איהר זייט דאך קיין גרינהאָרען ניט און איהר ווייסט דאך וואס דער אמעריקאנער זאגט: טיים איס מאָני (צייט איז געלד)!

— נאָ אויב אזוי, טאָ הערט מיך אוים: מיינער א לאַנדסמאַן פון קאפּויזישאָק האט מיט עטליבע יאָהר צוריק מענן נעווען זיין ווייב און איז אוועק נאך אמעריקא. דאס ווייבעל איז מיינע א וויטע קרובה און פּשוט אויס הוילען רחמנות האב איך מיך פאַרגענומען דעם יונגאטש אויסצוגעפינען און פון איהם א גט צו בעקומען. איך האב פארקויפט בכל אשר לכל, איך האב מיך ממש בדלות גע־שטעלט און בין געקומען אהער דעם יונגאטש זוכען. מיט א פּאָר וואָכען צוריק האב איך דעם שעהנעם מענשען געפונען אין ברוקלין און מיט גרוים מאטע־נעס האב איך ביי איהם דעם גט בעקומען. וואס זאגט איהר, ר׳ יצחק, איז דאס ניט א דבר גדול א יונגע ענונה צו ראטעווען ? אבער דאס איז נאך גאָרנישט ! דער פושע ישראל האט אנדערש ניט געוואָלט געבען קיין גט, סיידען איך וועל איהם געבען פופציג דאלאר במזומנים. מיינט איהר אפשר אז איך האב א סך געקלערט ? חלילה ! איך האב איהם אפּגעציילט דיא חמישים שקלים אויפ׳ן האנד, זאל ער אזוי, דער עבבּרש, פופציג יאהר ליעגען אין בויכווייטאָג ! אבער דאס איז נאך אויך גאָרנישט ! איך וויל דער שכיח מצוה זיין און מיט מיינע איי־ענע הענד דיא אָרעמע ענונה דעם גט איבערגעבען און טאקי נאר צוליעב דעם פאָהר איך נאך קאַ־פּויזישאָק.

— המ !.... איהר זייט א גרויסער ירא שמים !...... אויף אייך מעג מען טאקי זאגען: ירבו כמותך בישראל !

— ירבו כמותך היינט, ירבו כמותך מאָרגען ! דערווייל קאָסט מיר דיא מצוה א קימא לן פון א פּאָר הונדערט דאלא־ און איך בין לא עליכם א קבצן מיט אונטערשלאָק, איין עני ואביון מנוזלו, איך קען אזעלכע גרויסע צדקות ניט טראָגען, ווייל, פערשטעהט איהר מיך, איך האב אויך א ווייב מיט קינדער וועלכע איך דארף מפרנס זיין, לכן איז א גרויסער יושר, אז היות וויא איך בין אייערער א קאָסטימער און גיב אייך צו לייזען פערציג דאלאר פאר א שיפסקארטע, זאָלט איהר מיר געבען א שעהנע נדבה !

— המ !.... וואס הייסט ביי אייך א שעהנע נדבה ?

— איך מיין טאקי פשוט עטליכע דאלאר! זעהט איהר? עס זיינען דא א סך אידישע קאנטארען, וואו מען פערקויפט שיפסקארטען, און אויף אזא דבר מצוה וואלט יעדער איינער געגעבען, נאר כאפט זיי דער רוח, איך וויל מיט זייא ניט האנדלען, יענע זיינען מיר צופיל טייטשמעריש, לעומת זה, זייט איהר, וויא איך זעה, א איד מיט אלע מעלות, א איד, וואס מען דארף טאקי זוכען מיט ליכט אין אמעריקא, לכן וויל איך, אז איהר זאלט מיר געבען דיא נדבה און טאקי איהר זאלט פערדינען דיא מצוה, א י י ך פערגין איך עס מיט'ן גאנצען הארצען!

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת — האט זיך דער קלערק אפגערופען — עטליכע דאלאר א נדבה איז א סך געלד, בפרט נאך, אז אזעלכע מצות, זאל ניט אויסגערערט זיין, האט מען אלע ווילע, אבער וואס זאל מען טהאן? ערסטענס, איז מען דאך א שטיקעל איד מיט דיא מדה פון רחמנות און צווייטענס, זייט איהר א יוצא מן הכלל. עס איז טאקי ווייט צו זוכען א אידען, וואס איז זיך פשוט מוסר נפש פאר איין ארעמע עגונה, הייגט וויא ניט מען ניט? נא, זאל מיר זיין צו מצוה און אייך צו געזונד!...... איהר וועט מיר געבען, ר' קרוב, פינף און דרייסיג דאלאר פאר דער שיפסקארטע און פינף דאלאר האט איהר פאר א י י ך!...... זייט איהר צופריעדען?

— א ברירה האב איך?.... איך מוז צופריעדען זיין! — האט שבתי טרייטעל געענטפערט.

ער האט זיך אבגעקעהרט אין א ווינקעל און האט פון א גאנצען פאק שמאַ־טעס ארויסגעוויקעלט די פינף און דרייסיג דאלאר, וועלכע ער האט דעם קלערק דערלאנגט.

און יענער האט איהם באלד א רעסיט איבערגעגעבען.

ביידע זיינען מיט דעם „מסחר" צופריעדען געוועזן......

שמח וטוב לב, וויא יעדער מענש נאכדעם וויא ער האט אפגעשלאסען א נוטען געשעפט, איז זיך שבתי טרייטעל אוועקגעגאנגען צו זיך אהיים, אין דעם נחת רוח'דיגען בעוואוסטזיין, דאס מהיום והלאה איז ער שוין מעהר קיין „אמערי־קאנער" ניט און דאס ער פאהרט שוין אהיים.

ווען דאס הארץ האט איהם א ריס געטאן אויף דיא פינף און דרייסיג דאלאר, וועלכע ער האט אבגעצאלט פאר דיא שיפסקארטע, האט ער זיך באלד געטרויסט מיט דעם זיסען געדאנקען, דאס אויף דער שיף, דאס הייסט, אויף דעם „פאלאץ", אויף וועלכען ער וועט פאהרען אהיים און מיט וועלכען עס פאהרען געוויס זעהר

פיעל אדונים ועשירים, וועט ער קענען צוזאמענשנארען א היבשע סומע געלד און דיא פינף און דרייסיג דאלאר וועלען איהם ארויסקומען קוסטענדיג....

ער האט זיך מיט גרויס איילענים גענומען מכין זיין צו דער נסיעה, ווייל ער האט געפיהלט, אז נ׳יארק איז שוין פאר איהם צו ענג און יעדע מינוט האט זיך פאר איהם אויסגעצויגען וויא א גאנץ יאהר. צום ערסטען מאל אין זיין לעבען האט ער דערפיהלט אז ער איז א „טאטע“ און א „מאנן“ און ווייל ער איז דאס, דארף ער צו זיין ווייב און קינדער ניט קומען מיט ליידיגע הענד.

ער האט פאר זיין קיילע מנוחה׳ן און פאר זיינע קינדער אנגעקויפט פער־שיעדענע מתנות.

— אי, וועלען זייא זיך אביסעל פרייען! — האט ער אויסגערופען דיא מתנות אין איין אלטען טשעמאדאן פארפאקענדיג — און וועלען מיך אננעהמען פאר א גוטען גאסט.

דער וויכטיגסטער ענין איז פאר איהם געוועזען זיין געלד אויף אזא אופן צו בעהאלטען, דאס קיין מענש אין דער וועלט זאל נישט מערקען, דאס ער פיהרט געלד מיט זיך. דיא אונגליקליכע „סבות“, וועלכע ער האט ביז היינט געהאט און וועלכע עס האבען איהם בדלות געשטעלט, האבען איהם אויסגעלערנט פארזיכטיג צו זיין.

נאך לאנגען טראכטען און איבערלייגען, האט ער זיך ענדליך ענטשלאסען זיין געלד אין זיין חאלאט איינצונייהען און דעם דאזיגען חאלאט פון זיין קערפער־ניט אויסצוטאהן סיי ביי טאג, סיי ביי נאכט.

— אשרי אדם מפחד תמיד! — האט ער צו זיך געזאגט און האט זיין געלד אין זיין חאלאט אונטער דיא וואטע איינגענייהט.

12טעם קאפיטעל.

אלס שבתי טרייטעל איז ארויפגעקומען אויפ׳ן „פאלאץ“, וואס איז הוזשענ־דיג און פייפענדיג מיט זיינע אייזערנע מאשינעס געשטאנען מוכן ומזומן איהם צו פיהרען נאך קאפוזישאק, האט ער זיך תיכף ומיד אנגעהויבען צו חדוש׳ן, און האט זיך טאקי גע׳חדוש׳ט מכמה טעמים.

עפעס האט דער „פאלאץ“ גאר ניט אויסגעזעהן וויא א פאלאץ כרבעי, נאר וויא א געוועהנליכע שיף, וועלכע ער האט שוין מעהר וויא הונדערט מאל געזעהן

אין ניויארק שווימענדיג אויף דעם וואסער, וואס רינגעלט ארום דיא שטאדט פון אלע זייטען. דאן איהם קשה געווארען דער ענין, דאס גלייך וויא ער איז ארויף אויפ'ן שיף, האט ער אזוי וויא פון דער ערד דערהערט דעם בלעקען פון בהמות און דאס גרונצען פון א סך חזירים. ווייטער האט ער זיך גע'חדוש'ט, דאס ער האט אויף דעם פארדעק פון שיף דערזעהן גאנצע קופות פון יענע „בשמים" מיט וועלכע יחזקאל הנביא האט נאך גאטס געבאט געבאקט זיינע וואונדער־שעהנע קוכען *) און קיין איינציגע פון יענע „אדונים", פון וועלכע ער האט געהאפט דיא שעהנסטע נדבות צו בעקומען.

שטעהענדיג מיט דעם אלטען טשעמאדאן אין דער רעכטער האנד און צו־דריקענדיג יענעם פלאטץ פון זיין חאלאט, וואו זיין געלד איז איינגענייט געוועזען, האבען זיינע אויגען מיט איין אויסדרוק פון גרויס פערוואונדערונג ארומגעוואנדערט פון איין פלאטץ אויף דעם אנדערן, מיט דעם האפנונג ענדליך צו געפינען א פתרון צו דיא פיעלע חידות, וואס האבען זיך בייא איהם אין קאפ ארומגעדרעהט. ער האט אבער נישט געפונען דאס, וואס ער האט געזוכט. ער האט מעהר נישט געזעהן וויא א גרויסער טהייל פון דיא מאטראזען מאכען דיא לעצטע הכנות צום אבפאהרען און וויא אנדערע פון דיא מאטראזען טראגען ארונטער גרויסע בינדלעך שטרוי אונטען, פון וואנען דאס בלעקען פון דיא בהמות און דאס גרונצען פון דיא חזרים האט זיך געלאזט הערען.

— וואו זיינען דאס דיא אידישע פאסאזשירען? — האט ער זיך אליין שוין צום צעהנטען מאל געפרעגט.

און ווייל עס איז געוועזען ארום אכט דעם זייגער אין דער פריה, האט ער מיט זיין שכל הישר דערגאנגען, אז דיא אידישע פאסאזשירען זיינען יעצט אין שוהל בייא דעם דאווענען.

אבער וואו איז דיא שול? אויבען אויפ'ן פארדעק זעהט מען זיא עפעס נים.... זאל זיא זיין אונטען? הערט א שכל פון גוים! מאכען א שול גאר אונטען! נא, צו זייערע קעפ! צו זייער לייב און לעבען! צו זייער האר און נאר! האט עס עפעס א טעם א אידישע שול פינף קלאפטער אונטערן דאך? וואס זאג איך „דאך", דאס איז דאך גאר אונטער דער פאדלאגע!

*) ויאמר אלי ראה נתתי לך את צפיעי הבקר תחת גללי האדם ועשית את לחמך עליהם. (יחזקאל ד. טו.)

ער האט זיך א לאָז געטאָן מיט דעם פעסטען ענטשלוס דיא שול אויסצונע־פינען און געהענדיג האט ער געטרעטען איבער גרויסע שטריק און גראָבע זאגלען, וואס זיינען אין אונאָרדנונג געלעגען צושפּרייט אויף דעם פּאָרדעק.

— קאָם איך נאר מיינע אידעלאך געפינען — האט ביי זיך געטראכט — זיי וועלען מיר שוין אלעס ערקלערן!

ער האט דערזעהן דיא טיהר, וואס פיהרט צום צווישענדעק און איז צו איהר צוגעגאנגען.

א מאַטראָז גרויס און שטארק וויא גליות הפלישתי האט איהם פערטרעטען דעם וועג און מיט טיעפע באס־שטימע האט ער ארויסגעדונערט:

— צוריק יורע!

— נאָ, נאָ, נאָר ניט אזוי מחוצפ׳דיג, מיין ליעבער דייטש! — האט איהם שבתי טרייטעל געענטפערט און האט זיך ווייטער גערוקט.

קוים אָבער האָט ער דעם צווייטען טריט געמאכט, האט ער דערזעהן וויא א שטיק פלייש, פּאַהדושע אויף א מענשליכע האנד, האט זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען, א רגע שפּעטער האט זיך דער שטיק פלייש ווידער אראָבגעלאָזען און איז איהם ארייגעפאָהרען מיט׳ן דייקסעל אין דיא צייהן אריין מיט אזא מאכט און מיט אזא געשווינדיגקייט, דאס ער איז הינטער זיך געפאלען און א שטראָם בלוט האט מיט איינמאָל פון זיין מויל ארויסגעשאָסען.

— הוא האלהים! — האט ער אויסגערופען זיין בלוטיגען מויל אבווישענדיג, נאכדעם וויא דיא פונקען, וואס זיינען איהם פון דיא אויגען געפלויגען, זיינען אויס־געלאָשען געוואָרען — דאס איז דאך גאָר עפּעס מעשה סדום!

ער האט זיך ווידער אנגעהויבען צו חידוש׳ן און ער האט זיך אזוי לאנג גע־חדוש׳ט, ביז ער איז געקומען צו דער סברה, דאס ער האט געוויס פערבלאָנדזשעט און אנשטאָט אויף דעם „פּאלאץ“, האט ער געטראָפען, על פי טעות, אויף איין אנדער שיף.

אבער דעם פעהלער צו פערריכטען איז שוין צו שפּעט געווען. דיא מאַטראָ־זען האבען שוין דיא אנקערס אויפגעהויבען און דיא שיף איז שוין אָבגעגאנגען פון ברעג.

זיין עגמת נפש איז געווען אונבעשרייבליך. וואס טהוט מען? וואס פאר איין עצה גיט מען זיך? ווים גאָט, וואס פאר א שיף דאס איז און וואוהין זיא וועט איהם זיינע ביינער פערטראָגען!......

אויף איין מינוט האט איהם ארייגגעבליצט דער געדאנקען דעם שיפסקאפּי־טאן אויפצוזוכען און איהם זיין טעות אויפקלערען מיט דער בקשה: דיא שיף אומ־צוקעהרען און איהם אראפּצולאָזען, באלד אָבער האט ער זיך דערמאָהנט אָן יענעם כפול שמונה׳דיגען פּאטש און דיא אבזיכט, דעם שיפּסקאפּיטאן אויפצוזוכען, איז אין איהם אבגעשטאָרבען.

— נעה מאך עפּעס מיט אזעלכע סדום׳ניקעס! — האט ער ביי זיך גע־טראכט — אזעלכע רשעים קענען פּשוט א מענשען אומברייננגען.

מיט איינמאָל איז איהם ליכטיג געוואָרען אין דיא אויגען. זיצענדיג אויף איין אנקער א פאר׳דאנה׳טער און אָלץ ווישענדיג זיין בלוטיגען מויל, האט ער פון דער וויטען דערזעהן א מענשען, אין וועלכען ער האט תיכף ומיד א אידען דער־קענט.

יענער איד איז פון צווישענדעק ארויפגעקומען, האט זיך געזעצט אויף א ראָלל פון גראָבע שטריק, און האט געגעסען שווארצען ברויט מיט קנאָבעל.

דאס איז געוועזען א קליינגעוויקסיגער מענשעלע, א דארינקער, א שווארצינ־קער, מיט א ציגענע בערדעל, מיט שפּיציגע, אונרוהיגע אייגעלאך און אנגעטאָהן האלב חסיד און האלב בינלער.

שבתי טרייטעל האט זיך צו איהם א לאָז געטהאָן מיט אזא שמחה, אזוי וויא ער וואָלט פלוצלונג דערזעהן זיין טאטען פון יענער וועלט.

— שלום עליכם א אידען! — האט ער גאנץ פרייליך אויסגערופען און האט איהם זיין האנד אויסגעשטרעקט.

— אלאיכעם שולעם! — האט איהם יענער אין גאליציאנישען דיאלעקט און קייענדיג מיטביידע באקען געענטפערט.

— פון וואנען איז דאס א איד?

— א גאליציאנער!

— מה שמיכם?

— הערשעל זאמזומסקי!

— וואוהין פאהרט א איד?

— יאך פוהר נאך טשערנאָוויטץ!

— איהר האט געוואָהנט אין ניויאָרק?

— יאך הוב געוויינט אין ניויאָרק פארצעהן יוהר!

— מיט וואס האט איהר איין בעשעפטיגט?

— מיט וואוּעס? יאך בין געוועין א בינלער! פארשטאיהט איהר מעך?

— און ווארום פאָהרט איהר אהיים ?

— גיניג מיך צו חאַיישעכען אין אמעריקא. פאַרצען יוהר דיא וועלט נישט געזעהן.... געארבייט וויא א שקלאַף, פאַרשטאַיהט איהר מעך !

— נאַ, אין פערצעהן יאָהר האט איהר געוויס א היבשען גראָשען געמאכט ?

— בע מע ! א מול בעסער, א מול ערגער.. איהר וואיסט דוך אמעריקא.. ווען נישט פארדינען, הוב איך גאַנץ אמעריקא אין קאַיוער !

— איך זעה שוין, ר׳ הערשעל, אז איהר פיהרט אהיים א היבשען גראָשען. זאָל עס אייך וואויל בעקומען ! איך פערגין עס אייך פון גאַנצען הארצען, איך שווער עס אייך ביי מיין באָרד און פאות.

שבתי טרייטעל האט דאס זעהר פריינדליך ארויסגערעדט און האט דערביי געטראַכט איך מוז ביי דעם גאַלעציאַנער חזיר קריגען א נדבה !

— ניא יאַ, עפעס פיהר יאָך אהאים ! — האט יענער געענטפערט — דער־מונט אָאַך פאַרצעהן יוהר א בינלער ! א קלאַיניגקאַיט ?

— האט איהר עפעס א פאַמיליע אין דער היים ר׳ הערשעלע ?

— יאָך הוב אין טשערנאָוויטץ א וואַב מיט א געשיגפט !

— וואס פאר א געשעפט ?

— וואועס פאר א געשעפט זאָל האָבען א אידענע ? א וואַבערישען געשעפט, נאַטירליך ! זיא באַקט לעקאך און טאָרטען פאר דיא ראַבע לאַט !

— נאַ, וויא איך זעה, האט איהר ר׳ הערשיל ניט וואס צו זאָרגען ! א חוץ אייער שאָדען, הלואי אויף מיר געזאָגט !

דער גאַליציאַנער האט איהם א מינוט לאַנג מיט זיינע קליינצינגע און שפּי־ציגע אייגעלעך פאַרשענד אנגעקוקט.

און איהר, ר׳ קוריב ? — האט ער שבתי טרייטלען געפרעגט — איהר זענט מיט אַמעריקא נישט צופריעדען ?.... איהר האט גאַרנישט געמאכט ?

— גאַרנישט, מיין פריינד ! נאָך וויניגער פון גאַרנישט ! — האט שבתי־טרייטעל מיט א שווערען זיפץ געענטפערט.

— נע, נע !.... שטעקט אייך נור נישט אזאַי ! — האט דער גאַליציאַנער מיט א האַלבען שמייכעל ארויסגערופען — מער קענען אאָך לוטוואקעס !.... אז אז איהר זוגט „גורנישט“, איז דוס א קלורער סימן, אז איהר הוט א פעטט באַטעלע !

א שוידער איז דורך שבתי טרייטעלס קערפּער אריבערגעפ־ויגען. עס האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז דער גאַליציאַנער וויים פון זיין ביסעל מזומן, וואס ער

טראגט איינגעגייהט אין זיין חאלאט און גאר ניט ווילענדיג האט ער זיך א חאפ געטהאן צו יענעם פלאטץ, וואו זיין אוצר איז געלעגען.

דער גאליציאנער האט דיזע בעוועגונג בעמערקט און זיינע אויגען האבען אויפגעבליצט.

— נייז, נייז, ר, הערשיל — האט זיך שבתי טרייטעל האסטיג אבגערופען — איהר האט, מחילה, א טעות גמור! איך האב אין אמעריקא גארנישט געמאכט.. מעתר האב איך נישט, וויא דאס, וואס איהר זעהט אויף מיין לייב.... נישטא קיין מזל, ניט פאר אייך געדאכט! ווארף זיך אהין, ווארף זיך אהער, אלץ דער אייגענער קבצן!

— אויב אזוי, איז טאקי א רחמנות אויף אאך! — האט דער גאליציאנער מיט א רחמנות-פענעמ׳ל אויסגערופען — אבער איהר לטוואקעס, איהר הוט ג״ר קיין שאיבעל ניט. איהר וואיסט נישט וויא צו מאכען דעם גרושען.... יאך אויף אייער פלאטץ וואלט נישט געפוהרען א האים מיט לאידיגע הענד!

שבתי טרייטעל איז זעהר אויפמערקזאם געווארען.

— וואס האב איך געקענט טהאן? — האט ער געפרעגט.

— יאך וואלט נישט געפוהרען אהאים מיט איין אקסענשיף; יאך וואלט געפוהרען מיט א גראיסע שיף, אויף וועלכע עס פוהרען ראבע לאט און וואלט ציזאמענגענימען נדובות.

שבתי טרייטעלס אויגען זיינען פון סעקונדע צו סעקונדע גרעסער געווארען.

— וואס זאגט איהר? — האט ער אויסגערופען — איהר וואלט נישט גע־פאהרען מיט קיין אקסענשיף? איז דען אונזער שיף איין אקסענשיף?

— וויא?.... איהר וואיסט עס ניט?

— נעהט!.... איהר מאכט חוזק פון מיר!

— חאיזעק?.... זולען מער אזאי אלע באידע לייבען אין אישער און אין כובד, וויא אונזער שיף איז איין אקסענשיף!.... שאט! זוגט מיר נור, וויפיעל הוט איהר בעצוהלט פאר דער שיפסקארטע?

— פערציג דאָלאר!

— פארציג טולער?.... איי וואי געשרייען!.... פארציג טולער! פארציג יוהר זולען זיי זיך דארט קאקלען אויף צייהנגווייטאג, דיא רשועים!.... זייא הובען נור קיין יודיש הארץ דיא לאבושעם. וויא גארט מען דוס אופ איין ארעמען יודען, וואי געשריגען!

— וואס הייסט, זיי האבען מיך אָפּגענאַרט ? — האט שבתי טרייטעל וויא א צומישטער געפרעגט — וויפיעל דען האב איך פאר דער שיפסקארטע געדארפט בעצאָהלען ?

— פינף טולער; אזאַי הוב יאָך אויך בעצוהלט.

— איהר זייט א לץ, ר' קרוב, איהר לאכט פון מיר ! וואו איז דאס געהערט געוואָרען אין דער וועלט, אז א שיפסקארטע זאָל מעהר נישט קאָסטען וויא פינף דאָלאר ?

— אויב איהר גלאיבט מעך נישט, קען יאָך אַך נישט העלפען !

— און איהר האט נאר פינף דאלאר בעצאָהלט ?

— זאָלען מער אזאַי אלע באיידע לייבען, נור פינעף טולער !

— אבער וויא קען דאס זיין ? וואס זיינען זיי דאַרט, אַנזועצערס ? פאר וועלכע מעשים טובים וועלען זיי אונז געבען א שיף צו פאָהרען אהיים און דערצו נאך אונז קאָרמען מיט כשרה מאכלים כיד המלך ?

— כושערע מאכולים ? ווער הוט דוס אַך געזוגט ?

— דער מאַן וואס האט מיר דיא שיפסקארטע פערקויפט !

— הי, הי ! — האט זיך דער גאליציאנער צולאכט — יענער מאן הוט אַך אראנגעלאינט ! ער איז א שווינדלער, זולען מער אזוי אלע באידע לייבען ! אז זייא דערטאפּען א יאָלד וויא איהר זאנט, ראסען זיי פון איהם גאנצע פאסען. מעך אובער הובען זיי נישט געקענט אראנלאיגען. יאָך בין קלינער פון זיי. יאָך הוב זיי אין קאיוועך !

א לאנצע צייט איז שבתי טרייטעל געזעסען פערזונקען אין טיעפע געדאנקען. ער האט נאך אלץ ניט געוואָלט גלויבען, דאס מען האט איהם אבגענארט.

— אָבער וויא קען דאס זיין ? — האט ער ווידער אנגעהויבען — וויא קוינט דאס זיי פאר זינדיגע פינף דאלאר מענשען אזא מהלך רב צו פיהרען ?

— און אייער ארבייט איז בא אאך א הינד ? — האט איהם דער גאליציאַנער געפרעגט.

— ארבייט ?.... וועלכע ארבייט ?

— וויא ? איהר וואיסט עס ניט ? וואי געשריגען ! איהר זאגט דאָך איין אמת'ר יאָלד ! איהר וועט מיזען פיטערן דיא אָקסען און וואשען דיא חזירים, זולען מיר אלעביידע לייבען !

— היו לא תהיה ! — האט שבתי טרייטעל אויפגעקאָכט פאר כעס — וואס

איז דאס עפּעס? הפקר פּעטרושקע? איז דען לית דין ולית דיין בישראל? וואס הייסט: מען וועט מיך צווינגען חזירים צו וואשען? און וואס וועט מען מיר טהאָן, אז איך וועל ניט וועלען?

— אז איהר וועט נישט וועלען, ר׳ קורעוו, וועט איהר כאַפּען דיא טהייערע פּעטש; די מאַטראָזען וועלען אַפך מאַכען ברוין און בלאָ וויא א פּוילישען ראָסעל־פלאַיש!

— נישקאָשע, אונזערע אידישע פּאַסאַזשירען וועלען צו אזא נבלה נישט צולאָזען!

— וועלכע יודישע פּאַסאַזשירען מיינט איהר?

— אָט דיא, וואס פאהרען מיט אונז צוזאַמען?

— הו, הו! איהר הוט א גאַנצען טועת! קיין יור פּוה ט נישט מיט אינז. דיא אינציגע יודישע פּאַסאַזשירען זאַנען מער אלע באידע.

דיעזע נאַכריכט איז פאר שבתי טרייטלען געווען דער צווייטער דונערשלאַג. אויף זיין האָפפנונג א שעהנעם גראָשען פון דיא רייכע פּאַסאַזשירען צוזאַמען צו שנאָררען, איז געוואָרען צו וואסער.

— וואס טהוט מען? וואס האב איך געטהאָן? — האט ער כמעט וויינענדיג גע׳טענה׳ט — וויא אזוי וועל איך דערפאָהרען אהיים? איך האב דאך נישט קיין צובראָכענעם גראָשען.... עס וועט מיר אויסקומען מחזיר על הפתחים צו זיין, נדבות קלייבען.... וועה געשריען, צו וואס א מענש קען געפּרובט ווערען! אין מיין לעבען האב איך ביי קיינעם קיין נדבה ניט גענומען, און איצט, אויף דער עלטער, ווער נאָר א שנאָרער!...... איך זאָג אייך, מיין ליעבער ר׳ קרוב — האט ער זיך מיט איינמאָל צו דעם גאַליציאַנער געווענדעט — א פרעמדער גראָשען איז ביי מיר אסור־חזיר געוועזן, אבער אז עס קומט, ניט פאר אייך געדאַכט דיא בייזע שעה, העלפען קיין טענות נישט...... דרעה זיך אהין, דרעה זיך אהער, דוא מוזט בעטען!

דער גאַליציאַנער האט דעם אנצוהערעס גאַנץ גוט פערשטאַנען.

— ניע, וואועס איז דו פאר א באיז? — האט ער געענטפערט — דארויף איז מען דאך יודען! וואועס זול מען טהין? זול מען לאָזען א יודען איישגיהן פאר צער? כול ישראל חאַוואירים, זוגט מען דאָך!.... יאך בין אפילו נישט קיין ראַבער מאַן, אבער עפּעס קען יאך גיבען מאַנעם איין איגענעם ברידער!...... נישקשה׳ דער ריבאָינו של אייכאָם וועט מיר אופגיבען באיפּעל כפליים?

מיט דיזע ווערטער האט ער פון זיין בוזים-קעשענע ארויסגענומען א קליין פעקיל אמעריקאנישע אסיגנאצעס און האט שבתי טרייטלען אבגעציילט פינף דאלאר.

— דו הוט איהר פינעף טולער — האט ער צו איהם געזאגט — יאך געב עס אאך גערן. אויף מעהר הוט קאן פאראיבעל נישט. יאך בין אלאין דעם קבצנ'ס א שוואגער.

— זאל אייך טאקי דער בורא ברוך הוא אבגעבען כופל כפליים! האט איהם שבתי טרייטעל גענטפערט — איהר זאלט זוכה זיין צו געבען צדקה אייערע גע־פאלענע ברידער. נישקשה, דער איבערשטער וועט אייך ממלא זיין!

ער האט זיך מיט דעם גאליציאנערס נדבה געפרייט וויא מיט א גרויסען גע־ווינס און אין הארצען ביי זיך האט ער געטראכט: ארויסקריגען פינף דאלאר א נדבה פון א גאליציאנער דבר-אחר איז אזא קונץ, וויא שלאגען א שטיין, אז ער זאל געבען וואסער.

זיין פרייד האט אבער ניט לאנג גדויערט.

קוים איז ניויארק מיט איהר גרויסען האפען פערשוואונדען און דיא שיף איז שוין אריין אין דעם אפענעם אטלאנטיק, וואו מען האט שוין מעהר נישט געזעהען וויא הימעל און וואסער — איז צו זיי ביידען צוגעגאנגען א מאטראז, איינער פון דיא בני ענק, און האט מיט זיין באס-שטימע אויסגערופען:

— האללא, יודישע יודען! קאמען זיא, אבער שנעל!

— וואס וויל דער ערל? — האט שבתי טרייטעל דעם גאליציאנער גע־פרעגט.

— ער ריפט אינז שאין! האט דער גאליציאנער געענטפערט.

— וואס הייסט ער רופט אונז? וואוהין?

— וויא, איהר פארשטאיט ניט? ארבייטען ריפט ער אינז!

— ארבייטען? זאל ער ארבייטען מיט דער נשמה!.... איך געה נישט!

— נע, נע, איהר וועט בעסער ווערן! פאלגט מעך און שפיעלט אאך נישט מיט דעם מלאך המות.

— וואס בין איך זיינער, א פאראבאק?

— ווירד עס באלד? — האט דער דייטשער עונ מלך הבשן אויסגערופען און אין זיין שטימע האט זיך שוין געלאזט הערען דער נאהענטער „דאנערוועטער“.

— יאך גאי שאין. — האט דער גאליציאנער געענטפערט און איז האסטיג אויפגעשטאנען.

שבתי טרייטעל האט זיך ניט געריהרט פון ארט.

— קרייץ-מיללאָן-שאָק-דאָננערוועטטער, נאָך איינמאל! — האט דער מאט-ראָז ארויסגעדונערט און האט זיין דיקע און האָריגע האנד איבער שבתי טרייטעלס קאָפּ אויפגעהויבען — איך שלאָגע דיך וויך צו איינען ענגלישען פודדינג, דוא יוד'שער יוד!

— מאכט נישט קאָין מחזוקות און קימט! — האט דער גאליציאנער אויס-גערופען.

— מאכט רש"י נישט זוכה! — האט שבתי טרייטעל קאלטבליטיג געענט-פערט — זאָל ער נאר שלאגען, איך וועל מאכען א גוואלד ביז'ן זיעבענטען הימעל!

— אָבער איהר זעהט דאָך, יאָך גאיה אויך!

— נוא יא, איהר האט פינף דאלאר בעצאהלט פאר דער שיפסקארטע, איך האב פערציג דאלאר בעצאָהלט, פערציג יאהר זאָל ער ליגען א געשוואָלענער דער עוכר ישראל!

— מאָטץ-באָמבען-אונד-גראנאטען, שטריק-אונד-זאגעל! ביים באָרד דעם פראָפעטען, איך בענעה איין הונדס-מאָרד אן דיזען יודען! — האט דער מאָטראז שוימענדיג פאר כעס געזאָגט צו א צווייטען מאטראָז. וואס איז איהם גראדע גע-קומען אין זינג — פערדינאַנד ווילסט דוא צוגרייפען? ויר טראגען דיזע בעסטיע צום שוויינענרוים!

און איידער שבתי טרייטעל האט זיך ארומגעזעהן, האבען איהם צוויי פּאָאר אייזערנע הענד, גראדע ניט זעהר צערטליך ארומגענומען און האבען איהם ארונ-טערגעטראָגען אין א האלב דונקעלען קעלער. מיט א פּאָר כפול-שמונה'דיגע רוקעס אין זייט האבען זיי איהם אוועקגעשטעלט אויף דיא פיס און איינער פון זיי האט ארייגגעדונערט אין אויער אריין:

— ארבייטען, יודע, זאָנסט גיעבט'ס הויע!

דער גאליציאנער איז אזוי פריינדליך געווען און האט איהם געגעבען צו פער-שטעהן דעם פירוש המילות פון „הויע".

— הויע, מאינט דער דאטש פושעט קלייפּ. וואועס זול מען טיהן? מען מיז לאדען. דערפאר זאגען מער יודען דאָך אין גולת!

שבתי טרייטעל האט געשוויצט וויא א קליינשטעטעלדיגער חזן בייא א יום-כפור'דיגען מוסף. ער האט געשלעפט גרויסע בינטלעך שטרוי פאר דיא אָקסען,

האט אויסגעראמט דיא שמוציגע שטרוי פון אונטער דיא בהמות און האט זיי גע־נעבען וואסער צום טרינקען.

צו דער זעלבינער צייט, ווען זיין גאליציאנער חבר האט דיזעלבינע ארבייט שווייגענדיג און געדולדיג געטהאן, האט ער גערעגענט מיט קללות און מיט חרמות אויף אלע דייטשען פון דער וועלט און אויף אלע קלערקס פון דיא קאנטארען, וואו מען פערקויפט שיפס־קארטען.

און שפעטער איז ער נאך מעהר ארויס פון דיא כלים, ווען מען האט איהם מכבד געווען א פאר צעהנדליג פעטע חזירים אפצו־וואשען.

— דיא אנשי סדום זיינען הינד נעגען דיא דייטשען! האט ער געשריען און האט זיך געצאפעלט וויא אין דער נכפה — וואי איז דאס געהערט געווארען אין דער וועלט פון ששת ימי בראשית אן, אז מען זאל אוועקשטעלען א אידען, וואס האט זיין גאנצען לעבען פערבראכט על התורה ועל העבודה, וואשען חזירים? וואשען זאל מען זיי, דיא רשעים, טויטערהייד!

און ביי אלעם דעם, האט ער זיין חלאט דאך ניט פערגעסען, דעם חלאט אין וועלכען זיין געלד איז איינגענייהט געווען. ער האט איהם פון זיין לייב ניט אויסגעטאן אויף קיין איינציגע מינוט. ער האט אין איהם געארבייט, געגעסען און געשלאפען.

— איהר מאכט א תל פון אער מלביש, ר׳ שבתי טרייטעל! — האט צו איהם דער גאליציאנער א פאר מאל געזאגט — קאן ראבער יוד זאגט איהר נישט. איהר דארפט אער בנד א ביסעל מעהר שאינען. ניט אזאי געך וועט איהר אאך מאכען איין אנדערן!

— הם! מיסטיינס געזאגט, אלץ דער זעלבער קבצן! האט שבתי טרייטעל אויסווייכענדיג געענטפערט — ווען איך האב דעם חלאט אויף מיין לייב פיהל איך מיך עפעס לייטישער!

עס איז געווען א טאג רייזע פון ליווערפול, וואו דיא שיף האט בעדארפט איבערגעבען דעם גרעסטען טהייל פון איהר לאדונג און פון דארטען געהן נאך שטעטין.

שוין מיט א נאכט פריהער האבען דיא מאטראזען שבתי טרייטלען און דעם גאליציאנער געגעבען צו וויסען, דאס זיי דארפען שוין מעהר נישט ארבייטען, ווייל דיא בהמות און דיא חזירים ווערען מארגען אין דער פריה אפגעליפערט אין ליווערפול.

שבתי טרייטעל האט זיך געפרעגעלט פאר נחת און האט זיך מיט גרויס נחת רוח גענומען צורעכטמאכען זיין שלאָפלאַגער.

— נא, היינט וועל איך שוין האבען א רוהיגע נאכט! — האט ער אויסגע־רופען — איך וועל מיר אָפלייענען קריאת שמע און וועל כאפען א חראָפּ כדבעי!

— נע, נע, איילט אייך נישט, ר׳ שבתי טרייטעל! — האט איהם דער גאַ־ליציאַנער געענטפערט מיט שמייכעל אויף זיין פּנים — האנט איז בא אינז א יום־טעוו, פּוטער געוואורען פון דיא חורשע ארבייט און מער מוזען נעהמען צו קאַ־פּעצקעס!

— אויב איהר האט, מהיכא תיתא! האט איהר עפּעס רעכטס?

— וואיה געשריגען! א ביסעל בראָנפען איז אויך א זאך?

ער האט פון זיין טשעמאָדאן ארויסגענומען א פלאַש קאָניאַק מיט א גרע־נאדירסקען רביעית.

— פּלאי פּלאים! — האט זיך שבתי טרייטעל גע׳חידוש׳ט — פון וואנען האט איהר דאס אזא אוצר?

— פרעגט נישט קיין קשיות און מאכט ברוכ׳ע! — האט דער גאליציאנער געענטפערט און האט דעם רביעית פול אָנגעגאָסען.

שבתי טרייטעל האט זיך פיעל ניט געלאָזט בעטען.

— לחיים, גוטער ברודער!

— לחאַם, לשולעם! טרינקץ געזאנדערהייט!

אוןביידע האבען געטרונקען.

— נאך אינס? יאַ?

— נא, אויב איהר ווילט?

— זאגט נישט קאן מלמד! טרינקץ, כל זמן עס איז דו אין פלוישעל!

— אויב אזוי, לחיים!

— לחאַם ולשולעם!

שבתי טרייטעל האט דערפיהלט וויא עס איז איהם ווארעם געוואָרען אין אלע איינע גליעדער. ער האט מיט איינמאָל גרויס לוסט בעקומען עפּעס ועטען עס איז צו קוסען, און ווייל ער האט קיין אנדערן פאר זיך ניט געהאט, האט ער זיך אלע ווייכע א וואָקף געטהאָן צום גאליציאנער און האט איהם מכבד געווען מיט זיינע האָריגע און הייסע ליפּען.

עטוואס שפעטער האט ער שוין דיא היטץ מעהר ניט געקענט אויסהאלטען, ער האט פון זיך זיין חאַלאט ארונטערגעוואָרפען, האט זיך געזעצט אויף זיין בעט און האט אנגעהויבען זינגען א בעקאנטען „שוכן־עד" פון דעם לאַמזער חזן.

און אין א שעה ארום האט ער שוין געשלאָפען וויא דער שמש פון חברה קדישא נאך דער גרויסער סעודה פון ט"ו בסליו.

....

שבתי טרייטעל האט אנגעהויבען צו פינטלען מיט נאך צוגעמאַכטע אויגען, א סימן, אז זיין בלייענער שלאָף איז שוין געבראָכען און זיינע איינגעשלעפערטע חושים שטעהן שוין וויעדער אונטער דער ווירקונג פון דער אויסענוועלט. דיא שנאפס־וואָלקענס, וואס זיינען געלעגען שווער וויא בליי אויף זיין מוח, האבען אנ־געהויבען זיך צו פערציעהען און ער האט וויעדער אנגעהויבען ביסלעכווייז צו פיהלען.

דרייא־פיער מאָל האט ער זיך אויסגעגנעצט מיט'ן פוללען מויל, א פאָאר מאָל האט ער א שלוקערץ געטאָן און האט געעפענט זיינע האלב־פערשלאָפענע אויגען.

עפּעס וואס איז איהם אונטערגעלאָפען צום גאָרגעל. עס איז איהם ניט גוט געוואָרען צום ברעכען, און אין מויל האט ער געפיהלט אזא טעם, פונקט וויא א אידענע וואָלט דאָרטען ביי איהם געלעגען מיט א צווילינג.

ער האט צוריק בעקומען זיין גאנצען זכרון.

— חרפות ביושים ! — האט ער פאר זיך געמורמעלט — געטרונקען וויא א דבר־אחר.

מיט איינמאָל האט ער דערפיהלט, אז דיא שיף שטעהט רוהיג אויף איין פּלאַטץ. ער האט דערהערט דאס פייפען פון דאמפף שיפען, קולות פון מענ־שען, דעם געררויש פון לאסטוועגען, געזאנג פון שיכור'ע מאַטראָזען און דעם קלאנג פון א גלאָק פון א ווייטע קירכע.

— אהא ! — האט ער ביי זיך געקלערט — מיר זיינען שוין אין ליווערפּול !

— ר' הערשיל ! ר' הערשיל ! — האט ער נאך אלץ ליגענדיג אָנגעהויבען צו רופען — א יאָ מיר זיינען שוין אין ליווערפּול ? אפשר איז שוין צייט צו דאַוונען ?

קיין ענטפער.

— וואו איז ער דאָרט איינגעזונקען געוואָרען, דער פארשיווער גאַליציאַנער ?

מיט איינמאָל האט ער דערפיהלט, אז עס איז זעהר קאַלט. ער האט גע־מאכט א בעוועגונג, אום דיא פאָלעס פון זיין חאַלאַט צוזאמען צו נעהמען......

— וואס איז דאס ?.... וואו איז דאס מיין חאלאַט ?....

א שרעקליכער געדאנקען האט איהם אריינגעשאָסען אין קאָפּ. ניט טויט, ניט לעבעדיג איז ער אראָבגעשפרונגען פון זיין לאַגער.

אונטען אויפ'ן פאָל, איז געלעגען דער חאַלאַט.

מיט ציטערדיגע הענד האט ער איהם א טאפּ געטאָן אהין און אהער....

דער נאָטה איז געווען אויפגעטרענט.... קיין סימן פון געלד....

— דאס איז זיין מלאכה!...... דער פאַרשיווער גאַליציאנער האט מיך בע'גנב'עט!

און שנעל וויא א בליטץ, שרייענדיג און וויינענדיג, האט ער זיך א וואָרף געטהאָן אויף דעם פאָרדעק פון שיף.... נישטאָ דער גאליציאנער! ער בעהאלט זיך ערגעץ וואו אין שטאָדט!....

אבער איך וועל איהם קריגען!.... איך וועל איהם ממית'ן!

ער האט זיך א לאָז געטאָן איבער'ן בריקעל פון שיף. קיינער האט איהם ניט אויפגעהאַלטען, און באַלד איז ער פערשוואונדען געווארען אין איינע פון דיא ליווערפּולער גאַסען....

13טעס קאַפּיטעל.

דעם חאַלאַט זיינעם האט ער פון גרויס איילענעס און שרעק נאר פאַספּייעט אריבערצו־ווארפען איבער איין אַקסעל, זיינע לאַנגע פאָלעס האבען זיך געבאַמבעלט צווישען זיינע פיס, דער לאַנגער אין פערשמאַלצענער טלית־קטן מיט דיא שטארק אינוואַליד־געוואָרענע ציצית האט געפלאַטערט אין דער לופט, דערצו נאָך זיין ניט אויסגעשלאָפענערפּנים מיט דיא צושויבערטע האָר, זיינע דעפעקטע תחתונים, וועלכע ער האט ניט פאַשפּייעט אין אָרדנונג צו ברייננען, דאס אלעס האט ארויסגעוואָר־פען א שרעק אויף דיא ליווערפּולער פריעדליכע בירגער, דורך וועלכע ער איז דורכ־געלאָפען וויינענדיג און שרייענדיג און ארומפעבענדיג מיט דיא הענד אין דער לופ־טען וויא א בעזעסענער.

— הערשקע! גנב! כל־בויניק! מיין געלד! מיין בלוט! האט ער אָהן אויפ־הער געשריען און איז ווייטער געלאָפען.

פוןביידע זייטען נאס האבען זיך געבילדעט רעדלעך פון מענשען, וועלכע האבען זיך אבגעשטעלט און האבען איהם פערוואונדערט און צושראָקען נאכגעקוקט.

פלוצלונג האט זיך אויף זיין אקסעל אוועקגעלייגט איין אייזערנע האנד אונד אלס ער האט זיך אומגעדרעהט, האט ער פאר זיך דערזעהן דאס שטרייינגע געזיכט פון איין ענגלישען פאָליסמאַן.

— מה פרצת? — האט ער פאר זיך געקלערט — וואס פאר א מחותן ביזטו מיט מיר?.... טוביה חטא וזיגור מינגוד? הערשקע האט גע'גנב'עט, און מיר ווילסטו אריינשטעקען אין לאָך? בתמיה!

אבער דער פאָליסמאַן האט איהם קיין צייט נים געגעבען צו געפינען תירוצים אויף זיינע קלאָטץ קשיות און האט איהם אוועקגעפיהרט און פאָליציי-הויז.

א גרויסע צאָהל פון נייגיעריגע מענשען איז איהם נאכגעגאנגען. יעדער איינער האט געוואָלט ויסען, ווער דער פערברעכער איז און אין וואס בעשטעהט זיין פערברעכען.

דער גרויסער און האלב דונקעלער צימער איז פולגעפאקט געוועזן.

שבתי טרייטעל האט אויף קיין איינציגע מינוט נים אייפגעהערט צו וויינען און האט געבאָמבאַרדירט מיט שווערע קללות אויף הערשקעס קאָפּ.

ענדליך איז געקומען דער פאָליציי קאפיטאַן און האט פערנומען זיין פלאַטץ אויבענאַן ביי דעם גרינעם טיש.

דער פאָליסמאַן האט צו איהם שבתי טרייטלען צוגעפיהרט און האט איהם אבגעגעבען זיין ראפּאָרט.

דער פאָליציי קאפיטאַן האט איהם א ווילע בעטראכט מיט שטרייגע אויגען, דאן האט ער איהם געשטעלט א פּאַר פראגען.

שבתי טרייטעל האט איהם גאָרנישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען צערזאָמענגעזונקען וויא א'ן אלטע סוכה און האט נאר געליאָפּעט מיט דיא אויגען.

דער בעאמטער האט פערשטאַנען, אז דער אנגעקלאַגטער פערשטעהט נים דיא ענגלישע שפּראך און האט זיך צום פובליקום געווענדעט מיט דער פראגע, אויב עס געפינט זיך דאָ איינער, וואס קען זיך מיט דעם געפאנגענעם צוזאמענ-ריידען.

הערט א שאלה! צו איז דא אין פובליקום איינער, וואס זאָל זיך קענען צו-זאמענריידען מיט דעם געפאנגענעם.

א גוי בלייבט א גוי און מיט זיין גוי׳עשקען קאָפּ פערשטעהט ער גאָר ניט דאָס, וואס דיא חכמים זאָגען, אז ווען דיא וועלט וועט ווידער ווערן תהו ובוהו וויא פארצייטען און עס וועט אויף דער גאנצער וועלט נישט בלייבען קיין לעבעדיגע נשמה, וועט א ליטוואק נאך אלץ בלייבען.

עס איז א גרויסע סברא אז אדם הראשון איז געווען א ליטוואק.

ווען דער גרויסער העלד האנניבאל (218 יאהר פאר קריסטוס) איז מיט איין ארמעע פון 90,000 סאָלדאטען דיא אלפען־בערג אריבערגעגאנגען, אום זיין פיינד צו שלאָגען, זיינען איהם עטליכע ליטוואקעס (ויש אומרים: א גאנצער מנין) מיט א ספר תורה ארויסגעקומען אנטקעגען.

עס איז אויך גלוי וידוע צו אלע גרויסע היסטאָריקער, אז ווען קריסטאָפער קאָלומבוס האט צום ערסטען מאָל ארויפגעטרעטען אויף דעם אמעריקאנישען באָדען, האט ער געקריגען דעם ערסטען „שלום עליכם״ פון א פאָללבליטיגען ליטוואק.

און מיר קענען וועטען הונדערט געגען איינס, אז ווען א געלעהרטער פראָ־פעסאָר וועט שוין א מאל יא דערגרייכען דעם נאָרד פּאָל מיט א לופט באלאָן, אָדער מיט איין אנדער מאַשינע — וועט געוויס זיין א ליטוואק דער ערסטער, וואס וועט איהם מקבל פנים זיין בתופים ובמחולות.

נמצא: איז עפּעס א חידוש אז אין ליווערפול האט זיך אויך געפונען א ליטוואק?

און נאך וואס פאר א ליטוואק! א ליטוואק כדבעי מיט אלע פּיטצלעך און ברעקלעך. א ליטוואק, ביי וועלכען דער ליטוויציזמוס איז נאך ניט אויסגעוועבט געוואָרען אין דעם משך פון דיא צעהן יאָהר, וואס ער האט דא אין ליווערפול פערלעבט.

פונקט וויא אמאל אין סמארגאָן האט ראובן שמעון דאָ אין ליווערפול אויך געמאכט מילכינע שבתים, ווייל אויך דאָ אין ליווערפול וויא א מאל אין סמארגאָן, האט ער ניט געהאט מיט וואס צו קויפען א חלק פלייש אויף שבת.

פונקט וויא אמאל אין סמארגאָן, האט ער דא אין ליווערפול אויך „געלעבט״ (געחושב׳ט בלע״ז) פון א האלבען טוץ פרנסות און אזוי וויא דאָרטען, אזוי אויך דא איז ער געוועזען דער פיינסטער בירגער פון דער שטאדט גוזכו (עני ואביון מגווכו).

און פונקט ווי א מאל אין סמארגאָן, איז ער אויך דא אין ליווערפול געווען א גאנצער כל ולך ביי די עטליכע אידישע געמיינדען, איבערהויפּט ביי דיא דייטשע

יהודים, און ער האט זיך בענוגענט מיט דיא אבגעגריזעטע ביינדלעך, וואס זיי האבען איהם פון צייט צו צייט צוגעוואָרפען.

מיט איין וואָרט: א ליטוואק לכל משפטיו וחוקותיו!....

אלס ער האט דערהערט דיא איינלאדונג פון דעם פּאָליציייא קאפּיטאן, האט ער זיך פריהער בעוואפענט מיט א שטארקען שמעק טאבאק, איז צוגעגאנגען צו שבתי טרייטלען, האט איהם אריינגערוקט א ווארעמען "שלום עליכם" און האט איהם אויסגעפרעגט אויף אלע זייטען.

— וואס זאל איך אייך זאָגען, ליעבער פריינד — האט שבתי טרייטעל אנגעהויבען צו האקען ליגענס אונטער גרויסע בכיות, חליפּענדיג און שטאמלענדיג וויא א געשמיסענער חדר אינגעל — אויף מיר איז לא עליכם אויסגעגאָסען געוואָרען גאטס צאָרן.... וואו עפּעס א „ויהי", א צרה, רחמנא לצלן, בין איך דיא כפּרה.... מיר טרעפט עס!.... אט האב איך אבגעחושכ'ט עטליכע יאהר אין ניויאָרק, געזעסען אין בית המדרש, זאל ניט אויסגערעט זיין, על התורה ועל העבודה, געווען א שטיקעל פרוש, דעם אמת זאָגענדיג: דער איינציגער פרוש אין יענער זינדיגער שטאָדט, אבער טאקי א פרוש גמור, א פרוש ניט אויף צו פליישען, ניט געזעהן דיא ליכטיגע וועלט, געדארט און געקווארט לשם שמים, אויסגעטריקענט געוואָרען, וויא איהר זעהט, פון דיא תעניתים.... נוא, האט זיך דאָרט אָבגעפונען מיינער א קרוב, א איד א'ן עושר דערצו נאך א גרויסער ירא שמים.... זאָגט ער צו מיר, שבתי טרייטעל, האט ער געזאָגט, דוא האסט שוין, חלעבען, גענוג געטאָן פאר יענער וועלט, הלואי האב איך א צעהנטיל פון דיין עולם הבא! דיא וועלט איז אויך א וועלט, וויא דיא חכמים זאָגען: אם אין קמח אין תורה, אז עס איז ניטא וואס צו קייען, איז דיא תורה קיין תורה ניט, אָט פאָהר בעסער אהיים און לעב שוין א לעבען וויא גאט האט געבאָטען. איך וועל דיר מיטגעבען עטליכע הונדערט דאלאר, דוא וועסט קענען דיין עלסטע טאָכטער דיין דינה'לען חתונה מאכען און מיט דיא איבעריגע געלד וועסטו אנהויבען עפּעס א שטיקעל עסק..... נוא, וויא טהוט מען דאס ניט אזא גלייכע זאך? אמת קיין שנאָרער בין איך אין מיין לעבען ניט געווען און מיין אייצינגע בקשה צו גאָט איז, איך זאל חלילה ניט דארפען אנקומען לידי מתנת בשר ודם, ווארום נעהמען נדבות איז א מדה מגונה, אבער ער איז צו מיר צוגעשטאנען וויא א פעך! נוא, האב איך מיר געקלערט: איך נעהם חלילה ניט פון מיינטוועגען, איך נעהם פאר מיין ארעמע פאמיליע.... מיין דינה'לע, זאל געזונד זיין, איז א בת שלשים ומעלה, וויא לאנג נאך זאל א אידישע טאָכטער זיצען א פנויה?...... נוא, האב איך דיא עטליכע הונדערט

דאלאר צונענומען און בין אוועקגעפאָהרען!.... אַך־חאַ־חאַ, מיין שלים־מזל אבער איז מיט מיר מיטגעפאָהרען!... אויפ'ן שיף האט זיך צו זיך מתחבר געווען עפּעס א גאַלליציאַנער אידליק, למראה עין האט ער אויסגעזעהן איין עהרליכער איד צו זיין, אדרבה, ער האט זיך צו מיר זעהר פריינדליך געוויעזען און ווער האט דאס געקענט וויסען, אז שבע תועבות בלבו, אז ער טראָגט ארום דעם יצר הרע אין זיין הארצען?.... היינט ביי דער נאכט, ווען איך האב געשלאָפען, האט ער בייא מיר מיין געלד ארויסגע'גנב'עט און איז נעלם געוואָרען!

א נייער אויסברוך פון בכיות, א נייער שטראָם פון הייסע טרערען און נאָכ־דעם וויא ער האט אויסגעשנייצט דיא נאָז מיט א שברים־תרועה, האט ער וויעדער אנגעהויבען:

— איצט איז מיר געקומען, וויא מען זאגט, פון בריק אין וואַסער!.. אהיים קען איך ניט פאָהרען און צוריק נאָך ניויאָרק אויך ניט.... מעהר האב איך ניט ביי זיך וויא דאס, וואס איהר זעהט אויף מיין ארעמען לייב.... איין אנדערער אויף מיין אָרט, וואלט זיך געוואוסט וויא צו העלפען. וואס טהוט מען דען ניט אין איין עת צרה? און אידען זיינען תמיד רחמנים בני רחמנים! מע געהט, מע בעט און מען קריעגט עפּעס! אבער איך בין א געשטראָפטער מאַן מיט מיין פּראָקליאַטע נאַטור! איך קען נישט בעטען, כאָטש נעהמט און קוילעט מיך, א נדבה איז ביי מיר טריף ווי א חזיר. איך פערשטעה גאר ניט מיט מיין פּראָסטען שכל, וויא נעהמט מען דאס פרעמדע? נוא, וואס וועט ווערען פון מיר?

ראובן שמעון האט אבער אין די ענינים פון „נדבות נעהמען" גאנץ אנדערע אנזיכטען געהאט און נאך א ליינגערן וויכוח מיט שבתי טרייטעלען, איז איהם ענדליך געלונגען זיין לאַנדסמאַן איבערצוציינגען, אז נעהמען א נדבה איז נאָר ניט אזא גוואַלד, פערקעהרט, מען טהוט נאך דערמיט א טובה דעם געבער, מען נעמט ביי איהם א קלייניגקייט, און מען עפענט דערפאר פאר איהם אויף אלע שערי רחמים.... און נאכדעם וויא ער האט ביי שבתי טרייטלען גע'פועל'ט פאר איהם עפּעס וואס צו טאָהן, איז ער צוגעגאנגען צום פּאָליציי־קאַפּיטאַן און האט איהם אין געבראָכענעם ענגליש קלאָר געמאכט, אום וואס עס האנדעלט זיך דאָ.

א מיתה משונה זאָל קומען אויף דיא אפּיקורסים, וואס גלויבען נישט, אז דיא ענגלענדער זיינען דיא אור־אור ענינקלעך פון דיא עשרת השבטים, וואס זיינען פערטריעבען געוואָרען אין חלח וחבור אין אז דיא קעניגין וויקטאָריע האט יחוס־בריעף, וואס גרייכען ביז נחבי בן ופסי, וויא דאס האט בעוויעזען דער גרויסער היסטאָריקער און ארכעאָלאָג יאָקעל ב"ר טודרוס הכוי מיט א האלב יאָהר פריהער

איידער מען האט איהם צונעמען אין משוגעים הויז! ווען דיא רשעים וואלטען געזעהן דעם פנים של חסד ושל רחמים, וועלכען דער ענגלישער פאליציי קאפיטאן האט אויסגעשניטען קוקענדיג אויף אונזער שבתי טרייטעלען, נאכדעם וויא ראובן שמעון האט איהם קלאר געמאכט אין וואס פאר א צרה זיין לאנדסמאן געפינט זיך — וואלטען זיי פאר בושה געוויס פערקראכען אין דיא מייזלעכער.

היתכן, אז א גוי נמור זאל רחמנות האבען מיט א אידען, ווען אין זיינע אדערן זאל ניט רינען כאטש א קאפעצקע בלוט פון דיא זרע עם קדושים, ווען אין זיין הארצען זאל ניט ברענען א ניצוץ פון דיא רחמנים בני רחמנים? ·

ווער ווייס? אפשר איז יענער פאליציי קאפיטאן איין אור-אור אייניקעל פון ר' הלל הזקן, אדער פון חוני המעגל?

עטליכע מינוט לאנג האט ער אונזער שבתי טרייטלען שווייגענדיג אנגעקוקט אבער דיא וואס האבען א שטיקעל ידיעה אין חכמת הפרצוף, האבען גלייך פערשטאנען, אז דער שטרענגער בעאמטער איז שוין ווייך וויא דער אבגעבראטענער קרבן פסח און דער ארעמער שבתי טרייטעל וועט פון איהם ארויסקומען אהן א שום שטראף.

דאן האט ער זיך געווענדעט צום פובליקום און האט געזאגט בזה הלשון:

— דזשענטעלמען! (רבותי בלע"ז) — האט ער געזאגט מיט א נעביך קול-בעלע — אמת אז דער אנגעקלאגטער איז א גרויסער חוטא, ער האט, פערשטעהט איהר מיך, מיט זיין שרייען און וויינען געשטערט דיא מנוחה פון ק"ק ליווערפול תוב"ב, און דאס איז א זינד וואס דארף בעשטראפט ווערען נאך דיא הוקים ומשפטים פון אונזער מלכה וויקטאריע, ירום הודה, אבער דער אלטער מאן וואס שטעהט דא פאר אונז, איז היוצא מן הכלל. איהם האט נעבעך געטראפען לא עלינו א גרויסער אונגליק: איינער א סאנעווע-גאן האט ביי איהם צוגענומען זיין גאנצעם פערמעגען. ער איז נעבעך געבליבען א יורד מנכסיו. ביי אזא אונגליק קען יעדער איינער ארויסמופען פון דיא דישעם (ארויסגעהן פון דיא כלים בלע"ז). לכן, דזשענטעלמען, איז א מצוה גדולה אזא געבראכענעם מענשען צו העלפען און איך אליין וויל אייך ווייזען אויף וועלכען אופן!

מיט דיזע ווערטער האט ער פון זיין קעשינע ארויסגענומען א גאלדענעם צוואנציג-שיללינג-שטיק און האט עס אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש.

נוא, דארף זיי ניט כאפען א נכפה דיא אפיקורסים? איז דאס ניט א מופת הותך, אז דיא עלטער-עלטער-באבע פון דיא קעניגען וויקטאריא האט געשטריקט וו..רענע סקארפעטקעס פאר יחזקיהו המלך?

אבער זייא גלויבען נאך אלץ ניט, האַטש ווארפט זייא א קאַטץ אין פּנים אריין! אפילו גרעסערע זאכען גלויבען זיי אויך ניט. אט זאָגען זיי גאָר, אז דער צווייטער יקום פּורקן איז גאר איין איבעריגער! נוא, קען מען לעבען?

א ווייל־ע איז שטיל געוועזען אין צימער, דאן האבען זיך פון אלע זייטען אנ־געהויבען צו שיטען זילבערנע און גאָלדענע מטבעות אויפ׳ן טיש, און אין עטליכע מינוט ארום איז שוין אויסגעוואקסען געוואָרען א היבשע קופּקע.

דער איינציגער וואס האט ניט געגעבען איז געוועזען דער מליץ יושר — ר׳ ראובן שמעון.

דאס איז שוין אפילו גאָר ניט מעשה ליטוואק, אבער ווער ווייס? אפשר שטאַמט ער ארויס פון דיא ערב רב?

אונטער אונזערע ליטווישע אידען איז דאָ א גרויסער מספר פון דיזע פּאַ־ראזיטען!......

מלא שמחה וששון איז אונזער שבתי טרייטעל ארויסגעגאַנגען פון פּאָליציי. עס האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ליווערפּול איז א צווייטע ירושלים און איהרע איינוואָהנער זיינען אלע פון דיא אנשי כנסת הגדולה.

ווען ער וואָלט קיין מורא ניט געהאט, אדער ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט וואלט ער זיך געוואָרפען יעדען איירישען טרעמפּ אויפ׳ן האלז און וואלט איהם אויסגעקושט דיא גליעדער.

ראובן שמעון האט איהם אוועקגעפיהרט צו זיך אהיים, וואו זיין ווייב האט איהם אויפגענומען בסבר פּנים יפות און האט באלד געגרייט צום טיש. עסענדיג, האט איהם ראובן שמעון געהאלטען א וויסענשאפטליכען פּאָרטראג איבער דיא ענגלישע יהודים בכלל און איבער זייערע צדקות בפרט. ער האט זיין לאנדסמאן זעהר קונציג געגעבען צו פערשטעהן, אז ווען ער וועט קיין „מלמד״ ניט זיין און וועט דיא חרפּה אוועקלייגען אן א זייט, קען ער דא פון די גרויסע אידישע עשירים (וואס האלטען אין איין געבען) מאסף ממון זיין.

— דעם אמת זאָגענדיג — האט ראובן שמעון זיין פּאָרטראג געשלאָסען — האב איך עס פריהער אויך געטאָן און טאקי מיט מזל ברכה, עס איז מיר געגאַנגען וויא מען זאָגט, פון טהירען און טהויערן, אבער א לאַנגע צייט נאך אנאנד קען מען אפילו דעם גרעסטען בעל צדקה ניט דאקוטשען, מען ווערט ביי איהם מאוס ונמאס, און דעריבער האב איך עס אוועקגעוואָרפען, איהר אבער, ר׳ שבתי טרייטעל, מיט אייך שטעהט דיא זאך אנדערס: איהר זייט דא א פּנים חדשות, א גאַסט, איהר קענט דא רייך ווערען!

עס איז ממילא מובן, אז שבתי טרייטעל, וואס איז געווען א ספעציאליסט אין דיא ענינים פון שנארעריי, האט זיך לאנג נים געלאזט בעטען. ער האט ביים זיין לאנדסמאן גענומען דיא אדרעסען פון דיא ליווערפולער עשירים וויא דער היי־שעריק איבער א פעלד פון קארן.

ער האט מאסף ממון געווען.

פון ליווערפול האט ער געשפרייט זיין נעמץ איבער לאנדאן, איבער מאנט־שעסטער, איבער לידז און איבער אנדערע מקומות, וואו ער האט נאר א אידישע קהילה דערשמעקט. אומעטום האט ער איין אנדער אויסרייד געפונען און איבעראל האט ער בעקומען.

זיין חלאם איז וויעדער זיין געלדשראנק געווארען.

— אה! אה! — האט ער זיך געפרייט — מיין קיילע מנוחה וועט זיך פרעגלען פאר נחת און זיא וועט ששון ניט זאגען, אז איך בין שלימעזאלניק, א לא־יוצלח!

ווען ער איז, ווייטער פאהרענדיג פון ענגלאנד, אנגעקומען אין דייטשלאנד, האט ער גרויס חשק געהאט א שנארר צו טאן ביי דיא אשכנזים, ער האט זיך אבער זעהר געאיילט און איז געפאהרען דירעקט צום רוסישען גרענעץ.

ער האט זיך נאר בעגנוגענט מיט דיא קליינע נדבות, וועלכע ער האט צו־זאמענגעשנאררעט פון דיא פאסאזשירען און דיא וואגאנעס.

יש אומרים, אז פון דעם סאלדאט, וואס האט איהם אריבערגעפיהרט דעם גרענעץ, האט ער אויך בעקומען א נדבה. שטארק מסופק זיינען מיר אין דעם נים.

14טעס קאפיטעל.

דער בינעזער, וואס דויבערט זיך אן מיט אפיום, זעהט געווים נים קיין שעהנערע חלומות פון דיא, וועלכע שבתי טרייטעל האט געזעהן זיצענדיג אויף דער הארטער באנק פון דעם רוסישען וואגאן דריטער קלאסע און פאהרענדיג דיא לעצטע סטאציאן פאר קאפוויזשאק.

דיא גאנצע נסיעה פון גרענעץ אן, איז פאר איהם געווען א מין טריאומף־צוג. ער האט געהאט אי כבוד, אי נחת, אי געוויסע כבודים פון דיא אידישע פא־

סאזשירען, וואס האבען איהם מיט גרויס רעספעקט בעהאנדעלט, נייך וויא זייא האבען זיך דערוואוסט, אז ער פאהרט פון אמעריקא.

ווארום וועלכער מענש (און בפרט נאך א איד), וואס קומט צוריק פון אמע־ריקא, פיהרט דאס ניט מיט זיך, לכל הפחות, א שי״ן אלף קערבלעך?

און אפילו דער גרויסער תנא רבי האט אויך אבגעגעבען כבוד צו דיא עשירים!....

שבתי טרייטעל האט זיך אפילו פעכט ענטשלאָפען אין רוסלאנד שוין מעהר ניט צו שנאָרען, אבער א גלעזעל משקה, א פוטער קיכעל, א ציגאר וכדומה, מיט וועלכע דיא אידישע פאסאזשירען האבען דעם אמעריקאנער ר' אליעזר בן חרסום מכבד געווען, מיט א דאנקבארען שמייכעלע אנגענומען.

און אזוי האט ער דיא גאנצע וועג געלעבט על הוצאות הקהל.

נוא, אָט פאהרט ער שוין דיא לעצטע סטאציאָן מיט'ן אייזענבאהן. עס בלייבט איהם נאך דיא צוועלף ווערסט, וועלכע ער וועט דארפען פאָהרען מיט א בעל עגלה'שע פוהר ביז קאפּויזישאָק און היינט, פרייטאג אין דער פריה, וועט ער אנקומען בשלום אהיים.

אהיים!.... וואס פאר א ים פּאָעזיע עס ליעגט אין דעם איינציגען וואָרט: „אהיים!" דער זיסער געדאנקען פון דיא „היים" האט אפילו דיא פּראָזאאיש־טרוקענע הארץ פון שבתי טרייטלען מיט זיינע צוקערדיגע פלינלען בעריהרט.

געדאנקען, בילדער און חלומות וויא ראָזענפארבינע וואָלקענס אויף דעם בלויען הימעל אין א שעהנעם מאי־טאָג, האבען זיך ארומגעטראָגען אין זיין קאָפּ.

אהיים!.... און מיט אזוי פיעל געלד! כבוד און גדולה וועט איבער איהם רעגענען פון אלע זייטען! וויפיעל מענשען וועלען איהם דאס מקנא זיין! היינט זיין קיילע מנוחה? אוהא, זיא וועט זיך גאר פרעגלען פאר נחת! וויא וועט בלישצען איהרע אויגען, ווען ער וועט ארויסנעהמען דעם גרויסען פּאק אסיגנאציעס און וועט עס איהר אריינוואָרפען אין פארטעך מיט דיא ווערטער: נאַ, אָט האָסטו, און זאָג שוין נישט מעהר, אז איך בין א שלימעזאלניק, א כא יוצלח! און דיא קינדער? וויא לוסטיג זיי וועלען ארומטאנצען ארום דעם רייכען טאטען! און דיא שכנים פון ארום? אָה, דיא וועלען שטעהן פון וויטען ביראה ופחד, פונקט וויא זייא וואָלטען פאר זיך געזעהן דעם ספּראווניק, דעם בלוטזויגער, דעם צורר היהודים!

און גראָד אויף שבת קומט ער אהיים! וואס פאר א שבת וועט ער דאס האבען! מיט אפּולע קעשענע קליינגעלט וועט זיין קיילע מנוחה לויפען אין מארק,

אין יאטקע, אין קראם. „ניט מיר דעם בעסטען העכט, דעם בעסטען חלק פלייש, אפשר נאָר א הוהן ?.... איך דינג זיך מיט אייך ניט ! זאָל היינט מיינע איבערנעהן !.... איך האב דאָך אזא ליעבען גאסט !" און א גאַנצען טאג וועט עס הוזשען אין שטוב ממש ווי א אין א בינשטאָק. דיא פענדלעך וועלען ריידען, דיא טעפלעך וועלען זינגען, דיא געשמאקע ריחות פון געקאָכטע פיש און פון דער נעבראָטענער פישנאָגע, וועלען זיך ארומטראָגען פון ווינקעל צו ווינקעל, פונקט ווי אין א גן עדן !....

אָט קומט ער צו קבלת שבת אין גרויסען בית המדרש...... עס האָגלען שלום עליכם׳ס פון אלע זייטען.... ברוך הבא, ר׳ שבתי טרייטעל !.... א גאסט אין שטעדטעל, ברוכים הבאים !.... אפילו דער רב, אפילו דיא קצינים רוקען איהם אריין זייערע הענד מיט א ווארעמען שלום עליכם !....

פלאי פלאים !.... ווי א דאס איז, אז מען האט דיא קליינערס !....

און ער האט זיי טאקע, און קיילע מנוחה האט שוין דריי א מאָל געפרובט איבערצייהלען און איז געבליבען שטעהן אין מיטען !...... עס איז אזוי פיעל, אזוי פיעל, אָהן עין הרע, און דאָ איז ערב שבת, נישטאָ קיין צייט איבערצוצייהלען !.... זאָל זיין איין אנדערס מאָל !....

אָט קומט ער אהיים צוריק פון קבלת שבת ... דיא ליעבע היים ! עס איז ליכטיג און ציכטיג און ווארעם אין אלע ווינקעלעך. דער הייגנלייכטער מיט דיא שבת׳דיגע ליכט ווארפט טויזענד ליכטיגע שטראהלען אויף דעם געדעקטען טיש מיט דעם ווייסען טישטוך און מיט דיא נייע טעלער, ארום וועלכען עס זיצען דיא קינדער מיט פרייליכע, עכט שבת׳דיגע פנים׳ער.

קיילע מנוחה איז נישטאָ......

— קינדער, וואו איז דאס דיא מאמע ?

— נישטאָ, אוועקגעגאַנגען !

— עס ווערט איהם קשה. וואס הייסט אוועקגעגאַנגען ? איצט ? פאר קידוש און וועטשערע ?....

אָבער אָט קומט זיא שוין ! עפּעס זיינען איהרע באַקען רויטלעך.... עפּעס שטעהט א ווארעמער שוויים אויף איהר שטערן און זיא זעהט עפּעס אזוי ריין אויס ;

זיא ווארפט איהם צו א בליק האַלב פערשעהמט און האַלב פריינדליך....

אהא, ער פערשטעהט שוין ! ער הערט זיך אויף צו חידוש׳ן.... זיא פלעגט איהם תמיד צו־ווארפען אָט דעם דאָזיגען בליק, ווען זיא פלעגט קומען פון דאָרטען....

אויף א ווילע שרומפּפּט זיך זיין הארץ צוזאַמען אין א זיסען געפיהל, עס לויפט איהם אריבער וויא א קאַלטער שוידער איבער די גליעדער, דאַן גנב'עט זיך ארויס א שטילער זיפץ פון זיין ברוסט.

ווען זיא זאָל לכל הפּחות מיט פּופּצעהן אדער צוואַנציג יאהר אינגער זיין!

פּלוצלונג זיינען זיינע געדאַנקען איבערגעריסען געוואָרען און די זיסע חלומות זיינען מיט איינמאָל פערשוואונדען.

דער קאָנדוקטאָר האט אויסגערופען די סטאַנציע.

ער מוז אויסשטייגען.

ער האלט זיינע טשעמאָדאַנעס און די פּעקלאַך אין די הענד און קוקט זיך וויא זוכענדיג ארום. איז דאָ גאָר קיין קאפּויזישאָקער בעל עגלה ניטאָ?

אהא! אָט רוקט זיך עפּעס א גרויסער חאלאַט, א גרויסער גאַרטעל, א געלע באָרד, צוויי פּאות וויא פּראָפּענציהערס און א לאַנגער בייטש.

און אלעס צוזאַמען איז דאָס ניט זוסיע דער בעל העגלה?

— אי, אַי, אַי, סאַר א גאַסט? ! — רופט אויס זוסיע און קוקט איהם אריין אין פּנים מיט זיינע קליינינקע, פערשמאַלצענע און תמיד פערליבטע אויגעלעך — שבתי טרייטעל, וויא איך בין א איד! שבתי טרייטעל זאָל איך אזוי לעבען! ברוכים הבאים, ר' שבתי טרייטעל!

— שלום עליכם, ר' זוסיע! וויא געהען עפּעס די געשעפטען?

— געשעפטען, שמעפטען! הע! הע! וואָסערע געשעפטען קען מאַכען א זינדיגער בעל עגלה? הייַנט א גניאָדע קליאַטשע, מאָרגען א דערעסאָוואַטע, אלץ איינס א נבלה! שווער, מיין פריינד, זעהר שווער צו לעבען פון בעל עגלה'רייא! הייא איז מיט זאפּרען צו גלייך און צו האָבער איז זיך בפּועל ממש גאָר ניט צו צוריהרען.... עך־חע־חע! נישטאָ אמאָליגע יאָהרען! די ציהונקע (אייזענבאַהן), איין עקירה זאָל אויף איהר קומען, זיא האט בייא מיר אוועקגענומען דעם ברויט......

ער האט זיך וויא זוכענדיג ארומגעקוקט און האט שוין אין איין אַנדער טאָן אויסגערופען

— עפּעס זעה איך ניט אייער קיילע מנוחה'ן און אייערע קינדער! וואס טהוען זיי דאָרטען אין וואַגאָן? דער צוג וועט דאָך באַלד אוועקגעהן!

שבתי טרייטעל איז פון דער פראגע גאָר ניט נתפּעל געוואָרען. ער האט גאָר ביי זיך געקלערט: ער איז נאָך אלץ דערזעלביגער שיכור! עס איז ערשט אכט דער זייגער אין דער פריה און ער איז שוין אנגעטרונקען וויא א פּיאַווקע!

און אין דער הויף האט ער געענטפערט:

— איהר טרייבט קאַטאָוועס, ר׳ זוסיע!.... מיין קיילע מנוחה ליעגט נאך א וודאי אויפ׳ן לינקען זייט און חראַפּעט אויף וואס דיא וועלט שטעהט. ווען זיא זאָל נאר וויסען, אז איך קום היינט אהיים, וואָלט זיא געוויס אויפגעשטאַנען מיט דיא הענער צוגלייך!.... אבער קאטאָוועס אָן א זייט! זאָגט מיר, ר׳ זוסיע, וואס מאכט זיא עפּעס מיין קיילע מנוחה? אלט געוואָרען, הע?

— דאס מוזט איהר דאך בעסער וויסען, ר׳ שבתי טרייטעל! וואס דען האט איהר געמיינט? פון יאָהרען און פון צרות ווערט מען אינגער? אפילו א פערד, להבדיל אלף הבדלות, וועלכען מען קאַרמעט מיט ריינעם הייא (און האָבער און וואס ווייס ניט פון דאגות פרנסה, ווערט אויך אלט....... אדרבה, זאָגט אליין, ר׳ שבתי טרייטעל, האט אייער קיילע מנוחה זאל לעבען, געקענט אינגער ווערען, ווען דער רב, זאל געזונד און לעבען זיין, האט איהר געשיקט רופען און האט איהר א זאָג געטהאָן: „קיילע מנוחה, זייט וויסען אז אייער מאן שבתי טרייטעל האט אייך פון אמעריקא צוגעשיקט א גט!“ א אידענע אין איהרע יאָהרען, ווערט פון אזא בשורה רעה מיט איינמאָל גראָה און אלט. היינט דיא חרפה, דיא בושה, דיא בזיונות פאר דער וועלט. א אידענע איז דאך ניט קיין קליאַטשע; א אידענע איז דאָך אויך עפּעס א שטיקעל מענש!

שבתי טרייטעל׳ס קאָפּ איז פון זוסיע דעם בעל העגלה׳ס ארגומענטען אלץ ניעדריגער און ניעדריגער אראָפּגעזונקען און האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— עס איז נאך אייער גליק — האט זוסיע ווידער אָנגעהויבען — וואס אייער קיילע מנוחה איז א כוואטסקע אידענע, א אידענע א ברען, א סם, ניט פון יענע לעפּציבעס, וואס לאָזען זיך ארייננארען אין זאק. וויא זיא האט דערהערט פון דעם גט, זאגט זיא: „רבי׳ניו, לא מיט א שלשלת! טהוט אייך רבי׳ניו וואס איהר ווילט, איך נעהם דעם גט ניט!“ און כך הוה, זיא האט דעם גט טאקע ניט גענומען! איך זאג אייך, ר׳ שבתי טרייטעל, איהר האט אָהן עין הרע עפּעס גאָר ניט קיין אידישען גליק, ווארום ווען זיא וואָלט חלילה דעם גט יא גענומען, וואלט איהר דאך איצט געוועזען אויף גרויסע צרות!

הפנים, אז זוסיען אליין איז שטארק געפעלען געוואָרען זיין דרשה און האט ניט געוואָלט אזוי גיך מסיים זיין.

און וואו איז דאס געהערט געוואָרען אזא אין דער וועלט! — האט ער ווידער אנגעהויבען זיין דרוש — דאכט זיך א איד א בן ששים, דאס הייסט; א

בן ששים ס'חוואָסטיקאָם, א איד א בן תורה און א ירא שמים, א איד, וואס עס דארף איהם שוין ניט ליעגען אין קאָפּ אָט דיא אלע הבלים, זאל טהאן אזא עולה! מילא אז מען איז נאך יונג און דער האָבער שטעכט, מאכטייסע, אין דער יוגענד טהוט מען א סך עולות, יונגע פערד בריקען מיט דיא פים א סך מעהר פון אלטע סקאפעס, אבער איין אלטער מאן, פוי, חרפות ביושים! אדרבה, זאָגט מיר, זאָלט איהר געזונד זיין, וואס האט איהר געמיינט מיט דעם גט? האט איהר געמיינט אייער קיילע מנוחה'ן אָפּגעטיגן און חתונה האבען מיט א יונגע פאנענקע, איך מיין מיט דיא הייטיגע טאלאליקעס, וואס זיינען פיטש-מיטש און גארנישט? אָי, ר' שבתי טרייטעל, ר' שבתי טרייטעל! עס וואָלט אייך געוועז אז אָך און אז וועה ווען איהר וואלט ארייגעפאלען אין דיא הענד פון אזא שטיק עבודה זרה, רחמנא לצלן, זיא וואלט פון אייך געמאכט א דריי-עקעדיגען קאפעלוש. ווארום דיא היינטיגע מיידלעך און ווייבלעך האבען בייא מיר א פנים וויא דיא נאָראָווּיסטע קליאַטשעס; איהר קענט זייא ניט שפאנען ניט אין דייסקעל און ניט אויף'ן דראָנזשעק. זיי קעהרען איבער דעם וואָגען מיט דיא פאסאזשירען און מיט דעם פוהרמאן צו־זאמען. טפוי אויף זייא!

ער האט א שטארקען שפּיי געטאָן און מיט דעם דאָזיגען שפּיי האט ער געוויס מכוון געוועז דיא גאנצע היינטיגע וועלט מיט דיא היינטיגע טאלאליקעס צו דערטרינקען.

אין דעם מאָמענט האט דער לאָקאָמאָטיוו פון זיך ארויסגעגעבען א לאנגען פייף און דער צוג האט זיך אנגעהויבען ריהרען פון אָרט.

זוסיע דער בעל עגלה איז א פערצאפּעלטער געוואָרען.

— א קלאָג איז מיר ניט געשעהן! — האט ער אויסגעשריען און האט זיך א וואָרף געטאָן צו דעם אייזענבאהן צוג, אזוי וויא ער וואָלט איהם וועלען אָפּ-האלטען — וואס שטעהט איהר, ר' שבתי טרייטעל וויא א פערד איבער'ן האָבער? דער צוג גייט דאך אוועק און אייער קיילע מנוחה מיט דיא קינדער זיינען נאך אין וואגאָן?

שבתי טרייטעל איז נאך מעהר נתפעל געוואָרען. וואס טהוט זיך דא מיט איהם? דאכט זיך רעדען רעדט ער גאר ניט וויא א שיכור'ער. וואס פּלוידערט ער דאָ איהם פון זיין קיילע מנוחה'ן און פון זיינע קינדער? פון וואס איז דאס בייא איהם נעדרונגען, אז זייא זיינען אין וואגאָן?

— איך פערשטעה אייך ניט ר' זוסיע! — האט ער געענטפערט — נאך

אייערע רייד קומט עס אויס, אז מיין ווייב און קינדער זיינען געקומען צופאָהרן מיט מיר צוזאַמען, ניט אזוי?

— וויא דען? אָדער אפשר האט איהר זיי גאר איבערגעלאָזען אין אמעריקא? א שעהנע מעשה, חלעבען!

— וואס פּלוידערט איהר? שומר ישראל איז מיט אייך, ר' זוסיע! וויא קומט מיין ווייב אין אמעריקא?

— וואס הייסט: וויא קומט זיא אין אמעריקא? זיא איז דאָך מיט עטליכע וואָכען צוריק אוועקגעפאָהרען צו אייך אין אמעריקא!

— זיא אין אמעריקא? זאל איך אזוי ניט וויסען פון קיין צרות!

— הערסטו לייזער, דיא גוי'ה תראָפעט! וואָ־דען? א נארר איז זיא? זיא האט זיך פון אייער גט אויסגעלאַכט, האט גענומען האַק און פּאַק און היידא צו איהר „צוהערסטו“ אין אמעריקא!...... א חכמה א אידענע, חלעבען! א גוטע קליאַטשע, זיא ווייס וואו איהר זשרעביעץ צו געפינען, הא, הא!

ער האט זיך צולאַכט מיט'ן פולען מויל און האט גאר ניט בעמערקט דעם גוואלדיגען רושם, וואס זיינע ווערטער האבען געמאַכט אויף שבתי טרייטלען.

יענער איז געשטאַנען וויא א פערטויבטער פון א שטאַרקען דונער.

באלד אבער איז איהם אלעס קלאָר געוואָרען. זוסיע דער בעל עגלה האט איהם אונטער לאַכען און בעל עגלה'שע קאַטאָוועסלעך דערציילט וויא עס איז מיט קיילע מנוחה'ן צוגעגאַנגען נאכדעם וויא דער גט איז פון אמעריקא אנגעקומען, וויא מען האט איהר פון שטאָט געגעבען אויף הוצאות און וויא זיא איז אוועקגעפאָהרען.

אויף א ווײלע האט שבתי טרייטעל געהאט דעם געפיהל אזוי וויא א שווערער שטיין וואלט איהם אראָפּ פון הארצען. דיא מורא פאר דעם „ערסטען שטורם“, וואס ער וואָלט מוזען אויסשטיין פון זיין קיילע מנוחה'ן איז פערשוואונדען.

— אי וואס וועט שפּעטער זיין?...... נא, אויף דעם שפּעטער זאל גאָטט זאָרגען!

אזוי האט שבתי טרייטעל, וויא יעדער איד, וואס איז שוין פון געבורטה אָן א שטיקעל בעל בטחון, ביי זיך געטראַכט און איז פרייליכער געוואָרען.

און פונקט וויא זוסיע דער בעל עגלה וואלט זיינע געדאַנקען געטראָפען!

— נאר ניט פערליערען דעם בטחון, ר' שבתי טרייטעל! — האט ער אויסגערופען אראָבגעהמענדיג דיא טאָרבע מיט האבער פון זיין פערד'ס קאָפּ און

מאבענדיג דיא לעצטע הכנות צום אָפּפאָהרען - א מענש איז ניט קיין לאָקשען קוגעל ; פון צרות ווערט ער ניט צוקראָכען. ניש־קשה, פערעקרוטשיטסיא, פערע־מיליטסיא, מוקא בודעט !.... איהר זייט איצט, ברוך השם, א בעל יכולת, איהר האט דעם נראָשען. דערווייל׳ע וועט איהר פערפאָהרען אין אָן אכסניא...... אויב איהר האט חשק, קענט איהר איינשטעהן ביי מיר. מיין ווייב וועט אייך האלטען בכבוד גדול און וועט אייך אָפּהיטען וויא א פייגעלע אין נעסט. איהר מעגט אייך אויף איהר זאָגען וואס איהר ווילט, אבער איין עהרליכע אידענע איז זיא, א שטילע קליאַטשע, בריקעט ניט, העו, העו !...... איהר וועט שרייבען צו אייער ווייב זיא זאל קומען און אז זיא וועט קומען, וועט איהר לעבען וויא גאָט אין דאנציג. דער־ווייל׳ע וועט איהר אייך ארומזעהן וואס איהר האט צו טאָהן, איהר וועט אייך אויסגעפינען עפּעס א שטיקעל עסק. ניש־קשה, מיט געלט איז מען ביי אונז אויך א שררה ! אָהאָ געלד ! עפּעס א קלייניגקייט געלד ? ! וויא זאָגט עפּעס שמואלקע דער בדחן ? יא ! ממזר מטהר כסף, ניין פערקעהרט ! כסף מטהר ממזרים. גע־הרג׳עט זאל ער ווערען, א מויל, האָטש ניס אין איהם פעך און שוועבעל ! יאָ, אין מחשבות׳ן ! היינט זיינען ביי אונז שוועמליך עולה למעלה געוואָרען, פשוט מיט נאָכד צונלייך. פּייווקע באָנדע האט פון געטריקענטע שוועמליך אין א קורצע צייט א חאפּ געטאָן א קיימא לן פון א זעקיל רובעל, און שלמה מילביקער, זאָגט מען, איז גאר נתעשר געוואָרען. וואס מיינט איהר, ר׳ שבתי טרייטעל, א שטיינער, ווען איהר זאָלט אייך נעהמען צו דיא געטריקענטע שוועמליך ? אויב ניט שוועמליך, איז איין אנדער עסק אויף רעכט, א דאנה עפּעס עסקים, אז מען האט דיא פּותיקא ? אָט, למשל, פאהרען אויף דיא ירידים און אויפקויפען יונגע זשערעב־טשעקלעך.... א גליק, בנאמנות, א שמאלץ גרוב ! מען קויפט זייא בחינו חנם און ניט א קוק, אין א האלב יאָהר ארום, האט איהר יונגע פערד און מען פער־קויפט זייא צו הונדערט אדער צו הונדערט פופציג רובעל א שטיק !.... עהע, ווען איך האב אייער געלד ! איך וואלט אייך וויזען וויא מען ווערט א מיליאָנ־שטשיק ;

— מיר וועלען זיך וועגען דעם מישב זיין, ר׳ זוסיע ! — האט שבתי טרייטיל געענטפערט און האט זיך אריינגעזעצט אין וואָגען — עס איז שוין צייט צו פאָהרען !

— יא, יא. שוין צייט ! היינט איז ערב שבת...... וויא !...... מיר מוזען קומען א ביסעל פריהער כדי מיר זאָלען נאך כאפּען א שטיקעל מרחץ.... וויא !

וויא !...... א פגירה אויף זיין קאָפּ... וויל זיך פון ארט ניט ריהרען ! וויאָ !.... א האלב מעסטעל האָבער האט דאס ערסט איינגעשלונגען !.... וויאָ !.... נאַ ! און נאַ !.... אהא, עס נעהמט ?... וואָ־דען האָסטו געמיינט, איך וועל דיר קוקען אין דיא צייהן ?.... וויאָ !.... וויאָ !....

15טעס קאפיטעל.

דיא מדה פון נאוה האט שבתי טרייטעל קיין מאָל ניט געהאט און דאך האט ער זיך געפיהלט עפּעס גרעסער, עפּעס חשוב'ער, נאכדעם וויא מען האט איהם אין קאפּויזישאָקער בית המדרש צוויי שבתים נאך אנאנד מכבד געווען מיט שלישי. אמת, אלס א איד א בן תורה האט איהם פריהער אויך ניט געפעהלט קיין פעטע עליה, אבער איצט האט ער געפיהלט דעם אונטערשיעד פון אמאל און היינט. עפּעס האט דער קול פון דעם שמש גאנץ אנדערש געקלונגען, ווען ער פלעגט אויסרופען: „יעמוד ר' שבתי טרייטעל שלישי!", עפּעס האט דער בעל קורא בעסער געדרעט דעם פזר, אדער דעם שלשלת, ווען ער האט פאַר געלייענט דיא סדרה און דער „טייטלער" האט איהם צוגעטייטעלט מיט דעם זילבערנעם טייטעל מיט אזא חשק און מיט אזא הידור הכבוד, אז עס פשוט געווען א מהיה נפש.

יעדער איינער פון דיא כלי קודש האט געוואוסט, אז ער האט צו טהאָן מיט ניט קיין פשוט'ען מענשען; אז ער האט דא צו טהאָן מיט ר' שבתי טרייטלען דעם נגיד.

וכפיכך, ווייל ר' שבתי טרייטעל איז א נגיד, האט שוין קיינער צו איהם קיין שנאה אין הארצען געטראָגען דערפאר וואס ער האט זיין ווייב און קינדער איבער־געלאָזען בעירום ובחוסר כל אין קאפּויזישאָק און איז אוועק „לעבען א גוטען טאָג" אין אמעריקא, און מען האט עס שוין געפונען גאנץ נאַטירליך, וואס ער האט זיין ווייב געוואָלט אבגעטען. נאר פּלוצלינג האט שוין יעדער איד און אידענע אין ק"ק קאפּויזישאָק אויסגעפונען, אז קייכע מנוחה איז טאקע א נגע צרעת, א ליקוי, רחמנא ליצלן, און פּאסט טאקע ניט פאר אזא איש נכבד וויא שבתי טרייטעל איז געווען.

מען האט אנגעהויבען בלעטערן אין דעם קאפּוזישאַקער ספר הזכרונות און מען האט אויסגעפונען קיילע מנוחה'ס אלע עבירות.

— זאל איך אזוי מחיים זיין — האט זיך ירוחם דער קצב געשוואָרען — וויא קיילע מנוחה האט ביי מיר אין יאטקע א לונג-און-לעבער נע'גנב'עט!

— ווער? זיא? קיילע מנוח'קע? א ווייסעל פון אויג! — האט פריירע דיא שניט-קרעמערקע צוגעבאמקעט — זעקס איילען דרילך האט זיא ביא מיר, דיא נאנאַמניצע, גענגב'עט!

— וויא קומט זיא צו איהם? — האט עטיל דיא טוקערין פון איהר זייט צוגעגעבען — הערט א גלייבענים! ר' שבתי טרייטעל און קיילע מנוח'קע.... טאָג צו נאכט!

אבער מעהר פאר אלעמען האט זיך פאר איהם אנגענומען ש מ ע ו ן ק א פ אָ ט ק ע, וואס האט געהאלטען א קליין בשמים קרעמעל אין רעכטען מיטען מארק.

דער דאָזיגער שמעון קאפּאָטקע איז אמאל געווען איינער פון דיא עלויים פון מירער ישיבה און איז געוואָרען דער איידעם פון א קאפּוזישאַקער נגיד. גלייך נאך דער חתונה האט ער אוועקגעוואָרפען דיא תורה מיט דיא עבודה פאר וועלכע ער האט בעקומען דיא ווייב מיט טויזענד רובעל נדן און האט זיך גענומען צו מסחור. האנדלענדיג מיט טויזענד פערשיעדענע זאכען, האט ער נאך גענוג צייט געהאט זיך אריינצומישען אין קהל'שע זאכען און איז געוואָרען א גאנצער קאָכלעפעל אין שטעדטעל.

עס האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזען, אז ער טהוט דאס ניט פון מצוה וועגען ער זוכט נאר זיין פראָפיט, זיך אליין נוצען בריינגען, ער זוכט נאר פון דעם קהל'שען טייגעכץ דעם גרעסטען חלק צו בעקומען, און ער פלעגט ווירקליך קריגען דעם גרעסטען חלק אמאל מיט גוטען און אמאל מיט בייזען, דורך תקיפות, אדער דורך א קליינע מסירה'לע.

א פּאָר גרעסערע מסירות, דורך וועלכע עטליכע קאפּוזישאַקער בעלי בתים האבען שטארק געליטען, האבען איהם געקרוינט צום תקיף פון שטעדטעל און יעדער איינער האט פאר איהם מורא געהאט וויא פאר פייער.

נאכדעם וויא זיין ערשטע ווייב איז געשטאָרבען, האט ער חתונה געהאט מיט א צווייטע, אבער אויך דיא צווייטע איז קיין לאנגיאָהריגע ניט געווען און איז באלד אוועקגעגאנגען צו דיא אבות. פון דאַמאָלס אָן האט ער אנגעהויבען א

מסחור מיט ווייבער. ער האט כמעט אלע יאהר חתונה געהאט מיט איין אנדערע און האט יעדע אבגעגעט כדת משה וישראל.

פון דיזען אומשטאנד שטאמט זיין צונאמען „קאפאטע". האט מען געזעהן אז שמעון טהוט אן זיין קאפאטע וואס האט געשטאמט פון זיינע ערשטע חתונה־קליידער, האט מען שוין אין קאפויזישאק געוואוסט, אז שמעון געהט היינט חתונה האבען מיט א נייע ווייב.

— אהא !.... שמעון האט שוין אנגעטהאן זיין קאפאטע פון מכך סאבעצקעס יאהרען. מזל טוב אונז ! שמעון ווערט ווידער א בעל־הבית'ל !

מיט א פאר יאהר צוריק, נאכדעם וויא ער האט זיך גע'גט מיט זיין דריטער ווייב (א יש אומרים : מיט דיא פינפטע), האט ער געמאכט א לאנגע פויזע אין דעם ענין פון נשואין, דאס הייסט : ער האט שוין פון קיין שדוך מעהר ניט געוואלט וויסען, האט צו זיך ארא‌בגעליפערט ניטקען זיין שוועסטער פון ווילנא, זיא זאל פיהרען דיא ווירטהשאפט אין זיין הויז און ער אליין האט אויפגעעפענט א בשמים קרעמעל אין רעכטען מיטען מארק.

אט דיא ניטקע איז געווען א מיידעל, אדער א ווייבעל (ריכטיג האט מען אין קאפויזישאק ניט געוואוסט) א פלאם פייער, א ברען. אין שטעדטיל האט מען זיא גערופען : „ניטקע דער יצר הרע". א שעהנע ברונעטקע מיט צוויא שווארצע אויגען, וואס האבען ארום זיך געשמייכעט וויא א בליטץ. זיא פלעגט שטענדיג געהן מאדיש געקליידעט און פלעגט זינגען רוסישע ליעדער, און דאס האט אלע קאפויזישאקער מבינים און יודעי חן דיא קעפ פערדרעהט. מען האט געוואוסט אז זיא פערמעגט עטליכע הונדערט רובעל, אבער וועגען איהר פערמעגען איז געווען הלוקי דעות. א טהייל האט געזאגט אז איהר מאן האט איהר אבגע'גט און דאס געלד האט זיא בעקומען כתובה ; און א טהייל האט זיא בעקומען אלס „לא יחרץ־געלד" פון דעם ווילנער נגיד, ביי וועלכען זיא האט געדיענט און וואס איז דורך איהר, לא כנו, נכשל געווארען אין יענער עבירה, פאר וועלכע מען פלעגט פאר־צייטען ווייבער געבען טרינקען דיא מים־המאררים...... וויא דיא זאך איז, ווייסען מיר ניט אויף קלאר, מיר ווייסען נאר, אז ניטקע איז געווען א פעטער און געשמא־קער ביסען פאר אלע הייראטהס־לוסטיגע זכרים, און דיא איינציגע סבה וואס ניטקע איז ביז יעצט געבליעבען א פנויה, איז נאר איהר דונקעלע פערגאנגענהייט. עפעם האבען דיא הייראטהס־לוסטיגע זכרים פאר איהר מורא געהאט, איהרע רוסישע ליעדער און איהר שטענד גער לאכען האבען אויף זיך צופיעל געטראגע

דעם שטעמפעל פון „היינטיגער וועלט“, און דאס האט יענע זכרים מעהר געשראָקען וויא אנגעצויגנען.

ווען אזא וויכטיגער אויטאָריטעט, וויא שמעון קאפּאָטע, האט זיך פאר אונזער שבתי טרייטלען אזוי וואָרעם אנגענומען, האט שוין אין קאפּוזישאָק קיין יכוד־איש ניט געשמייעט אויף איהם א שלעכט וואָרט צו ריידען.

— הערט זיי אלעמען וויא דיא גראָע קאָטץ, ר' שבתי טרייטעל! — האט ער עטליכע מאָל צו איהם געזאָגט — וואס האט איהר דא אזוי חוטא בעגל געווען? איהר האט געוואלט פטור ווערען פון א צרה? און אין וועלכען ספר פראלניק שטעהט דאס געשריעבען, אז א איד א בן תורה, א למדן, מוז אויסלעבען זיינע יאָהרען מיט א ווייב א שלאק? דאכט זיך אברהם אבינו איז געווען א גרעסערער מענש פון אונז, עפּעס א קלייניגקייט אברהם אבינו?! פון דעסטוועגען האט ער געזאָגט צו זיין ווייב הגר „נעהם דיין זעקעל מיט דיין פעקעל און מארש!“......

עס איז חלינבען נאר א שאָדען, וואס אייער קיילע מנוחה האט אייך איבערגעהיטרעוועט און האט דעם גט ניט גענומען. ווייסט איהר, וואס פאר א שידוך איהר האט געקענט טהאָן? איינעם אין דער וועלט!

אָט דיא דאָזיגע ווערטער און דערצו נאך פון אזא גרויסען אויטאָריטעט וויא שמעון קאפּאָטע, האבען אויף שבתי טרייטלען א גרויסען רושם געמאכט. קיילע מנוחה'ס פּרצוף האט זיך אלץ ווייטער און ווייטער פון זיינע געדאנקען אָבגערוקט און אין א קורצע צייט האט ער זיא שוין כמעט אין גאַנצען פערגעסען. ער האט אנגעהויבען צו חלום'ען פון א גוטען שידוך און אין זיין קאָפּ האבען זיך אנגעהויבען ארומצודרעהען פערשיעדענע ד א ב ר ו ס ק ע ל ע ך און ג י ט ע ל ע ך מיט שווארצע אויגעלעך, מיט רויטהע בעקעלעך און מיט פּאַנסאָווע ליפּעלעך, וואס זיינען נור בעשאפען געוואָרען דעם מענשען צו יעדער צייט דאס לעבען צו פערזיססען.

— און טאקע פאר וואס ניט? — האט ער בייא זיך געטראכט — איז דען מיין נשמה א ראָזשעק? אָבגע'חושכט א שלל מיט יאָהרען מיט א נבלה סרוחה, געננוג! וויפיעל איז דער שיעור? מה רעש? וואס בין איך דא אין גאַנצען אזוי אלט? איך פיהל נאך אין מיר ברוך השם אלע חושים. איך האב נאך דיא גאַנצע כח גברא.... עפּעס עלטערע פון מיר נעהמען יונגע ווייבער און האבען הנאה פון זייער לעבען! און פעניגען מעג איך מיר אויך אזא שטיקעל נחת! איך בין גאָט צו דאַנקען א איד א בעל יכולת! איך האב מיט וואס!.... צו וואס דארף מען

נאַר געלדֿ, ווען ניט מקבל נחת צו זיין ? און וואס פאר א נחת קען איך האבען, ווען איך וועל דארפען ווידער לעבען מיט מיין אלטע ארורה ?

ער האט זיך שוין אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנקען זיין קיילע מנוחה'ן פון קאפּויזישאַק א גט ארויסצושיקען, ער האט דאס אבער נאך מורא געהאט צו טהאָן, ער האט אויך ניט געוואוסט וויא דעם דאָזיגען פּלאַן אויסצופיהרען און מיט וועמען זיך ווענען דעם צו בעראַטהען, האט ער ניט געהאט.

איינמאָל, א שבת צו נאכט, ווען שבתי טרייטעל איז נאך מעריב צוריק־געגאַנגען פון בית המדרש, האט ער אנגעטראָפּען זיין פריינד שמען קאַפּאַטע ?

— גוט־וואָך אייך, ר' שבתי טרייטעל ! — האט איהם יענער געגריסט.

— גוט־וואָך גוט־יאָהר, ר' שמעון !

— וואוהין געהט דאס א איד ?

— איך וויים ?.... אָט מען געהט !

— אפשר ווענען איין עסק ?

— וואָסערע עסקים האב איך ? איך זיץ ניט פאר אייך געדאַכט, אָהן א שטאָך מלאכה. איך בייט דעם רובעל און עסס.

— אויב אזוי, טא קומט אריין צו מיר אויף א גלעזעל טהייא. מיין גיטעלע וועט זיך באמת פרייען. זיא האט ליעב קאמפּאַניע. זיא וויל פון אייך הערען עפּעס וואס איבער אמעריקא. מיר וועלען טרינקען טהייא און דערבייא אביסעל שמועסען.

— איך געה ! בייא אייך איז א מצוה טהייא צו טרינקען ; אייער טהייא איז מן המובחר.

— ניט צו פערזינדיגען, ר' שבתי טרייטעל, איך האב פיינד מיר צו זשאלעווען !

אין וועג האט איהם שמעון פּלוצלונג א פרעג געטהאָן :

— יאָ, אין מחשבות'ן, האט איהר שוין צו אייער ווייב א בריעף געשריעבען ?

— נאך אלץ ניט, ר, שמעון ! איך וויים אליין ניט אויב....

— זעהר גוט געטהאָן, ר' שבתי טרייטעל ! צו וואס זאָלט איהר צו איהר שרייבען, זיא זאָל קומען ? האט זיא דען ביי אייך געפרעגט, אויב זיא זאָל פאָהרען נאך אמעריקא ?

— אזוי איז עס טאקי, ר' שמעון, אבער לייטעשע רייד....

— האט זיי אלעמען אין דר'ערד, דיא חמורים ! וואס קימערט אייך וואס זייא ריידען ? איהר דארפט טאָן וואס פאר אייך איז גוט, און דאס איז ברוך

בשמש, אז מיט אזא שלאק, וויא אייער קיילע מנוחה איז, טאָרט איהר ווייטער ניט לעבען!

— אמת, אמת, ר' שמעון! אבער מיינט איהר, אז עס איז גרינג אויף דער עלטער זיך ארומצואוואלגערן אהן א ווייב? הייגט דיא קינדער? עס איז דאך א ביטערער צער אויף זייא!

— ווער זאגט דאס, אז איהר זאָלט חלילה זיצען אָהן א ווייב? לפי דעת הגאונים טאָר א איד קיין איינציגען מעת לעת ניט זיטצען אָהן א ווייב. דיא ערסטע זאך וואס איהר מוזט טהאָן איז, פון דאנען אייער ווייב א גט ארויסצושיקען. אז זיא וועט פון אייך צום צווייטען מאל א גט בעקומען, וועט זיא שוין פערשטעהן, אז איהר מיינט ניט קיין לצנות און וועט איהם נעהמען. וויא באלד איהר וועט ווערען א פרייער מענש, וועלען אייך דיא שדכנים בעפאלען פון אלע זייטען. מען וועט אייך בעפאלען פון אלע זייטען. מען וועט אייך פאַרשלאָגען ענינים פערווי סאָרט. הייגט וואו בין איך אין דער וועלט? וועל איך דען צולאָזען מען זאָל אייך פערשלייערען מיט אבי וועמען? אז איך בין אימעצען א גוטער פריינד בין איך בפועל ממש מוכן ומזומן פאר איהם אין פייער צו געהן, און אז איך בין אייך א גוטער פריינד, דאס מוזט איהר דאך וויסען. און וואס עס איז שייך צו אייערע קינדער, זעה איך גאר גאר ניט, וואס פאר א'ן אונגליק דא איז. אז איהר וועט אם ירצה השם א גוטען שידוך טהאָן, וועט איהר נאך זיי שיקען און איהר וועט לעבען מיט זיי צוזאמען וויא גאָט האט געבאָטען!

— יא, דאס קען מען טאקי מאכען, ר' שמעון! אבער עס בלייבט נאך אלץ א שאלה, אויב דיא יונגע (ווענגען איין אלטע האט ער גאר ניט געקלערט!) ווייב וועט וועלען אָנקומען אויף קינדער?

— שטות! וועט ניט זיין טריינע, וועט זיין בריינע! מיר וועלען זוכען אזוינע, וואס וועט יא וועלען אנקומען אויף קינדער. און גלויבט מיר, ר' שבתי טרייטעל, אין דער וועלט זיינען דאָ א סך מיידלעך, אדער יונגע ווייבלעך, וואס ווילען בעסער זיין שטיפמאמעס אלס מאמעס, איבערהויפט אין היינטיגע צייטען, ווען דיא יונגע ווייבלעך קוקען נאר אויפ'ן פוטץ און ווילען אייביג יונג בלייבען. אָט למשל מיין שוועסטער גיטעלע: זיא האט פיינד דיא יונגע פראנטלעך וויא דיא עבודה זרה, און ווען עס זאָל זיך איהר מאכען א שידוך מיט איין עלטערן מענשען, וואס זאָל איהר קענען גוט פערזאָרגען, א שטייגער א מאַן וויא איהר, ר' שבתי טרייטעל, וואָלט זיא עס צוגעכאפט בשתי ידים;

— וואס רעדט איהר ר' שמעון?.... אייער גיטעלע וואָלט....

— אָט דאס וואס איהר הערט ר' טרייטעל! מיין גיטעל איז, פערשטעהט איהר מיך, א גרויס שטאָטינע, א שטיקעל פילאָזאָפקע. זיא פערשטעהט דיא עניני נשואין אנדערש וויא דיא קליין־שטעדטעלדיגע. זיא זאגט. אז איין עלטערער מענש איז א גאנצער מענש, דיא בחורים, אדער דיא יונגע מאנציקעס טויגען אלע אויפ'ן פייער. ביי זיי איז ניטא קיין אמת'ע ליעבע און קיין אמת'ע פריינדשאפט צו א ווייב, ביי זייא איז רעכט היינט דיא און מאָרגען יענע, אבער איין עלטערער מענש וויים צו סאנעווען דאס, וואס ער האט, בייא איין עלטערן מענשען לעבט א ווייב וויא תחת כנפי השכינה, און דעריבער האט זיא נאך ביז יעצט קיין שידוך נים געטהאן, כאָטש דיא שדכנים שלאָגען ביי אונז אב דיא שוועלען. זיא זוכט נאר איין עלטערן מענשען!

ביי שבתי טרייטלען האט זיך דיא הויט פאר פרייד צוזאמענגעלייגט אין חדודין חדודין, פונקט וויא פאר צייטען ביי יתרו'ן.

עפּעס א קליינינקייט גיטעלע? מען שפּיעלט זיך עפּעס מיט גיטעלען? קען מען געפינען נאך אזא יפת תואר וויא גיטעלע, ווען מען זאל אפילו בודק זיין דיא גאנצע וועלט פון הודו ביז כוש? היינט איהר זינגען, איהר לאָבעי, איהר ארום־ווארפען מיט דיא שווארצינקע אויגעלעך! היינט איהר שעהנער גאנג! וואס גאנג? זיא געהט דאך גאר ניט, זיא שוועבט, זיא טאנצט! און ווען זיא זיצט זיך אין א ווארעמען פאר־נאכט אין אָפענעם פענסטער מיט איהרע צולאָזענע שווארצע האָאר אופ'ן ווייסען נאקען, מיט'ן פאפּיראָס אין דעם רויטהען מיילכעלע און בלאָזט פון זיך בלאָע רינגעלעך — איז זיא ניט א פאנענקע, איין אמת'ע פאנענקע?....

א קאלטער שוידער איז איבערגעלאָפען איבער זיינע אויסגעטריקענטע גליעדער.

אָט דאס הייסט א ווייב! אָט דאס הייסט א נאָטס־בענשונג, ווען מען איז זוכה אזעלכע צו זיך אין הויז אריינצופיהרען!

מיט דיעזע געדאנקען איז ער אין שמעון קאפּאָטעס הויז אריינגעקומען.

אין הויז האט זיך נאך געהערט דער גרוך פון שבת, דאס הייסט: אין דער לופט האט מען נאך געשפּיערט דעם ריח פון ציבעלע, קנאָבעל און רעטעך, וואס אָהן זיי איז דער שבת ביי א פרומען אידען קיין שבת נים. דער ווייסער טישטוך איז נאך געלעגען אויפ'ן טיש, און א חוץ דעם קרעאָסינלאָמפּ, וואס האט געברענט אויפ'ן טיש, האבען גאנצע דריי חלב'נע ליכט געברענט אין דעם מעשענעם הייננ־לייכטער.

אין א צווייטען צימער האט מען געהערט דעם קופערנעם סאמאוואר הוזשענ־דיג און בלאזענדיג פון זיך לאנגע און ווייסע שטראהלען דאמפף.

אבער גיטעל האט שוין איהרע שבת׳דיגע קליידער אויסגעטאן און האט זייא פערביטען מיט א פיינע בלוזשע פון א געבלימטען שטאף. דיא טאליע איז פעסט געשנירט געווען מיט א גארטעל פון גלאנצ־לעדער און פון פארענט איז דיא בלוזע אויסגעשניטען עד שאול תחתיה....

דיא לצים פון קאפויזישאק האבען דיזען אויסשניט א נאמען געגעבען „אבדון“, ווייל דיא וואס האבען איהם דערזעהן, האבען על פי רוב זייערע קעפ פערלארען.

זיא איז ערסט ארויסגעקומען פון א צווייטען צימער זינגענדיג „זאפריאנו יא טראיקא בארזיך, טיאמנא־קאריך לאשאדעי!“, און האט מיט דיא פינגער צוזאמענ־געדרעהט א פאפיראס.

— א גוט־וואך אייך, גיטעלע! — האט איהר שבתי טרייטעל געגריסט און נאר ניט ווילענדיג האבען זיך זיינע אויגען ארא בגעגליטשט אין דעם ווייסען „אבדון“.

— א.... אאאה!.... סא־רא־גאסט! מען דארף אויסלאגען א קאבלע פון אייוועין! — האט גיטעלע מיט איהר זיסען קול׳בעלע אויסגערופע — טפעם א בעער אין וואלד גע׳פגר׳ט!.... וויא קומט דאס ר׳ שבתי (זיא פלעגט איהם נאר מיט איין נאמען אנרופען), אז איהר זאלט אונז פראסטע מענשעלעך בעזוכען?... מיר זיינען מיט אייך אדרבה ואדרבה און איהר זייט מיט אונז קידער־ווידער! און אז מיר זיינען ניט אזוי רייך וויא איהר, אהן עין הרע, איז שוין דיא וועלט קיין וועלט ניט, טארען מיר פון דעסטוועגען ניט זיין גוטע פריינד? איך מוז אייך זאגען דעם אמת, ר׳ שבתי, איך האב שוין שיעור מיינע אויגען אויף אייך אויס־געקוקט!

שבתי טרייטעלס הארץ איז פולל געווארען מיט פרייד וויא דער כוס צו הבדלה.

— איהר האט מיך געגארט צו זעהן? הע, הע, צו וואס טויג אייך איין אלטער מאנן? — האט ער נאך געפרובט וויצלען.

— לאזט מיך צורוה מיט אייערע קאטאוועסלעך, ר׳ שבתי — האט זיא אין א טאן פון אונצופריעדענהייט אויסגערופען — א מאנסביל ווערט קיינמאל ניט אלט. אט מיר, ווייבער, מיר ווערען פער׳חושב ט, מיר ווערען אלט פאר דער צייט, אויף אונז קומט דער עלטער נאר ניט געריבטערהייד.... זעהט איהר? זעהט

איהר, איך בין ערסט פינף־און־צוואנציג יאהר אלט (שמעון קאפאטע האט דערביי א שטארקען הוסט געטהאן), נאט, און ציילט איבער, זייט מוחל, פיעל גראָע האָר איך האב שוין אין מיין קאָפּ!

זיא האט דערביי איינגעבוינען איהר קאָפּ און האט א קאָקעטען טרייסעל געטהאָן איהרע פעך שווארצע צעפּ.

— און ווייסט איהר פון וואנען דאס קומט? — האט זיא ווידער אנגעהויבען נאכדעם וויא שבתי טרייטעל האט איהר געשוואָרען על אמונתו, אז ער זעהט ניט איין גראָען האָר אין איהר קאָפּ — דאס קומט פון ניט גלייבע שדוכים!.... אָט האב איך ניט פאר אייך געדאכט, אָפּגעהאָליעט גאנצע דרייא יאהר בייא א מאָן א פיאניצע, א לאָטרע, איין אויסוואורף פון דער וועלט!.... דיא גאנצע מציאה מיט איהם איז געווען זיין יוגענד, א מאָלאָקאסאס, זאל מען דאס ניט זעהן און הערן! נאך א שטיקעל גליק, וואס ער האט מיר נט געגעבען און דערצו נאך עטליכע הונדערט רובעל כתובה.... היינט וועל איך שוין א צעהנטען פערזאָנען מיט א יונגען שקאָציק חתונה צו האָבען.. ניין, איך וועל גאָר ניט חתונה האבען!.. בשום אופן ניט!...... חיבע...... חיבע עס וועט זיך מיר מאכען איין עלטערער מענש!......

— אָבער וואס דרעה איך אייך א קאָפּטור מיט מיינע עסקים? — האט זיא זיך אליין איבערגעשלאָגען — זיצט, ר' שבתי, איהר זייט בייא אונז א טהייערער גאסט! מיר זיינען דאָ עלענד וויא דיא שטיינער אין וואסער, א חוץ מיט אייך האבען מיר דאָ מיט קיינעם קיין עסקים ניט.... זיצט! זעצט אייך צום טיש!... אָט נעה איך דערלאנגען טהייא!

און זאָגענדיג: „ניע בראני מניע ראדנאיא, טשטאָ יא יעוואָ טאק ליובליו", איז זיא ארויסגעפלויגען פון צימער, און באלד האט מען דערהערט דעם קלאנג פון גלעזער און טעצלעך אין דעם צווייטען צימער.

— נו, וואס זאגט איהר ר' שבתי טרייטעל! — האט זיך שמעון קאפּאטע אבגערופען — האב איך אייך ניט געזאגט?.... זיא וויל נאר איין עלטערן מענשען און לפי דעתי איז זיא טאקע גערעכט! אויב עס איז בעשערט פון דעם השם יתברך און אויב איהר וועט וויסען וואס איהר האט צו טאָהן, קען נאך זעהר מעגליך זיין, אז מיר זאָלען ווערן מחותנים.... דער עיקר איז, איהר זאָלט געניג שכל האבען און פערשטעהן דעם ענין.... וויא זאגט מען עפּעס?.... יא! דער וואס האט שכל, דער זיצט אין סוכה!

פון דיא פיעלע געדאנקען, וואס זיינען בייא שבתי־טרייטלען ארום געגאנגען אין קאפ, האט ער זיך בשום אופן נישט געקענט ארויספלאנטערן און האט נישט געקענט געבען קיין דירעקטע תשובה. ער האט פון זיך נאר ארויסגעברומט אן אונדייטליכען „הם!" וועלכען מען קען דרש'ענען אויף אלערלייא אופנים.

שמעון קאפאטע אבער האט אין זיך געהאט א ניצוץ פון ביסמארק'ס נשמה. פון שבתי־טרייטעל'ס „הם!" האט ער באלד פערשטאנען, דאס דער „יאלד' איז נאך רוי צו זיין פלאן און רויערהייד קען ער איהם נישט „אויפעסען", וויא ער האט זיך פארגענומען. ער האט זיך דארום ענטשלאסען איהם אביסעל מעהר צו „קאכען," איהם לאזען אביסעל לענגער „זידען", ביז עס וועט פון איהם ווערן דער ריכטיגער „מאכל......"

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, ר' שבתי־טרייטעל! — האט ער איהם פון דאס נייא אנגעפאנגען צו אטאקירען — איך פון מיין זייט, וואלט אפשר נישט שטארק מסכים געווען, דאס מיין שוועסטער גיטעלע זאל געהן פערברענגען איהרע יאהרען מיט אן עלטערן מענשען וויא איהר זייט, אבער איך ווייס זעהר גוט, אז אין דעם ענין וועט זיא מיך נישט הערען!

שבתי־טרייטעל האט זיך געפיהלט וויא בעליידיגט.

— און פאר וואס וואלט איהר נישט מסכים געווען? איז דאס א מניעה וואס איך בין עלטער פון איהר? — האט ער געפרעגט אביסעל ברוגז'לעך.

— א מניעה לכל הדעות! —האט שמעון געענטפערט פעררויבענדיג זיין לולקע.

— אדרבה, ערקלערט עס מיר!

— דיא זאך איז גאנץ פשוט! — האט שמעון געענטפערט און האט פון זיין מויל ארויסגעבלאזען א גאנצען וואלקען פון רויך — מיין שוועסטער, גיטעלע, וויא איהר זעהט, איז א געבילדעטע.... וואס הייסט: א געבילדעטע? זיא איז דאך א מושלמת בבל המעלות!.... הפנים מיר פראסטע, קליינשטעדטעלדיגע אידען פערשטעהען זיא? מיר קוקען זיא דאך אן פשוט וויא דער האהן דעם בני־אדם! נו? דאכט זיך, אז דאס איז א מעלה, אבער איך זאג אייך, אז דאס איז א חסרון, א גרויסער חסרון!

— א חסרון?.... הע! הע!.... א חסרון, וואס זיא איז געבילדעט?

— פערשטעהט מיך נאר מיט א קאפ, ר' שבתי־טרייטעל!... דאס איז יא א חסרון און נים קיין חסרון! ווארט, איך וועל אייך דאס מבאר זיין: ווען מיין גיטעלע זאל געהן חתונה האבען מיט א יונגען, היינט־וועלטיגען מענשען, וואלט איהר בילדונג געווען א מעלה. איהר מאן וואלט געוואוסט וויא צו שעטצען איהר בילדונג

אָבער לאָמיר זיך נישט נארען, ר׳ שבתי־טרייטעל, וואס פאר א ווערטה קען האבען איהר בילדונג אין דיא אויגען פון אן עלטערן און פארצייטיגען אידען, וויא איהר זייט? פאר אייך וועט איהר השכמה נאָר א פינפטער ראד צום וואָגען זיין. ווילט איהר א ראיה? נאט אָט האט איהר! זאָגט מיר, ר׳ שבתי־טרייטעל, וואס וועט איהר, א שטייגער, טהאָן, ווען גיטעלע וועט נאך דער חתונה מיט אייך פערלאנגען, אז זיא זאָל פיהרען אייערע עסקים, אז זיא זאָל זיין דיא גאנצע בעל־הבית׳טע אין געשעפט, אז אין איהרע הענד זאָל ליגען נאר דאס געלד? איהר ווייסט דאך, דיא געבילדעטע קענען אלץ. זייא זאָגען, אז זייא זיינען קליגער פאר אונז. היתכן, אז איהר וועט דערצו מסכים זיין? הא?

אין דער מינוט האט גיטעלע אריינגעבראכט א טאץ מיט דריי גלעזער טהעע. דיא ערסטע גלאָז האט זיא דערלאנגט שבתי־טרייטלען, אום צו וויזען, אז ער איז דער „ליעבער״ גאסט. קוים אָבער האט שבתי־טרייטעל געוואָלט אָנהויבען צו טרינקען, האט זיא אויסגערופען:

— ווארט, ר׳ שבתי!.... האט צייט!... איך בין נאך נישט פארטיג! אזא גאסט, וויא איהר, טרינקט בייא מיר נישט קיין וואָכעדיגען טהעע. פאר אזא ליעבען גאסט האב איך געפרעגעלטע קערשלעך אין קעלער! איך דארף עס אפילו געהן ברענגען, אָבער איך קען שוין מטריח זיין מיין עלטער!

— צו וואס דארפט איהר דיא טרחה, גיטעלע? — האט זיך שבתי־טרייטעל אָבגערופען — איך קען מיך בעגעהן אָהן קערשלעך!

— נישט גערעדט, ר׳ שבתי! פאר אייך איז מיר קיין זאך נישט שווער! זיא האט דאס מיט גרויס ערנסט ארויסגערעדט און איז ארויס פון צימער.

— הא! הא! — האט זיך שמעון קאפאטע צולאכט — ר׳ שבתי־טרייטעל, איהר זייט בנאמנות, א מכשף!.... איהר האט גיטעלען צוגעטרונקען, איינגעגעבען א מין ליובעזניק, רחמנא לצלן!... זיא איז דאך פאר אייך גאר בפועל ממש פייער און פלאם!.... עס קומען דאך עפיס אריין צו מיר אין שטוב יונגע לייטלעך, זייא שלאָגען בייא מיר פשוט אָפּ דיא שוועלען, און זיא? זיא קוקט אפילו נישט אין זייער ווינקעל, און מיט אייך איז זיא קוטשעניו־מוטשעניו... חא! חא! חא! חא!

— אלעס איז פון דעם השם יתברך, ר׳ שמעון! — האט שבתי־טרייטעל געענטפערט — ניט מיר מענשען, נאָר דער רבונו של עולם בעשאפט דעם חן! ווען ניט דער חן, וואָלט דיא וועלט נישט געקענט האבען קיין קיום. זעהען מיר דען ניט, אז יונגע מיידלעך האבען חתונה מיט אלטע אידען און לעבען אויס זייערע יאָהרען אין שלום און אין שלוה? דאס מאכט דער חן! דער חן קנעפּעלט זייא

צוזאמען. אבער נחזור לענינינו! איהר האט מיך פריהער געפרעגט, אויב איך וואלט מסכים געוועזן, דאס גיטעלע, ווען זיא זאל ווערן מיין ווייב, זאל פיהרען מיינע עסקים און זיין דיא גאנצע בעל־דעה אין מיין געשעפט. פרעג איך אייך, ר' שמעון, פאר וואס ניט? ווען זיא איז אזא בר־דעת, אזא מושלמת, ווען זיא וועט מיר זיין א געטרייע ווייב, וויא דיא תורה הקדושה זאגט: והיו לבשר אחד, מאן און ווייב — איין לייב, פאר וואס זאל איך איהר ניט אוועק געבען דיא גאנצע דעה איבער מיינע עסקים און איבער מיין געלד? לבד זה דארפט איהר נישט פערגעסען, אז איך בין שוין נישט קיין יונגער מאנטשיק. עס ווילט זיך אביסעל אָברוהען. נאך וויניג געהאוועט אויף דער וועלט? וואס? שוין אויסגעוואנדרעוועט דיא ארבע פינות העולם, גענוג! זאל א ווייב פאר מיר ארבייטען! בפרט נאך אזא קלוגע ווייב! מיין עסק איז דער בית־המדרש! דארטען איז מיין וועלט! אביסעל משניות, א ביסעל עין־יעקב, א שטיקעל שיעור אין דער גמרא — חלעביך, יענע וועלט איז אויך א וועלט! — נו? וואס וועט דאס מיך ארען, אז מיין ווייב וועט דרעהען דעם רעדעל? פאר מיר איז גענוג דער תענוג, ווען איך וועל קומען פון בית־המדרש אהיים און איך וועל געפינען א פיינעם טיש, געגרייט מיט פיינע מאכלים און אין הויז דרעהט זיך ארום א וייבעלע יונג, שעהן, פריש, געזונד, חאטש נעהם און מאך א ברכה! עך, ר' שמעון! דאס איז א לעבען! דאס איז א נחת־רוח! דאס איז, בנאמנות, דער גן־עדן אויף דער וועלט!

— וואס אמת איז אמת! — האט זיך שמעון אָבגערופען — דאס איז טאקי דער רעכטער עיקר פון לעבען! א שעהנע און א קלוגע ווייב איז דער רעכטער יסוד! דיא וועלט קען מען אויך נישט אוועקמאכען מיט'ן האנד. חלעביך, א מענש לעבט נישט צווייא מאל! ער לעבט נאר איינמאל און וויל ער לעבט נאר איינמאל, דארף עס זיין געלעבט און נישט געשלאפען! אבער לא כל אדם זוכה. ניט אלעמען פליעהען דיא געבראטענע טויבען אין מויל אריין. איינער עסט זיין גאנצען לעבען פלוימען־צימעסקאך און דער אנדערער ווערגט זיך אייביג מיט קיסלובע. איינער איז א ספראווניק און דער אנדערער א שמייסער אין באד. אלץ איינגט אפ פון דער קעשענע, פון דיא ממתקים. אט זאגט טאקי דער פסוק: „ארעמאן זופ יויך!" אבער אזא איד וויא איהר, ר' שבתי־טרייטעל, וואס גאט האט אייך געבענשט מיט כמה וכמה אלפים, פאר וואס זאלט איהר אייך ניט פערגינען צו האבען א ווייב, טאקי וויא גאט האט געבאטען?

שבתי־טרייטעל האט זיך ביי דיעזע ווערטער געפיהלט וויא ער וואלט געוועזן אין דיא עולמות עליונים. ער האט זיך מיט א געוויסען שטאלץ אויסגעצויגען אין דער לענג און אין

דער ברייט וויא א מענש וואס פיהלט זיין פולען ווערטה, און האט מיט א רוהיגע שטימע געענטפערט:

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, ר׳ שמעון, אייער שוועסטער ניטעלע געפעהלט מיר זעהר גוט. זיא איז פון יענע בתולות אויף וועלכע דיא חכמים זאָגען: מצא אשה מצא טוב. וואס עס געפעהלט מיר אין איהר מעהר פון אלץ, איז דאס, דאס כאָטש זיא האט געלעבט אין א גרויסע שטאָדט און איז וויא מען זאָגט א געבילדעטע, פון דעסטוועגען האט זיא אין דיא עניני נשואין נאָר אנאנדער קוק. זיא זוכט ניט וויא דיא היינטיגע מיידלאך א יונגען פראנטעל, א פיטש-מיטש און נאַרנישט, זיא זוכט א מאן מיט א יסוד. דאס איז זעהר א גרויסע מעלה. פאר דאס אליין האט זיא דיא ווערטה, אז איהר מאן זאל איהר איינוויקלען אין צעהן פאפיערעלעך און איהר ארומטראָגען וויא א היילינע מזוזה.... אבער איך האב אייך שוין פריהער געזאגט, ר׳ שמעון, און איך זאג אייך נאך אמאָל: כל זמן איך וועל ניט פטור ווערן פון מיין צרה, קען איך וועגען דעם נאר נישט קלערען. מיר זיינען, וויא זאגט מען דאס, א י ד ע ן און מיר מוזען אלעס טהאָן כדת וכדין!

— א ודאי, א ודאי! — האט שמעון קאפאָטע געענטפערט — כל זמן איהר זייט נאך ניט פריי, איז פון דעם ענין נאר נישטאָ וואס צו טראכטען.... הע, הא, עפעס א קלייניגקייט עובר זיין דעם חרם דרבינו גרשום!.... אבער איהר ווייסט דאך, וואס שלמה המלך האט געזאגט: שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו. דערפון איז געדרונגען אז מיר מעגען זיך מכין זיין צו דעם ענין, דאס הייסט. מיר מעגען דערווייילע אברייידען אויף קלאָר אלע פרטים און אז איהר וועט אם ירצה השם אין א גוטע און א מזל׳דיגע שעה פרייא ווערען, קענען מיר מאכען דיא חופה כדת משה וישראל!

— אָט דאס מיינט דער פסוק! אט אזוי וויל איך טאקי!... אבער שא!.. איך הער ניטעלען קומען!

— אופפפ! — האט ניטעלע אויסגערופען אריינקומענדיג מיט א פלאַש קארשען-סאָק אין איהרע הענד — פופצעהן טרעפ האב איך געמוזט ארונטער- געהן און אין קעלער איז פינסטער וויא אין א קבר.... אופפפ! דער אָטהעם האט מיר פערהאַפט!

— צו וואס האט איהר אייך געדארפט מטריח זיין, ניטעלע? — האט שבתי מהזיטעל אויסגערופען און האט איהר אנגעקוקט מיט דעם זעלבען בליק, מיט

וועלכען דיא קאַטץ קוקט אָן דיא זרוע — זיינען דען דיא קערשלעך אזוי נויטהיג געוועזען?

— נויטהיג, צו ניט נויטהיג, דאס איז שוין מיין זאך, ר' שבתי! מיר זאלט איהר ניט לערנען דיא זאכען, וואס זיינען שייך צו עדעלקייט! אז איהר וואלט ביי אונז נישט געוועזען קיין ליעבער גאסט, וואָלט איך טיך אסור מטריח געוועזען!.. אבער לאָמיר אָט דיא נאַרישקייט אוועקלייגען אָן א זייט! לאָמיר ריידען וויכטי־גערע זאכען!...... איהר ווייסט, ר' שבתי, עס איז מיר אויף אייך א גרויסער וואונדער, וואס איהר טהוט גאָר נישט. עס זיינען שוין אוועקגעגאנגען היבש עט־ליכע וואָכען זינט איהר זייט געקומען פון אמעריקא, און איהר האט נאָך נישט אריינגעטהאָן א פינגער אין קאַלטע וואסער. איז דאס א תכלית ארומצוגעהן פוסט און פּאַס און צו לעבען פון גרייטען רובעל? דעם מלך'ס אוצרות קען מען דאָך אויך אויסנעהמען!.... אז מען האט געלד דאַרף מען זעהן אז דאס געלד זאל עפּעס אריינברענגען.... אויף אייך איז דאס מיר טאַקי א וואונדער. איהר זייט דאָך א איד א חכם!

— איהר זייט גערעכט גיטעלע! — האט שבתי טרייטעל געענטפערט — איהר רעדט וויא א גרויסער בר־דעת, נאָר ניט וויא איין אשה.... אבער איך מוז אייך זאגען דעם ריינעם אמת: קיין סוחר בין איך קיין מאל ניט געוועזען, אנב זיינען מיר דיא היגע געשעפטען זעהר פרעמד. איך ווייס ניט וואו איין וואו אויס. איך ווייס ניט צו וואס זאָל איך מיר נעהמען, אז איך זאל זיין זיכער מיט א גוטען רווח... אדרבה, זאגט איהר מיר, צו וואס זאל איך מיך כאַפּען? אייך, גיטעלע, וועל איך געוויס פאָלגען!

— אז מען זוכט, געפינט מען, ר' שבתי!.... אָט נעהמט א משל פון מיר: איך בין דאָך נישט מעהר וויא א נארישע מיידעל, פון דעסטוועגען וויל איך ניט אז מיין געלד זאל ביי מיר ליעגען טויט און שטום.... איך וויל עפּעס טהאָן, עפּעס פערדיענען, מיט אימעצען שותפות מאַכען....... אָט איז איצט א צייט פון גע־טריקענטע שוועמלעך! כייט ווערען דערפון נתעשר.... קענט איהר דעם שייגעץ בערקע חאַלאָווע? אָט דער פּראַכוואָסט האט אין איין חודש א כאַפּ געטאָן אכט הונדערט קערבליך פון געטריקענטע שוועמליך! איז ניט א קלאָג צו דיא מעשים? אזא נאַרנישט האט פערדיענט אזא מאַטניא מיט געלד! איך האב שוין לאנג גע־וואָלט מיט אימעצען שותפות מאַכען און קויפען שוועמלעך, אבער מיין ברודער לאָזט מיך ניט!

— פאר וואס לאזט איהר ניט, ר' שמעון? — האט שבתי טרייטעל גע־פרעגט — דיא זאך איז גארניט אזוי קרום!

— ווייל איך האב מורא! — האט שמעון געענטפערט — עס איז א גרויסע ריזיקע מיט אבי ווער שותפות צו מאכען. איהר קענט ניט אונזערע קאפּוויזשא־קער בעלי בתים, ר' שבתי. דאס זיינען על פי רוב רוצחים, גזלנים. זיי זוכען נאר פרעמדעס אריינצוכאפּען. ווען עס זאל זיך מאכען רעכטער שותף, מאכטייסע, וואלט איך געווים מסכים געווען!

שבתי טרייטיל האט זיך אויף א ווײלע פערטראכט.

— און א שטיינער מיט מיר וואלט איהר וועלען שותפות מאכען? — האט ער דאן נעפרעגט זיך וועגדענדיג צו גיטעלען.

— דארפט איהר נאך פרעגען, ר' שבתי? — האט זיא געענטפערט — איך זוך דאך נור איין ארענטליכען מענשען און דאס זייט איהר געווים לכל הדעות!.. א חוץ דעם....

זיא האט דעם זאטץ ניט געענדיגט, האט זיך מיט דיא פינגער א קלאפּ גע־טהאן איבער דיא ליפּען, וויא איינער וואס האט נאר ניט ווילענדיג ארויסגערעדט א פערבארגענעם געדאנקען און האט וויא פערשעהמט ארונטערגעלאזען דעם קאפּ.

שבתי טרייטעל האט דערפיהלט וויא א שטראם הייסע בלוט האט איהם פּלוצלונג א קלאפּ געטהאן אין הארצען. איהרע צוויי ווערטער „א חוץ דעם" און איהר פערשעהמען זיך, האבען איהם מיט איינמאל קלאר געמאכט, אז דיא שעהנע גיטעלע ליעבט איהם טאקי באמת, אז דער נס מן השמים איז טאקי געשעהן, און דאס האט איהם זיין קאפּ אזוי פערטשאדעט, דאס ער האט שוין מעהר ניט גע־טראכט, ניט געמאכט קיינע חשבונות און ער זיך תיכף ומיד ענטשלאסען צו דעם פארגעשלאגענעם עסק.

— און וויפיעל געלד דארף מען אריינטהאן אין דעם עסק? — האט ער גע־פרעגט און זיין שטימע האט פאר פריידיגער אויפרעגונג געציטערט.

— איך וויים? — האט שמעון קאפּאטע דיפּלאמאטיש געענטפערט — עס ווענדט זיך וויא גרויס מיר זאלען אונזער געשעפט טרייבען. לפי דעתי איז וואס גרעסער, איז אלץ בעסער.... דיא סברה איז מחייב, אז ווען מיר וועלען צוזאמען־קויפען א גרויסען סכום שוועמליך, וועט דער פערדיענסט אויך גרעסער זיין.... אדרבה, זאגט איהר, ר' שבתי, וויא איז גלייבער?

— איך ווייס נאר נישט, ר׳ שמעון! — האט זיך שבתי טרייטעל אפגע־רופען — איך ווייס נאר, אז איהר זייט איין עהרליכער מענש און דעריבער פער־לאָז איך מיך אויף אייך. איך וועל געבען געלד וויפיעל איהר וועט זאָגען!

— נו! — האט זיך גיטעלע אבגערופען — מיר זיינען שותפים!.... ווייזט אהער אייער לאפע, ר׳ שבתי!.... זאל זיין מיט מזל און מיט ברכה!

— און שפעטער דעם אמת׳ן מזל טוב! — האט שמעון מיט א שמייכעלע אויסגערופען!

— נעה שוין, נעה! — האט גיטעלע וויא פערשעהמט געענטפערט — דוא אלץ מיט דיינע לצנות׳לעך!.... אז דאס איז בעשערט פון גאָט, וועט דאס ווערן.... פון מיין זייט איז קיין מניעה נים!....

16טעם קאפיטעל.

„דור הולך ודור בא, נאר דיא נארען בלייבען אויף אייביג!"

„וזרח השמש ובא השמש, נאר דיא שווינדלער געהען קיין מאָל נים אונטער!"

אונגעפעהר אזעלכע געדאנקען האבען זיך אומגעדרעהט בייא אונזער שבתי טרייטלען אין קאָפּ, ווען ער איז אין א שעהנעם פריה־מאָרגען געוואָהר געוואָרען, אז שמעון קאפאָטע האט איהם מיאוס בעשווינדעלט, אז ער האט בייא איהם צר־גענומען זיין ביסעל מזומן על מנת שלא להחזיר.

נאך מעהר ענמת נפש און שברות הלב האט ער געהאט, ווען עס איז איהם קלאָר געוואָרען, אז דיא שעהנע גיטעלע איז א צווייטע אויפלאגע פון יענע דאב־רופקען, נאר א פערמעהרטע, א פערבעסערטע און מיט א סך מעהר תיקונים.

און ער איז שוין מיט א „גוטען עלטער" אזוי זיכער געווען! און ער האט שוין אין זיין הארצען געפיהלט דעם נחת רוח פון דעם נאָהענטען גליק!....

א ווייבעלע א יונגינקע, א שעהנינקע, א זיסינקע, איינע אין דער וועלט! און געלד — געלד וויא מעקענע, וויא שטרוי!......

וויפיעל נאך וועט עס דויערען א חודש, צוויא! אט פאהרט ער ארום, זיין צוקינפטיגער שוואגער, שמעון, אין דיא דערפער.... ער קויפט צוזאמען א הון רב שוועמלעך.... ער טראנספארטירט דיא סחורה נאך וויקנא .. .. ער שרייבט אז דיא מקחים פון שוועמלעך האלטען אין איין שטייגען....... מען וועט א כאפ טהאן כמה וכמה מאות.... אפשר גאר אלפים?.... ער וועט צוריק קומען מיט א גראבע מאטניא!.... אר־ארא! עס ליפט א סקרוך איבערן לייב!....

און דאן.... דאן שיקט מען קיילע מנוחה'ן דיא „צוועקף שורות" און מען קנאקט אפ א חופה מיט ניטעלען, מיט דער שעהנער און זיסער ניטעלען, אז דיא „מלאכים זאלען זיך פרייען!"....

און מיט איינמאל נאר פלוצלונג דער דונער פון קלארען הימעל!....

דער שרעקליכער בריעף פון וויקנא בזה הלשון:

„אהובי ידידי וכו' מוהר"ר שבתי טרייטעל נרו יאיר!

„ראשית בין איך אייך מודיע, אז איך בין בחיים ושלום. כה יתן ה' פון אייך דאס געמליבע צו הערן, אמן. שנית מעלד איך אייך, אז דיא מקחים פון שוועמלעך זיינען אראבגעפאלען עד שאול תחתיה. קיינער וויל עס אין האנד ניט נעהמען. איך האב געמוזט אונזער סחורה פערקויפען כמעט פאר גארנישט, ואחרי כל החשבונות האב איך לדאבון לבי געפונען, אז מיר זיינען בדיל הדל געווארען. פון דעם מותר וואס עס איז מיר איבערגעבליעבען, וועט מיר קוים שטייען אין דער אכסניא צו בעצאהלען און צו האבען אויף הוצאות הדרך צוריק צו קומען לק"ק קאפוויזשאק. וויא איהר זעהט, אהובי ידידי ר' שבתי טרייטעל, איז דאס א גזר דין מן השמים. אזוי איז דעם אויבערשטענס רצון און מיר מוזען דעם עונש מקבל באהבה זיין. ה' נתן וה' לקח. אבער היד ה' תקצר? ער קען אונזער שאדען מיט זיין גוטען ווילען אונז אבגעבען כפל כפלים. לכן ניט גע'דאגה'ט, אהובי ידידי ר' שבתי טרייטעל! זייט אלעס מקבל באהבה און פערליערט ניט דעם בטחון אויף דעם חסד פון הקדוש ברוך הוא. ער ער וועט אייך מיט זיין גנאד, אם ירצה השם, ממלא זיין.

„מנאי ידידך, דורש שלומך שמעון ב"ר זלמן סג"ל."

הוא האלהים!.... וויא קען דאס מעגליך זיין? האט זיך דען דיא וועלט אין צוויי טעג איבערגעקעהרט קאפויר? ערסט מיט צוויי טעג צוריק האט ער פון איהם בעקומען א בריעף, איז וועלבען ער האט איהם מודיע געווען, אז דיא מקחים פון דיא שוועמלעך „ברענען, שרפ'ען", אז ער זאל איהם צושיקען נאך געלד!....

און ער האט איהם אוועקגעשיקט נאך פיער הונדערט רובעל...... דיא לעצטע!......

ווי א פער׳סמ׳טער איז ער ארייננעלאָפען צו גיטעלען.

— האט איהר געהערט, גיטעלע? — האט ער כמעט וויינענדיג אויסגע־שריען — ווייסט איהר שוין פון דיא בייזע בשורה?

— איך האב היינט וועגען דעם פון מיין שמעון׳ען א בריעף בעקומען; עס איז א שטראָף פון גאָט! — האט זיא איהם געענטפערט מיט אזא מיענע, מיט וועלבע מען רעדט וועגען א הוהן, וואס איז פלוצלונג גע׳פגר׳ט.

— שטאַיטס?.... וויא קען דאס זיין?

— הע, הע, איהר זייט קיינמאָל קיין סוחר ניט געוועזען!...... געשעפט איז פונקט וויא א קאַרטענשפּיעל: אָט האט מען פיער טייז און אָט — שרגה!

— וואס פאר א משל גיט איהר מיר? גיטעלע! זאָלט איהר נחת האָבען, זאָלט איהר געזונד זיין! ערסט מיט צוויי טעג פריהער זיינען דאך דיא מקחים עולה למעלה געווען?!

— איך האב אייך שוין געזאָגט, אז איהר פערשטעהט גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט פון מסחור!.... פונקט וויא מקחים קענען שטייגען אזוי קענען זייא אויך פאַלען.... אָט זעהט איהר דאך אז עס איז טאַקי אזוי געווען!

— האט קיין פאראיבעל ניט, גיטעלע... איהר רעדט וועגען אונזער אונגליק עפּעס אזוי רוהיג און אזוי קאַלט, פונקט וויא די גאנצע זאך וואָלט אייך גאָרנישט אנגעהן!

— וואס־זשע ווילט איהר, ר׳ שבתי? איך זאָל מיך מיין קאָפּ צושלאָגען? איך זאָל מיר א דריטע אויג אויסווייגען?

— אבער איהר האט דאך אייער נדן פערלאָרען?!

— מיין נדן?.... נוא, וועל איך מיר זוכען א מאַנן, וואס וועט מיר נעהמען אָהן נדן!...... איך בין ב״ה ניט קיין קאַליקע. איך האב נישט קיין הויקער און קיין בעלימס אויף מיינע אויגען.... עס וועט זיך שוין געפינען א בעלן, אבי געזונד!

שבתי טרייטעל איז א פערציטערטער געוואָרען. וואס רעדט זיא עפּעס פון א שידוך מיט איין אנדער מאַן? זיא איז דאך שוין כמעט זיינע! זיא האט דאך מיט איהם דיא זאך אָבגערעדט אויף קלאָר! היתכן, אז זיא האט חרטה ווייל ער האט שוין קיין געלד ניט?...... ניין, דאס קען ניט זיין, זיא קען דאך גאָר ניט זיין אזוי פערדאָרבען!

— גאָט איז מיט אייך, שומר ישראל איז מיט אייך, גיטעלע, הארץ, קרוין! האט ער מיט א ציטערדיגען קול אויסגערופען! — וואס רעדט איהר מיר עפּעס

פון נדן, פון א מאַנן? ביי אונז איז דאָך שוין געקומען צו א גמר!..... האָב איך דען געקוקט אויף אייער נדן? אייער געלד איז מיר אפילו אין פיאטע ניט גע־לעגען!.... וואס איז אין גאַנצען געלד? הבל הבלים! איך וועל זאָגען, וויא אייער ברודער זאָגט: ה׳ נתן וה׳ לקח. גאָט האט געגעבען, גאָט האט צוריק צוגענומען און דער גוטער גאָט וועט ווייטער געבען!.... על אמונתי, איך האָב ניט געקוקט אויף אייער געלד, ווען איך האָב אבגעשטעלט דעם שידוך מיט אייך! איך האָב נאר געקוקט אויף דעם ק ר ן און דער קרן בלייבט קרן אָהן געלד אויך!...... נישקשה! עס וועט זיך אם ירצה השם איבערדרעהען! דיא צייט איז א רעדעלע, אָט דרעהט זיא זיך ארויף און אָט דרעהט זיא זיך אראָב..... איך האָב א בטחון צו גאָט, אז ער וועט אונז ניט פערלאָזען.... לאָם איך נאר פטור ווערן פון מיין צרה, פון מיין שלאק!.... איהר וועט זעהן, גיטעלע, איהר וועט ביי מיר זיין וויא א פויגעלע אין נעסט, עס וועט אייך ניט פעהלען אפילו פויגעלמילך!

— לאָזט ר׳ שבתי דיא פויגעלמילך פאר פויגעלעך, מיר זיינען מענשען און מיט פויגעלמילך קענען מיר ניט לעבען! — האט גיטעלע געענטפערט און איז פון איהר פלאַטץ וויא א צורייצטע אויפגעשטאַנען — וואס מיינט איהר, איך וועל מיר פערבינדען מיינע יאָהרען מיט איין אלטען און דערצו נאך איין ארעמען מאַנן? פאר וואס קומט דאס מיר אזא חלק? איך בין נאך יונג, איך וויל נאך לעבען!.. ווער קען דאס מיר צו׳פסק׳ענען, אז איך זאל קריכען מיט א געזונדען קאָפּ אין א קראַנקע בעטט אריין?

ביי שבתי טרייטלען איז פון דיא דאָזיגע ווערטער דאס בלוט פערגליווערט געוואָרען אין דיא אָדערן. עטליכע מינוט לאַנג האט ער דיא שפּראך ניט געפונען פאר שרעק.

— נמצא, אז איהר האט חרטה, גיטעלע! האט ער ענדליך אויסגערופען — נמצא, אז ווען איך האָב געהאט געלד, בין איך פאר אייך געווען א גוטער שידוך!...... נמצא, אז אייער אויסקוק איז נאר געווען מיין ביסעל מזומן!...... נמצא, אז איך אליין בין געווען נאר א תפל, דאס הייסט, א מין צוטשעפּעניש רחמנא לצלן!.... דער גוי איז טרפה, אבער זיין גראָשען איז כשר.... אוי גיטעלע, גיטעלע! איך האָב אייך געהאלטען פאר איין עהרליכע בת ישראל, איך האָב אייך גערעכענט פאר איינע פון דיא אמהות, און היינט זעה איך, צו מיין ווייטאָג, וואס פאר א טעות איך האָב געהאט?

— יאָ? איהר האט אייך שוין ארומגעזעהן, ר׳ שבתי?.... הא! הא!.... א נס איז אייך געשעהן!.... געהט און ווארפט אריין ח״י מאָל ח״י אין ר׳ מאיר

בעל הנס פושקע פאר דעם נס, וואס נאט האט מיט אייך געטהאָן !...... וואס וואָלט איהר געביך געטהאָן, ווען איהר וואלט אייך נאך דער חופה ארומגעזעהן וואס פאר א צרה איך בין ? זעהט איהר, ר' שבתי ? איהר זייט נאך חלילה נאָר ניט אזוי אונגליקליך ! איהר האט נאך זכות אבות.... הא ! הא !....

אין שבתי טרייטלען האט זיך פון דעם געלעכטער אויפגעהויבען א שטורם. זיין בלוט האט אין איהם געקאָכט וויא וואסער אין א קעסעל.

— און דוא האסט נאך דיא העזה פון מיר צו לאַכען, דוא.... דוא... דוא בת בליעל, דוא בת נעות המרדות ! — האט ער אויסגעשריען מיט שום אויף דיא ליפען — לאַכען זאָלסטו טויטערהייד, דוא פערשאָלטענע ארורה !...... נישקשה, עס לעבט א גאָט און ער וועט דיר צושיקען פון זיין זיעבענטען הימעל נאָר דיא מכות, צרות און פורעניות !.... נא, אָט האָסטו דיר !

וויא א רוח איז ער ארויסגעפלויגען פון הויז, האט דיא טהיר אזוי שטאַרק הינטער זיך צוגעוואָרפען, דאס דיא שויבען האבען געקלונגען.

אין דעם קלאַנג פון דיא שויבען האט ער געהערט ניטעלעס ברייטען גע־לעכטער און איהר שטימע ווען זיא האט איהם נאכגעזונגען:

„פאשאָל קאַזיאָל וו'אָגאָראָד,
איי ליולי, איי ליו־לי !
פליאשעט דיעווקא וו'חאָראָוואָד,
איי ליולי, איי ליו־לי !"

— הקול קול יעקב והידים ידי עשו — האט ער בייא זיך געטראכט און א שווערער זיפץ האט זיך בייא איהם ארויסגעריסען פון זיין צוזאַמענגעפרעסטער ברוסט — זינגען זינגט זיא אפילו זעהר פיין, ווען זיא וואלט נאָר ניט געווען אזא ליידאַצקע, אזא ימח שמו־ניצע !

באלד איז אָבער זיין קאָפּ פערנומען געוואָרען מיט גאַנץ אנדערע געדאַנקען. וואס טהוט מען איצט ? וואס וועט זיין ווייטער ? ער האָט געהאט דעם געפיהל פון א נשרף, וואס האט נאָר זיין הויכע הויט פון דיא פלאַמען ארויסגעראַטעוועט, און דיא ביטערע שאלה : „פון וואס וועל איך איצט לעבען ?" האט זיך איהם אוועקגעזעצט וויא א שווארצער צוועק אין זיין מוח.

ענדליך האט ער געפונען א תשובה אויף דיא אלע שאלות : „שנאָררען !" און דיא תשובה האט וויא דורך כישוף מיט איינמאל צוויי דריטעל פון זיינע זאָר־גען אוועקגענומען.

— „דיא אומנת פון קלייבען נדבות איז מיר, ברוך השם, געבליעבען" — האט ער זיך טרויסטענדיג געטראכט. — און דיא אחינו בני ישראל זיינען תמיד רחמנים בני רחמנים! אבער וואו שנאָררען? אין קאַפּוויזשאָק? אין דער פינסטע־רער לימא, וואו איין קבצן עסט אויף דעם צווייטען? נייז, דא קען מען גאַרנישט מאַכען!.. אבער דיא וועלט איז גענוג גרויס. איך וועל שוין געפונען נייע גבירים מיט גוטע הערצער; איך דארף נאַר אויסטראַכטען נייע סיבות! —

עס איז איהם איינגעפאלען, אז אין דייטשלאנד האט ער פון דיא גבירים קיין „מעשר" און קיין „תרומה" נאך נישט גענומען און ער האט זיך פעסט ענט־שלאָסען דיא דייטשע „יהודים" מיט דער דאָזינער „מצוה" מזכה צו זיין.

— און פון דאָרטען וועל איך צוריק פאָהרען נאך אמעריקא, — האט ער זיינע געדאנקען ווייטער געשפונען, — אז עס איז ניט בעשערט פון גאָט, זאל שוין זיין קיילע־מנוחה! —

ביי דעם געדאנק האט זיך אפילו זיין הארץ א טרייסעל געטהאן, אזוי וויא ער וואָלט זיך אָנגעריהרט אין א שרץ. דאברוסקעס און גיטעלעס געשטאַלטען האבען זיך איהם אוועקגעשטעלט פאר דיא אויגען און האבען איהם מבלבל געוועזן זיין מוח. אבער ער האט זיך צוזאמענגענומען וויא א העלד און האט מיט גרויס כעס אויסגעשריען:

— לילית וכל כת דילה חוצה! אוועק מיט דיא מכשפות! אין דרערד אריין מיט די פושע־ישראל'טעס! וואס האב איך פון זיי, אז זיי ווילען מיר נים, אז זיי ווילען נאָר מיין געלד? אמת, קיילע־מנוהה האט א צינגעל, אז גאָט זאל זיך מרחם ומשמר זיין. יעדע קללה, וואס זיא גיט מיר, וועגט א פוד, אָבער דיא זכיות פון א מאַן, האט זיא בייא מיר קיינמאל נים צוגענומען. זיא איז מיר געוועזן א ווייב אין אלע צייטען...... זיא פלעגט אָנשרייען, אָנשילטען, אבער א פאר גוטע ווערטער פלעגען איהר ווייך מאַכען וויא פוטער.

ער האט זיך פון דיזע געראַנקען דערפיהלט עפעס וויא שטארקער, וויא זי־כערער אויף זיינע פיס און האט זיין ארונטערגעזונקענעם קאָפ ווידער אויפגע־הויבען.

— ניש־קשה! — האט ער זיך אין באָרד אריינגעברומט — איך וועל מיך שוין וויא עס איז דורכשלאָגען... און אז שמעון קאַפּאָטע וועט צוריק קומען פון ווילנא, וועט ער מיר דאך געוויס מיט עטליכע צעהנדליגג רובעל מפצה זיין...... ער וועט דאך נישט פערגעסען, אז איך זאל אין גאנצען בדיל הדל ווערע'ן. ער איז אהן עין הרע, א איד א נגיד, וואס זנאַצען ביי איהם עטליכע צעהנדליג רובעל?

— גוט מאָרגען אייך, ר' שבתי־טרייטעל! — האט ער פלוצלינג דערהערט הינטער זיך, — וואס זאָגט איהר צו מענדיל קאראפאסקען? האט איהר געהערט א גליק?

ער האט זיך אפגעשטעלט און האט זיך ארומגעקוקט. שמשון דער חלפ'ער איז געשטאנען הינטער איהם.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר! — האט ער געענטפערט, — וואס איז מיט מענדלען?

— וואס זאָל מיט איהם זיין?.... עס געהט איהם, רעם ממזורק, פון טהיר און טהויער! אנוא, אדרבה טרעפט וויפיעל האט ער, דער גאנאמניק, פערדיענט פון שוועמלעך?

— ער האט פערדיענט?

— א הון רב! זאל ער דאס אוועקגעבען אויף דקטוירים, דער עוכר ישראל! היינט ביי נאכט איז נחמיה דער באָריסאָווער געקומען פון ווילנא און דערצייהלט, אז מענדעלע דער גנב האט א חאפ געטהאָן צוויי־און־צוואנציג הונדערט רובעל רווח פון שוועמלעך.... נחמיה האט אויך געמאכט עטליכע הונדערטער פרנסה און ער זאָגט, אז ער האט זיך נאך גענארט. דיא מקחים שטייגען פון טאָג צו טאָג.... און איך, נאר, האָב דעם עסק ניט געוואָלט! היינט נעה און זיי א נביא!

ביי שבתי טרייטלען האבען אנגעהויבען ארומצוגעהן רויטע און שווארצע רעדער ארום דיא אויגען.

— זעהט איהר, ר' שבתי טרייטעל, — האט שמשון דער חלפ'ער, וואס האט שבתי טרייטעלס צומישונג גאָר ניט בעמערקט, וויעדער אנגעהויבען, — איהר זייט שוין קליגער געוועזן פון מיר! איהר זייט איינגעגאנגען אויף דעם מסחור פון שוועמלעך און און איהר וועט, אם ירצה השם, ווערען א נגיד.......וואס אמת איז אמת: אייך פערגין איך עס פון גאנצען הארצען. אבער אייער שותף, שמעון קאפאטע, איהם פערגין איך עס ניט! פאר וואס קומט דאס איהם, דעם ממזורק, דורך פרעמדע געלד רייך צו ווער'ן?.. על אמונתי, איך וואלט מיט אזא עכברש קיין שותפות געמאכט, ווארום סוף כל סוף, אז עס וועט קומען צום חשבון, וועט ער אייערע א פאר מאות ארייגהאפען און געה שריי חי וקים. ער האט שוין אזא גנבהישע נאטור. דעם צווייטענס געלד איז ביי איהם הפקר פעטרישקע. איך זאג אייך, ר' שבתי טרייטעל, וויא א גוטער פריינד, איהר זאלט זיך פאר איהם היטען וויא פאר פייער. דאס איז א גנב, א ווייסעל פון אויג.

ביי שבתי טרייטלען האט אנגעהויבען צו טאַנצען אין קאפּ. ער האט שוין אנגעהויבען צו פערשטעהן, אבער ער האט נאך אלץ ניט געוואלט גלויבען.

— וואס זאָגט איהר, ר' שמעון ? — האט ער געפרעגט, — מענדיל קאַראַ־פאַסקע האט פערדיענט ?.. און דיא מקחים פון שוועמלעך שטיינען ?.. און איהר האט קיין טעות ניט ?

— צו מיינע שונאים'ס קעפּ ! — האט זיך שמשון אנגעבייזערט. — איך רייד מיט אייך אידיש ! אויב איהר ווילט מיר נישט גלויבען, טאָ זייט מוחל און געהט אריין צו מענדלען. איהר וועט דאס הערען פון זיין אייגענעם מויל !

צעהן מינוט שפּעטער איז שבתי טרייטעל פון מענדיל קאראפּאסקעס הויז וויא אַ האלבער בר־מינן ארויסגעקומען. דאָרטען איז איהם שמעון קאפּאָטעס נאָנ־צער שווינדעל קלאָר געוואָרען.

— איך קען אייך ניט זאָגען געגויא דעם סכום פון דעם רוח, ר' שבתי טרייטעל, — האט מענדיל קאראפּאסקע צו איהם געזאָגט, — נאָר על כל פּנים האט אייער שותף שמעון אַ צוועלף—דרייצעהן הונדערט רובעל פּרנסה געוויס געמוזט מאכען. וויא ? האט ער אייך דערפון גאר ניט געשריעבען ?

— ער האט מיר יאָ געשריעבען, אבער ער האט מיר געשריעבען, אז דיא מקחים זיינען ארונטערגעפאלען עד שאול תחתיה און מיר זיינען בדלות געוואָרען !

נאָ, נאָ, ער טרייבט לצנות ! איהר קענט דאך איהם, ר' שבתי טרייטיל ! ער האט ליעב אַ קאַטאָוויסעל. זייט רוהיג. ער וועט בודאי באַלד צוריק קומען פון ווילנא און וועט אייך בשמחה רבה אבגעבען אייער חלק.

דיא דאָזיגע ווערטער האבען שבתי טרייטלען אביסעל בערוהיגט.

— דעם רוח וואלט איך איהם שוין מוחל געווען, — האט ער זיך אין באָרד אריינגעברומט. אבי איך זאל מיין קרן צוריק בעקומען.

ויהי ערב ויהי בקר און נאך אמאל איז געווען ערב ובקר און שמעון קאפּאָטע איז ענדליך פון ווילנא געקומען צו פאהרען.

שבתי טרייטעל איז, נאַטירליך, זיין ערסטער „גאסט„ געווען.

ער האָט זיך צוזאמענגענומען מיט אלע זיינע כחות רוהיג און פריינדליך צו בלייבען און האט זיין שותף אַ ברייטען שלום עליכם דערלאנגט.

— עליכם שלום, ר' שבתי ! וויא ? איהר זייט שוין געוויס נאָכ'ן דאווענען ? נאָ, אויב אזוי קענען מיר דאך נעהמען אַ שנאַפּסעל ! גיטעלע, טראָג אריין דיא פלעשיל !

— יישר־כח, ר׳ שמעון! איך בין נאך ניכטער, און ניכטערערהייד, פער־שטעהט איהר מיך, איז ניט גוט צו טרינקען.... איך האָב בעסער געוואָלט.... מיט אייך.... עפּעס.... ריידען!

— אה! איהר ווילט וויסען, וויא אזוי דאס אונגליק איז געשעהן? וויא?... האָב איך דאס אייך ניט געשריעבען? אָבער וואס פשוט איז פשוט. אז עס איז בעשערט איין אונגליק, קען מען זיך פון איהם נישט בעהאלטען.... איך זאָג אייך ר׳ שבתי, אויף אזא מפּלה האב איך זיך אסור געריכט... איך ווייס גאר ניט, צו דאס האט מיין מזל, אָדער אייער מזל גורם געווען...... וואו האָט מען דאס גע־הערט, אז מען זאָל אָפּגעברענט, אָפּגע׳שרפ׳עט ווער׳ן ביז איין פרוטה?

— איך פערשטעה אייך נישט, ר׳ שמעון!... אָדער איהר טרייבט מיט מיר קאַטאָוועס... ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק איז מענדעל קאראפּאסקע צוריק געקומען פון ווילנא און האט מיטגעבראכט איין אוצר מיט געלד כולו רוח. פון זיין אייגענעם מויל האב איך געהערט, אז דיא מקחים פון שוועמלעך האלטען נאך איצט אויף איין שטייגען.

— הע, הע! הערסטו לייזער דיא גויה חראָפּעט! ווען איך וואָלט געהאט אזעלכע שוועמלעך וויא מענדעל קאראפּאסקע, אָדער וויא אנדערע האָבען געהאַט, וואָלטען מיר ביידע נתעשר געוואָרען!

— און וואסערע שוועמלעך האָט איהר געהאט?

— צו־ווערימטע, צופּוילטע, פארשימעלטע, אשפּה!

— און פאר וואס האט איהר געקויפט אזא סחורה בזויה?

— וואס פשוט איז פשוט, ווייל איך בין קיין מבין ניט!... איך האָב, הפנים ווען עס איז אין מיין לעבען געהאנדעלט מיט שוועמלעך?... נאַ, דאס איז געווען דער ערסטער און דער לעצטער מאָל... איך וועל מיך אָן שוועמלעך אפילו נישט אנריהרען, באַדייא מען זאָל מיר זיי אפילו אוועקשיינקען!

— הערט אויף מיט אייערע לצנות, ר׳ שמעון!

— לצנות?... הא! הא!.... וואָס זאָגסטו צו איהם, ניטעלע? מיר גיסט זיך בלוט פון דיא אויגען און ער מיינט, אז איך מאך שפּאס!.... אייך איז גוט געווען, ר׳ שבתי. איהר זייט זיך געזעסען גאנץ רוהיג אין דערהיים כמלך בגדוד, און פון מיר פלעגט יעדען טאָג אָפּפאלען צעהן פונט פלייש. עפּעס א קלייניגקייט ארומגעהן גאנצע טעג און נעבט זוכען א סוחר אויף דיא שוועמלעך, און קיינער האט דאס אין האנט ניט געוואָלט נעהמען! ביי אייך איז זיך גרינג, זעהר גרינג עטליכע הונדערט רובעל צו פארליערען; איהר קענט ווידער געהן נאך אמעריקא

איהר קענט ווידער רייך ווערען, אָבער וואס זאל איך און מיין גיטעלע טהאָן? מיר זיינען דאך געבליעבען, וויא מען זאגט, יאק פּאַלעץ!

— צו וואס טענה'עסט דוא אזוי פיעל, שמעון?—האט זיך גיטעלע ארייננע-מישט—דוא דארפסט זיך פאר איהם פארענטפערן? ער איז דאך פון דיא אידלעך וואס גלויבען דעם אנדערן נים דיא שיין!.... ער גלויבט דיר נים, טא וויא ער וויל זיך. זאל ער זיך פוטער ארייגטהאן!

שבתי טרייטעל האט געציטערט פאר כעס, אבער ער האט נאך אלץ כח געהאט זיך איינצוהאלטען. ער האט נאך געהאפט, אז מיט גוטען, וועט ער אפשר פון דער שרפה וואס עס איז ארויסראטעווען.

— וואס דארפען מיר זיך קריגען?—האט ער זיך אפגערופען—קענען מיר דען נישט בלייבען דיא בעסטע פריינד?.... אלעס, וואס איך וויל, איז נאר א חשבון! וויא זאגט מען עפעס, אז מען לעבט מיט חשבון, שטארבט מען מיט ודוי!

— וואסערע חשבונות, ר' שבתי, פארלאנגט איהר? דער חשבון ליעגט דאך אויבען-אויף אויפ'ן האנד! מיר האבען פארלארען אין גאנצען עד פרוטה אחת. מיר האבען נים ארויסגענומען אפילו מחוט ועד שרוך נעל. נו, זיינען מיר קווים! נים איך מאהן ביי אייך, נים איהר האט וואס ביי מיר צו מאהנען. איך וועל אייך זא-גען דעם אמת: על פי דין און על פי יושר, האט איהר מיר געדארפט אומקעהרען א העלפט הוצאות, נאר איך מאהן ביי אייך נישט. א דאנגה מיר, זאל מיינע אי-בערגעהן, נאט וועט מיר ממלא זיין!

שבתי טרייטעלס הארץ האט געקלאפּט צום צערשפּרינגען און אין זיינע פינגער האט ער געפיהלט א געפיהל, אזוי וויא מוראשקעס וואלטען אין זייא ארומלויפען. ער האט גרוים חשק געהאט ארייגצופאלען מיטביידע הענד אין שמעון קאפּאטעס באָרד און דאָרט אנמאכען א תל עולם, אבער א מין בת קול פון זיין הארצען האט איהם צוגערופען: „טשעפּע נים דעם שווארץ יאָהר, ער האט אויך הענד און דוא האָסט אויך א באָרד און פּאות. אז עס וועט קומען צו א געשלעג, שטעהסט דוא מעהר אין סכנה. דוא וועסט כאפּען א גרעסערן חלק, ווייל דוא ביסט עלטער און שוואַבער.

ער האט נעפאָלגט דעם בת קול און האט גאנץ רוהיג געפרעגט:

— און א דין תורה ווילט איהר מיט מיר האבען, ר' שמעון?

— אך, פאר וואס ניט? — האט שמעון קאפאטע נעענטפערט — פון א דין תורה זאג איך מיך קיין מאל ניט אפ. מיר זיינען דאך עפעס אידען!

— וועט איהר היינט מיט מיר ארייגעהן צום רב?

בכל עת ובכל שעה גלייך וויא דער בית דין שמש וועט מיך רופען!

און שבתי טרייטעל האט געוואונען בייא דער דין תורה! דער רב און דיא דיינים האבען גע'פסק'ענט, אז שמעון קאפאטע מוז — — — שווערען.

שבתי טרייטעל האט זיך פאר שמחה געפיהלט וויא אויף דעם זיעבענטען הימעל.

— אנו? לאם איך טאקי זעהן!.... ער וועט דאך ניט פאלש שווערען!... עפעס א קליינינקייט שווערען אין א מקום קדוש, ביי א ספר תורה, מיט שווארצע ליכט אין דיא הענד!.... ער וועט זיך דרעהען און דרעהען און וועט מיר „אפ-שטעקען" מיין געלד!

אבער שמעון קאפאטע האט זיך א האאר אויך ניט געדרעהט, ער האט דאס געלד ניט אבגעשטעקט און האט — — — געשווארען!

— אויך מיר א זאך שווערען! — האט ער ביי זיך געטראכט ארויפגעהענ-דיג אויף דער בימה און נעהמענדיג דיא ספר תורה אין זיינע ארעמס — וואס איז א אידישע שבועה? עפעס א מין פורים שפיעל! דער „כל נדרי" איז דאך מבטל אלע נדרים, שבועות און חרמות. איך האב ניט אזוי פיעל האאר אין מיין קאפ, וויפיעל מאל איך האב שוין אין מיין לעבען געשווארען!.... לעת עתה האט עס מיר ניט געשאדט.... הלואי ווייטער!

און ער האט געשווארען!

— געדיינק-זשע ממזר! — האט ער נאך דער שבועה צו שבתי טרייטלען געזאגט — איך האב געטאהן אזוי וויא דיא תורה הקדושה האט געבאטען, איך האב געשווארען!.... אבער מהיום והלאה זאל איך פון דיר א פארע ניט הערען! וועל איך פון דיר הערען איין שלעכטווארט, וועל איך דיר אויסזעטצען דיינע שינים!

אבער שבתי טרייטעל האט גאר ניט געדיינקט אין ווייטערע מחלוקות זיך אריינצולאזען. מיט דער „שבועה" איז דיא זאך פאר איהם אבגעטהאן געווען. ער האט יעצט גרעסערע און פיעל שווערערע דאגות געהאט.

— מיט וואס לאָזט מען זיך אבער אוועק אין דער וועלט צוזאממען צו קלייבען?

— צוזאמענקלייבען איז בדיעבד גאר ניט אזוי שווער, אבער מיט וואס ריהרט מען זיך פון אָרט? מיט הײלע הענד קען מען דאס ניט!

אָט דאס זיינען געווען דיא שאלות, וואס האבען איהם געמאטערט טאָג און נאכט.

ענדליך האט ער אוועקגעלייגט דיא חרפה אָהן א זייט (אזוי וויא ער האט דאס שוין הונדערט מאָל אין זיין לעבען געטהאָן), האט זיך געווענדעט צום קאפוי־זישאָקער רב און האט איהם פאר איהם אויסגעגאָסען זיין ביטערע הארץ.

— רבי, איהר מוזט מיר העלפען! ווען ניט, וועל פאלען אין גאס.

— וואס זאל איך פאר אייך טהאָן, ר׳ שבתי?

— איהר מוזט מיר פערשאפען הוצאות הדרך, רבי, אז איך זאל קענען פון דאנען אוועקפאָהרען!

— יאָ, דאס בין איך ביכולת, ר׳ שבתי, אבער בתנאי, אז איהר זאלט פאָהרען צו אייער ווייב און קינדער. עס איז כלעבען א חרפה.... איהר זייט שוין א בן שבעים און איהר מאכט נאך לייטישע געלעכטער גאר וויא א יונגער־מאנטשיק!

— הערט איהר? דאס וויל איך דאך טאקי!.... צו וועמען דען וויל איך פאָהרען, ווען ניט נאך אמעריקא צו מיין ווייב און קינדער?

— אבער פיעל קענען מיר ניט געבען, ר׳ שבתי! איהר ווייסט דאָך, אונזער קהילה איז אָרעם, און אונזערע נגידים.... נאַ, לאָם איך בעסער שוויינען!...... איך וויל ניט מוצא שם רע זיין.... און אייער ווייב׳ס נסיעה נאך אמעריקא האט אונז אויך געקאָסט!....

— קיין תרפ״ט אלפים פערלאנג איך חלילה ניט, רבי! איך מיין נאר, איך זאָל האָבען אויף הוצאות ביז איבערן גרענעץ.... און דאָרטען.... הע הע!.. אין דייטשלאנד לעבט אויך דערזעלביגער רבונו של עולם!...... ער וועט מיר שוין אויסהעלפען!

— איהר וועט אריינקומען אין עטליכע טעג ארום צו מיר, ר׳ שבתי!...... איך וועל דערוויילע וואס עס איז צוזאמענקלויבען.

— געזונד זאָלט איהר זיין, רבי׳נקע! אבער נאך איינס!.... איהר וועט מיר מיטגעבען א שטיקעל כתב!.... א יאָ איהר וועט געבען?

— וואס פאר א כתב ווילט איהר?

— פערשטעהט איהר מיך, געזונד זאָלט איהר זיין, רבי !.... דיא דייטשע יהודים זיינען ניט אונזערע אידען, זיי זיינען אביסעל געכאפט אין דער מעשה...... איהר פערשטעהט דאך וואס איך מיין ?.... אונזערע אידען ווייסען, אז כל הפושט יד נותנים לו, אבער דיא דייטשוקעס ווייסען מאי דקאמרי רביצען. אז איך וועל זייא אבער ווייזען א כתב פון אזא גרויסען גאון ווי איהר זייט, וועלען זייא פאר שרפ'עט ווערן און וועלען געבען !

שבתי טרייטעלס חניפה האט אויף דעם קליינשטעטלדיגען רבי'ל געווירקט וויא ריצינאייל אויף א נעצר. און ווען ער איז אין אכט טאג ארום צו איהם אריינגעקומען, האט ער איהם דערלאנגט א פינף-און-צוואנציגער במזומנים און א כתב.

דער „כתב" איז אנגעטאפטשעט געווען מיט שירים ותשבחות אויף שבתי טרייטעלס מעלות, מעהר וויא אויף אלע מצבות פון פראגער בית עולם צוזאמען.

....

און האטש דיא „דייטשוקעס", וויא דר. רילף און מעמעל, דר. באמבערגער אין קעניגסבערג און דר. הילדעסהיימער אין בערלין, זיינען, על פי נס, ניט „פאר־שרפ'עט" געווארען פון דעם „כתב" און האבען זיך גאר ניט דערשראקען פאר דעם קאפויזישאקער „גאון" מיט זיינע שרעקליכע שבחים, מיט וועלכע ער האט שבתי טרייטלען אויסגעצוקערט פון אלע זייטען — פון דעסטוועגען האבען זיי פאר איהם משתדל געווען אין זייערע קהילות, אז ער זאל קריגען עסען און טרינקען ביי דיא רייכע אידען און א פעטע נדבה אויף דערצו.

— מיר שרעקען זיך דורכאויס ניט פאר אייער „גאון", ר' שבתי; מיר שרע־קען זיך איבערהויבט ניט פאר אזעלכע צוויי־פיסיגע חיות, — האבען דיא דאקטא־רען בפה אחד צו איהם געזאגט, — נאך מעהר, זיין נאמען און דיא הייליגע ספרים וואס ער האט, וויא איהר זאגט, מחבר געווען איבער דעם ענין פון „מציצה", זיינען אונז אונבעקאנט, — אבער מיר וועלען אייך דאך העלפען, ווייל מיר בעטראכטען דיא ליטווישע שנארער פאר א מין מכת־מדינה, פאר א מין פלאג, מיט וועלכער גאט האט אונזער ארעמע דייטשלאנד געשטראפט, און ווייל מיר ווילען פון אזעלכע סוביעקטען, אדער בעסער צו זאגען פאראזיטען, וואס גיבער לויז ווערען, כדי מיר אלען נישט ווערען למשל ולשנינה בפי העמים !

שבתי טרייטעל איז חלילה נישט רויט געווארען פון אזא דורכזיכטיגען אנצער הערעניש און זיין שטאלץ האט דערביי אויך ניט געליטען.

זיין שטאָלץ איז שוין לאַנג בעגראבען געוועזען. מיט דיא ערסטע נדבה, וואס ער האט צום ערסטען מאל בעקומען, האט ער אויף זיין כבוד דעם לעצטען הריפען ערד ארויפגעלייגט.

און וויא א היישעריק האט ער זיך א לאָז געטהאן איבער דיא פעטע און פרוכטבארע פעלדער (קהילות, געמיינדען בלע״ז) פון דייטשלאנד און האט מאסף ממון געווען.

קיין שלאָס און קיין ריגעל איז פאר איהם צו שטארק געוועזען; קיין דיענער מיט גאָלדענע קנעפלעך, אדער אהן גאָלדענע קנעפלעך, האט איהם צוריקגעשראָ־קען; דער דייטשער „דאָננערוועטטער" איז פון איהם אבגעשפרונגען וויא א בלייענע קויל פון איין אייזערנעם פאַנצער און דיא שטראפונקעס מיט א „שוטצמאַנן" האָ־בען אויף איהם אויך נישט געווירקט.

— עט! דאס זיינען נאר פוסטע שטראשונקעס. כלבים זיינען זיי טאקי גאַנץ גרויסע, דיא דייטשוקעס, אבער ניט קיין מוסרים! אין גוי׳עשקע הענד וועלען זיי א אידען בשום אופן נישט איבערגעבען!

און מיט דעם פעסטען בטחון אויף דיא „דייטשוקעס" האט ער זיך געוואוסט צו פערשאפען איין ארייננאנג אין יעדען הויז און אזוי לאַנג דעם „דייטש" צו בעד לאַנערן, ביז יענער האט קאַפּיטולורט און האט זיין פרייהייט מיט א פאר מארק געקויפט.

— וואס בייזערט איהר אייך, הער נימפעלסאָהן? — פלעגט ער ענטפערן,— מיינט ניט אז איך בין פון יענע פאסקודנע שנארער, וואס קלייבען פאר זיך אליין. איך קלייב פאר דיא אונגליקליכע שבויים, וואס זיטצען ביי מיר אין שטעדטיל איבער איין עלילת דם.... צעהן אידען, עהרליכע יודען, זאל איך אזוי צעהן יאהר לעבען אין נחת און אין גדולה!.. דיא וועלט איז מיט זיי אויף!.. זיי שטעהן, נעביך, אין גרויס סכנה. ניט נאר זיי אליין, דער גאנצער כלל ישראל שטעהט אין סכנה. ניט איך אליין קלייב פאר זיי נדבות; עס זיינען ארויסגעשיקט געווארען ביז צוואנציג אידען, דורכאוים יראים ושלמים, עפעס וואס אויפצוקלייבען.... אלע גי־בען בשמחה רבה. פאר וואס זאלט איהר זיך פורש זיין מן הצבור, הערר נימפעל־סאָהן? איז דען ביי אייך דיא מצוה פון „פדיון שבוים" אזוי קליין, אדער זייט איהר חלילה, קיין איד נישט?

— אבער צום דאָננערוועטטער נאך איינמאל! — האט יענער געדונערט.— פון דיעזען „עלילת דם" האב׳ איך נירגענדס געלעזען. איך האבע פון דיעזען קוואטש אין קיינער צייטונג קיינען שפור געפונדען!

— געזונד זאָלט איהר מיר זיין, הערר גימפּעלסאָהן! איהר זאָלט דאס זאָגען! איהר זייט דאָך אזא חכם! ווייסט איהר דען ניט, אז ביי אונז אין רוססלאנד איז דאָ א צענזאָר, וואס לאזט קיין נייעס נישט דורך? שאַ! אָט האט איהר א ראיה: ווייסט איהר עפּעס פון דער קאָדאָנער שריפה? די גאנצע שטאָדט איז אוועק מיט פייער, מיט שולען, מיט בתי מדרשים, מיט די יאַטקעס, מיט'ן הקדש מיט דעם מרחץ...... זעקס הונדערט אידישע פאמיליעס וואַלגערן זיך אין גאס און מען קלייבט איצט פאר זיי נדבות אומעטום..... דער צענזאָר, דער רשע, האט דאס אויך ניט געלאזט דרוקען און דערפאר ווייס מען דאס ביי אייך ניט!..... אָבער ווייסט איהר וואס, הערר גימפּעלסאָהן? איך וועל מיט אייך מאכען אפשרה: אויב איהר ווילט ניט גיבען פאר די צעהן אידען, וואס זיצען איבער דעם עליכת דם, טאָ גיט מיר עפּעס פאר די קיידאַנער נשרפים!

— שאָן גוט! שאָן גוט! גענוג פלאַפּפּלען!.. היער האבען זיא צעהן מארק און מאכען זיא, דאס זיא זאָלען פאָרטקאָממען! פערברויכען זיא נור ניכט מיין געלד אויף שווייגבראַטען, אדער דייטשען קנאלל-וואורסט!

איין אנדערן פלעגט ער גאָר אזוי ענטפערן:

— צו מיינע שונאים'ס קעפּ!.... פון וואַנען איז עס גערדרונגען, אז איך בין א שנאָרער? אז מען געהט זיין חבר ארויספיהרען אויף דעם דרך הישר און איהם פארזאָרגען מיט א שטיק עולם הבא, הייסט דאס בייא אייך א שנאָרער? די מצוה פון מעשר און תרומה איז בטל געוואָרען נאָך דעם חורבן בית שני. נאָר איצט האבען דאס אונזערע רוסישע גאונים ווידער מתקן געווען, כדי מיט דעם געלד ארץ ישראל ביי דעם טערק אבצוקויפען. כמה וכמה שלוחים פאהרען ארום די דייטשע יהודים צו דער מצוה פון מעשר און תרומה מעורר צו זיין און אויף מיין גורל איז אייער שטאָדט אויסגעפאלען, לכן זעהט איהר מיך בייא אייך, און איהר זאָלט זיכער זיין, הערר יאפּפע, אז באם איהר וועט מיר עפּעס געבען, קויפט איהר אייך דערמיט א שטיק עולם הבא!

— עולם הזה וועהרע מיר שאָן ליעבער!... אבער, היער, האבען זיע צוואנציג מארק אונד פערדופּטען זיע!

מיט אזעלכע קונצען און מיט אזעלכע דריידלעך האט שבתי טרייטעל ארומגעקרייזט כמעט גאנץ דייטשלאנד און אין פופציג מאל פון הונדערט האט ער אויסגענארט א קלענערע אדער א גרעסערע נדבה פון די דייטשוקעס, ביז זיין בייטעל איז שטארק געשוואָלען געוואָרען.

— נא! איצט וועל איך שוין זיין א גוטער גאסט בייא מיין קיילע מנוחה'ן! האט ער צו זיך געזאגט און האט זיך געקויפט א בילעט פון האמבורג נאך ניויארק.

דיא פאעטישע מוזע קיצעלט מיך אין דיא פאדעשוועס און מיר ווילט זיך ריידען אביסעל מליצה.

מה רעש? פאר וואס זאל איך מיר מיין ווילען ניט נאכגעבען? ערשטענס, בין איך א פרייער בירגער אין דער פרייער אמעריקא און יעדער אמעריקאנער בירגער האט א רעכט צו אלעס אין דער וועלט, אפילו א פאעט אויך צו זיין, און צווייטענס איז דאס א בעוואוסטער פאקט, אז מיום שגלינו מארצינו, זינט מיר זה בען עמיגרירט פון רוסלאנד, פון פוילען, פון גאליציען און פון רומעניען, נטלה רוח השיר ממשוררים ונתנה לבדחנים, לחייטים ולתופרי מנעלים, איז דיא פאעטישע מוזע נסתלק געווארען פון דיא געבארענע פאעטען און זיא רוהט איצט, וויא דיא שכינה, אויף דיא בדחנים, שניידער, שוסטער און גלאט אזוי אונוויסענדע בורים.

אז איך בין ערגער פון א בדחן, פון א שניידער, פון א שוסטער, אדער פון גלאט אזוי א פאער, וועט אפילו מיין גרעסטער שונא ניט וואגען צו זאגען.

נמצא, אז דיא מוזע מעג מ י ך קיטצלען און א י ך מעג זיא אויך קיטצלען אין דיא פיאטעס.

אלוא, הית זיך, מיינע לעזער, איך הויב אן!

שם במרומי שחקים, דארטען אויף דעם שפיטץ פון די „ווארלד'ס בילדינג" שטעהט דער אמעריקאנ'ישער גניוס, אנקעל סעם, זיינע וויים-רויטה-בלא נע־שטרייפטע פלודערן פלאטטערן אין דעם מארגען ווינד און צוזאממען מיט זיינע פלודערן פלאטטערט אויך זיין ציגנע בערדיל. מיט נאססע אויגען קוקט ער פון זיין הויכען אבסערוואטאריום ארונטער אויף דיא אמעריקאנישע מעטראפאליע נ י ו י א ר ק. ער שאקעלט מיט זיין אלטען, גרייז-גראען קאפ. א שווערער זיפץ רייסט זיך ארויס פון זיין פערקימערטע ברוסט און וויא א פערצווייפעלטער רופט ער אוים:

איכה היתה לזונה קריה נאמנה! וועה, וואס עס איז פון דיר געווארען, מיין טהייערע שטאדט ניויארק! כי מספר אבניך היה מספר שנאררייך, דו האסט ניט אזוי פיעל ציעגעל אין דיינע הויכע מויערן, וויפיעל שנארער עס בעוועגען זיך אין

דיינע נאסען! פון האָבאָקען ביז יאָנקערס און פון בראָנזוויל ביז היי-ברידזש, שוויי-בעלט און גריבעלט אין דיר פון שנאָרער!

ר ב נ י ם שנאָרען מיט הכשרים אויף היהגערשע אייער, אויף לאָקשענ-ברעטער, אויף בינעל-אייזענס און אויף זאָקען-בענדלעך, און מאכען געלד.

פ אָ ע ט ע ן פאָהרען ארום אין דער קאָנטרי מיט ביכלעך פון אָבגעדראָ-שענע שטרוי און פון אויסגעבלאָזענע אייער, און מאכען געלד:

צ י י ט ו נ ג - ה ע ר ו י ס ג ע ב ע ר מאכען פון פאפיער שמאטעס, דרוקען לאַנגע ארטיקולען איבער א סקריפּ פון א טהיר, און זיינען מאסף ממון.

ר אָ מ אַ נ י ס ט ע ן פיהרען צוזאמען א וואנד מיט א לאָקשענברעט, א בת מלכה מיט א שטויסעל, א ירושלמי מיט באצילען פון א סוהאָטניק, און פיללען אָן זייערע קעשענעס.

א י ב ע ר ז ע צ ע ר פיהרען איבער דעם גראף לעאָ טאָלסטאָי, עמיל זאָלא'ן, אלפאָנס דאָדע'ן און בערטהאָלד אויערבאכען פון זייער היילינגן מזוזענטעמפעל אין א שמוטציגען הקדש, און מאכען דעם גראָשען.

ד ר אַ מ אַ ט ו ר ג ע ן, וואס קאָמפּאָניערען צוזאממען עפעלקוואס מיט א אידישען פרינץ פון שכם, שנאָרען אין דיא טהעאטערע מיט זייערע פיעסען און שנאָרען צוזאמען א היבש ביסעל קליינגעלד.

אַ ק ט י אָ ר ע ן שנאָרען ארום מיט דיא דאָזיגע פיעסען פון עפעלקוואס מיט א אידישען פרינץ פון שכם, דיא בלוטיגע דאָללארלעך פון דעם נאררישען פובליקום

דער גייסט פון ש נ אָ ר ע ר י ז מ ו ס האט איינגעדרונגען בחורין ובסדקין פון מיין גרויסע מעטראָפּאָליע ניויארק. וואו א שפּאַלט און וואו א לאָך דאָרט זעהט מען א שנאָרער. דיא מייז האבען זיך שוין איבער זיי ניט וואו אהינצוטהאָן, ולפי הנשמע, ווילען דיא ארויסגעטריבענע מייז ארייננשיקען א פּראָטעסט אין דעם אמעריקאָנישען פּארלאמענט.

אָט נעהט ארום א קליינצינקער, א דארינקער, איין אויסגעוויקטער, מערי-דאַלנער „תלמיד חכם" מיט א ספר'ל וואס ער האט אנגעשריעבען (נאטירליך פון רוח הקודש) וועגען „הלכות מיקה". ער מיינט, אז דער תשב"ץ און דער רמ"א זיינען היינד נענען איהם און דער „חיי אדם" דארף בייא איהם הייצען דיא פעטשערע — אָבער ער מאכט דיא אפּותיקא!

אָט טראָגט זיך ארום מיט א זשארנאָנישען ביכעל א הויכער, א דיקער, איין אויסגעפּאַשעטער „דזשענטעלמאַן" מיט א הדרת פנים און מיט א בערדיל א-לאָ-

כוקין־סין. ער האָט (אזוי זאָגט ער) מקנא געווען קנאת ה׳ צבאות און האט אָנ־געריבען א מאָרדע אלע נויאָרקער מיסיאָנערן און אנטיסעמיטען. ער איז איין עקס־פערט (אזוי זאָגט ער ווידער!) אין דיא געריכטס־הייזער אין דיא ענינים פון רע־ליגיאָן און האט שוין (דאס זאָגט ער אויך, און אז ער זאָגט, איז געזאָגט!) כמה וכמה מאָל מציל געווען פון סיביר. וואו זעהט מען איהם ניט, אָט דעם דאָזיגען „מליץ יושר״ מול מגיד פשע? אין אלע לאָדזשען, חברות און סאָסייעטעס, אין אלע קיטשענס פון דיא דייטשע יהודים אפטאון און אין אלע קליינע קאָונטריס ארום ניויאָרק. ער איז א שנאָרער הכולל און רייסט געלד פון לעבעדינע און פון טוידטע!

און אָט.... אבער גענוג! (דא האט מיר דיא פּאָעטישע מוזע אויפגעהערט צו קיצלען!) מי מנה עפר יעקב? ווער קען דאס איבערצייהלען אלע שנאָרער (האט נאָר קיין טעות ניט, איך מיין דיא אידישע שנאָרער!) פון נויאָרק? אמת, זיי זיינען איינציג אין זייער מין, אמת, זיי זיינען גרויסע קינסטלער אין זייער פאך, ועל כולם גרייכען זיי נאך ניט אפילו צו דיא קנעכלאך פון אונזער שבתי טרייטלען!

אין דעם אידישען שנאָרעריזמוס האט ער געכאפט דעם ערסטען פרייז און דעריבער קרוינען מיר איהם צום אידישען שנאָרער!

כי לו נאה כי לו יאה!

אדיר במלוכה, תקיף בהלכה, ער איז שטארק אין זיין קעניגרייך און איז זעהר מעכטיג אין זיין פּראָפעסיאָן. זינט ער איז צוריק אָנגעקומען אין נויאָרק, איז ער שוין דורכגעגאנגען, וויא דער רוסס זאָגט: „פייער און וואססער און קופּערנע קוימענס. ער האט געשנאָרעט אויף אלע אופנים און אונטער אלערליי מאסקעס און יעדען מאָל מיט א גוטען פּראָפיט.

זיין ווייב קיילע מנוחה׳ן האט ער געפונען שטעהענדיג אין העסטער סטריט מיט א קליינעם סטענד פון קאַרטאָפעל, בוריקעס, רעטיך, און שאר ירקות.

אזוי וויא זיא איז געווען א גרויסע אשת חיל, איז אמעריקא פאר איהר געווען אזוי וויא צוגעשניטען און וויא געמאכט צו אָרדער.

מיט דיא צעהן דאלער, וועלכע זיא האט בעקומען פון דער אבטער סטריט אלס קבצנישען נדן, האט זיא זיך גלייך א וואָרף געטהאָן אין דעם עולם המסחור און האט זיך אין איהם געפיהלט וויא א פיש אין וואסער.

נאטירליך, זיינען איהרע קארטאָפעל, איהרע רעטיך און איהרע בוריקעס תמיד דיא בעסטע און אָקאָרשט פון גאָרטען געווען, און וועה איז געווען יענעם קונה, וואס האט נאָר מיט א מינע זיין ספק אויסגעדריקט!

— שנאָרערקע, קבצנ׳טע, קצבה׳ניצע! — פלעגט זיא שרייען אויף דער העכסטער אקטאַווע — וואס ווייסטו, וואס גוט איז? וויא קומט א חזיר צו לאָקשען? געה ווייטער, זאָלסט געהן אויף קולעס, וועסטו קריגען ווערימדיגע צו־פוילטע, אָבער דערפאר מיט א סענט ביליגער! איך וועל דיר ניט פארקויפען מיין סחורה, ווען מען זאָל מיך אפילו מטהר זיין!

איהר געשעפט האט זיך פערבעסערט פון טאג צו טאָג און א האלב יאהר ארום איז זיא געשטאנען אין פערבינדונג מיט דער סטייט־באַנק.

דיא קינדער האבען אויך עטוואס פערדיענט. דינה׳לע, דיא עלטערע טאָכטער האט „געפינישט" אין א שאָפ און שפּעטער איז זיא געוואָרען א כאָריסטקע אין אידישען טהעאטער. פון דעם שידוך וואס זיא האט אמאָל געטהאָן געגען דעם רצון פון איהר טאטען, האט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען.

פון יענעם שידוך איז איהר נאָר איבערגעבליעבען א ז כ ר, אָדער א ז כ ר....

דיא אנדערע קינדער האבען געפעדעלט מיט צייטונגען, מיט צוקערווארג, מיט שיכבענדלעך און האבען אויך עפּעס פערדיענט.

דעם שלום־בית צוריק אויפצוריכטען אויף זיין אלטען פלאַטץ, איז שבתי טרייטעלען ניט שווער געוועןי. נאכדעם וויא קייליע מנוחה האט איהם מיט גרויס קונסט אנגאטאָמירט, דאס הייסט: יעדען אבר זיינעם און יעדען ביינדעלע בעזונדער אויסגעשאָלטען מיט א האלבען מיליאָן קללות, האט זיא ארויסגעוויזען א גרויסע נייגונג צום שלום.

און אלס שבתי טרייטעל האט איהר געלאָזט א קוק טהאָן אויף זיינע אוצרות, וואס ער האט מיטגעבראַכט פון יוראָפּ, איז דער שלום אין גאנצען גע־לאָסען געוואָרען.

— אבער מעהר וויל איך ניט האָרעווען, שבתי טרייטעל! — האט זיא צו איהם געזאָגט — איך האב מיך דאָרטען אין יוראָפּ גענוג אנגעדארט און אנגע־קווארט, און דאָ, אין דיין אַמעריקא, האב איך מיך אויך גענוג אנגעהאָרעוועט, גענוג! לאָמיר שוין ווערין שטיקלעך מענשען. לייט מאַכען געשעפטען און לעבען בכבוד, פאר וואס קענען מיר דאס ניט?.... מיר געפעהלט עפּעס א מין שטוב פּרנסה. אדרבה, געפין עס אוים! דיא גאָס פּרנסות קריכען מיר שוין פון האלז!.. עפּעס א קלייניגקייט רייסען דיא האלז א גאנצען טאָג מיט ווייבער! מהיכא־תיתא, איך וועל ניט זיין קיין פריצ׳טע. אז דוא וועסט מאַכען א שטוב פּרנסה, וועל איך דיר געוויס צוהעלפען!

און שבתי טרייטעלס ערפינדערישער זינן האט וועגען דעם לאנג ניט גע־דארפט טראכטען!

איינער א קצב, וואס פערקויפט פלייש מיט א הכשר פון דיא ניויארקער רבנים, האט איהם בעקאנט געמאכט מיט א קלערק, וואס דיענט אין דיא קריסט־ליכע שלאכט־הייזער, און דער דאזיגער קלערק האט איהם מבטיח געווען, איהם צו פערקויפען דיא שיריים פון שלאכטהויז בחצי חנם.

גלייך וויא ער האט דאס דערהערט, האט ער זיך ענטשלאסען אויפצועפענען א רעסטאראן „כשר למהדרים".

און זיין געשעפט בליהט וויא דיא בלומען אין שרון! ווער עס האט נאר מורא פאר גאט, ווער עס וויל זיך נאר אויסהיילען פון א כראנישען מאגען־קאטאר און ווער עס וויל נור עסען „כשר" — דער לאזט זיך סערווירען זיינע מאהלצייטען אין שבתי טרייטעלס רעסטאראן.

קיילע מנוחה האלט ווארט. זיא העלפט איהם אין געשעפט. זיא קאכט, זיא בראט, זיא מאכט פון דיא כשרה פלייש אזעלכע משונה'דיגע מאכלים, דאס דיא מהדרים אויף כשרות קענען זיך גאר ניט אבלויבען. זעהר אפט ברעכען זייא אפילו ארויס דיא מעדני מלכים, אבער זייא זיינען צופריעדען, אבי זייא האבען גע־געסען כשר!....

און שבתי טרייטעל געהט ארום איבערן שטאדט, רעקלאמירט מיט פייער־דיגע ווערטער זיין רעסטאראן און ווערבעווט קונדען.

פון צייט צו צייט, על פי רוב פארנאכט, ווען דער ניויארקער יצר הרע הייבט אן אויסצושפרייטען זיינע נעטצען פאר דיא שוואכע נאטורען, כאפט ער זיך אריין אין עלכען סטריט, אין א דונקעלע הייזקע און ווערט דארטען פארפאלען אויף א היבשע צייט....

אט דיא דאזיגע דונקעלע הייזקע איז דאברוסקעס רעזידענץ!

אבער דער וואס דענקט עטוואס שלעכטעס פון איהם האט א טעות גמור. מיט פרעמדע לייט האט זיא לחלוטין נישט צו טהאן. זיא שטעהט נאר אויפ'ן גאניק פון איהר הויז און לאדעט איין נאר בעקאנטע.

מה רעש? מען לעבט דאך דא אין ניויארק אזוי עלענד!

זיא האט זיך מיט איהם איינמאל בעגעגענט און האט איהם עפעס ארייננעשושקעט אין אויער...... פון דאמאלסט אן האט ער מיט איהר שלום געשלאסען....

און פון דאמאָלס אָן איז שבתי טרייטעלס שלום בית ווידער געשטערט גע־וואָרען. קיילע מנוחה איז פון דיא דאָזיגע פארנאכטיגע בעזוכען געוואָהר געוואָרען און קעהרט איבער דיא וועלט.

— פאסקודניק! טרפה'נע ביין! בעז'חרפה'ניק! וויא שעהמסטו זיך דאס גאָר ניט? וואס ביזטו? א איינגעלע? דער מלאך המות זיצט דאך שוין בייא דיר אויפ'ן נאקען! — שרייט זיא און ווארפט ארום איהרע אויסגעמאגערטע הענד וויא דיא פליגלען פון א ווינט־מיהל —

און דאן — א מבול מיט קללות!

אין שילטען איז קיילע מנוחה דיא גרעסטע ספעציאליסטען. זיא דארף זיך גאָר ניט מאטערן און ניט קלערן. דיא קללות לויפען פון איהר מויל אזוי לייכט און אזוי לעבעדיג, פונקט וויא דאס וואסער פון דעם שטיין, נאכדעם וויא משה רבינו האט איהם א קלאפ געטהאן מיט'ן שטערען.

איינער, א נויארקער לץ, האט אויסגעפונען, אז קיילע מנוחה שיקט שבתי טריילען יעדע וואך מיט אנדערע קללות, דאס הייסט, נאך דער סדרה פון דער וואך, כלומר:

ב ר א ש י ת — פריהער פאר אלץ זאָלסטו א כפרה ווערן פאר דעם גאנצען כלל ישראל!

נ ח — צרות און פורעניות זאלען דיך פערפלייצען פונקט וויא דער מבול אין נח'ס צייטען!

ל ך ל ך — געהן זאָלסטו אויף קולעס!

ו י ר א — זאלסט שוין דערזעהן דעם מלאך המות!

ח י י ש ר ה — אונזער מוטער ש ר ה זאָל זיך דאַ־טען פאר מיר מיהען, אז איך זאל פון דיר אין גיכען פטור ווערן!

ת ו ל ד ו ת — א שטיין און א ביין זאָל פון דיר געבארען ווערן!

ו י צ א — דוא זאָלסט געהן פון אין דאָקטאר צום צווייטען און קיינער פון זיי זאָל דיר ניט העלפען!

ו י ש ל ח — עס זאל אויף דיר אנגע'שיקט ווערן אלע פלאָג פון מצרים!

ו י ש ב — זיצען זאָלסטו אין געהאקטע וואונדען!

מ ק ץ — א סוף זאָל זיין פון דיין דוך און חוך!

ו י ג ש — דער מלאך דומה זאל דיר שוין צוטרעטען במהרה בימינו אמן!

ו י ח י — הונדערט יאָהר זאָלסטו לעבען אָהן א קאָפ!

ש מ ו ת — דיין טרפה'ר נאמען זאל אויסגעמעקט ווערן מספר החיים!

וארא — איך זאָל שוין דערלעבען צו זעהן דיין קבר!
בא — זאָלסט ניט וויסען וואו דוא ווערסט אהינקומען!
בשלח — מען זאָל דיך אבשיקען מיט איין אמבולאנס אין האספיטאל!
יתרו — גנב, גזלן, רוצח, כל־בו׳ניק, ימח־שמו׳ניק, קליפה, באַלעריע; אט האסטו דיר זיעבען נעמען וויא יתרו!
משפטים — אלע נויארקער לאָיערס זאלען דיר פיהרען דיינע משפטים; דאמאָלס וועסטו זיך זעהן מיט נחת!
תרומה — דוא זאלסט געבען תרומה דעם דענטיסט פון דיינע צייהן, אלע וואך צוויי שטיק!
תצוה — איך זאל שוין דערלעבען דיא מינוט, ווען דוא ווערסט מאכען דיין צוואה.
כי תשא — א מיתה און א כי תשא זאל אויף דיר קומען!
ויקהל — אלע מיני חולאת זאלען זיך צוזאמענקלייבען אויף דיין גוף!
פקודי — און דוא זאָלסט זיי ניט קענען איבעצייהלען!
ויקרא — דער ניט־גוטער זאל דיך רופען צו זיך!
צו — מעהר וויא דיין דלות זאָלסטו ניט האבען וואס אבצוזאָגען פאר דיי מיתה!
שמיני — אכט געשווירען דיר אין הארצען!
תזריע — וואס דוא ווערסט זייען, זאָל ניט וואקסען!
מצורע — פארבעס און קרעטץ זאלען זיך זעצען אויף דיין לייב!
אחרי מות — נאך דיין טויט זאָלסטו מגולגל ווערן אין א הונד!
קדושים — זאָלסט אין גיכען ווערן א קדוש!
אמור — אז דוא ווערסט אימיצען זאָגען א דעה, זאָל האבען פונקט וויא דער הונד בילט!
בחוקתי — דיא תוכחה פון בחוקתי זאל אויף דיר מקויים ווערן!
במדבר — דיא כת לצנים זאָלען דיך פארפיהרען אין א מדבר!
נשא — מען זאָל דיך ארויפהויבען אויפ׳ן טהרה ברעט!
בהעלותך — ליכט זאָל מען שוין אָנצינדען נאך דיין קאָפּ
שלח — שיקען זאל איך שוין צו דיר דעם קברות מאַן!
קרח — איינגעזונקען זאָלסטו ווערן וויא קרח!
חקת — פאר יעדער געזעץ, וואס דוא ביזט עובר, זאָלסטו קריגען פעטש מן השמים!

בלק — וואס בלק האט געוואונשען דיא אידעו זאָל פאַללען אויף דיין ראש!

פנחס — גאָט זאל דיר צושיקען א פנחס, וואס זאל דיר ארויפנעהמען אויף א שפּיעז, ווען ער וועט דיך טרעפען ביי דיין דאברוסקען!

מטות — זאָלסטו געהן אויף שטעקענס!

מסעי — זאָל מען דיך אויסציהען אויף טאָרטורעס!

דברים — ריידען זאָלסטו פון היטץ!

ואתחנן — בייזע קריינע זאל איך פאר דיר אויסבעטען ביי גאָט!

עקב — ווייל דוא פאָלגסט מיר ניט, זאָלסטו פאָלגען דעם מלאך המות!

ראה — זעהן זאָלסטו אויף זיך פרעה׳ס צרעת!

שפטים — דוא זאלסט נאר האבען צו טהאָן מיט דיא דושאָדושעס אין קאָורט!

כי תצא — אז דוא וועסט ארויסגעהן שנאָרען, זאָלסטו גאָרנישט קריגען!

כי תבוא — און אז דוא וועסט קומען צוריק זאָל ביי דיר זיין דיא פיסס געשוואָלען און געדראָלען!

נצבים — מען זאָל דיך בעגראָבען שטעהענדיגערהייד!

וילך — דיין גאַנצען לעבען זאָלסטו געהן אין דיא הייזער!

האזינו — גאָטוניו! הער שוין אוים מיינע בכיות און מיין צובראָכענעם נעמיטה, און נעהם שוין צו דעם כל־בו׳ניק פון מיר!

וזאת הברכה — אָט האָסטו דיר ברכות אויף א גאנץ יאָהר! הלואי, גאָטוניו, זאָל דאס אלץ אויף דיר מקויים ווערן במהרה בימינו אמן!

ע נ ד ע

אַלע כתבים פון מענדעלע מוכר ספרים,

(ש. י. אַבראַמאָוויץ).

אַלטע מעשה אָדער אַ נאַכט אין צרות, אַ בילד פון אידישען לעבען אין דער ליטא, 80 זייטען 10

ווינש פינגעריל, אַ מתנה פאַר דיא ליעבע יודישע קינדער, 144 זייטען..........15

דיא טאַקסע אָדער דיא שטאָדט בעלי טובות. אַ מייסטערהאַפטע קריטיק איבער דעם אידישען צושטאַנד אין רוסלאַנד, אין דער צייט ווען אידען האבען זיך אָהן אַ טאַקסע ניט גע־קענט בעגעהן, 100 זייטען........................15

יודעל. אַ ספור המעשה אין שירים. אין דיעזע ווערק איז אָבראַמאָוויץ דורכגעגאַנגען דיא גאַנצע יודישע געשיכטע פון אָנפאַנג ביז היינטיגען טאָג, 128 זייטען 15

ישראליק דער משוגענער. אַ מייסטערהאַפטע קריטיק איבער דיא לעצטע פאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד..........................5

פישקע דער קרומער. אַ מעשה פון אָרימע יודישע לייט, דאָס איז אַבראַמאָוויץ'עס ערשטע קונסט ־יערק, מיט וועלכע ער האט זיך בעריהמט געמאַכט, 176 זייטען........15

דער פריזיוו. אַ דראַמאַ אין 5 אַקטען, 112 זייטען........................15

דיא קליאַטשע אָדער צער בעלי החיים. דאָס איז דיא בעסטע מייסטערווערק וואָס איז אַרויס פון אַבראַמאָוויץ'עס פעדער און האָט געמאַכט אַ שטורם צווישען דעם לעזע־פובליקום אין דער גאַנצער וועלט. „דיא קליאַטשע" איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין אַללע וועלט־שפּראַכען און ווערט גערעכענט פיר אַ ליטעראַרישען אוצר אין דער גאַנצער וועלט ליטעראַ־טור, 128 זייטען........................15

דאס קליין מענשעלע. אַ מייסטערהאַפטע ווערק וועלכע איז פול מיט וויטץ, הומאָר, אונד שאַרפזינן אונד דערביי איז עס אַ גוואַלדיגע קריטיק איבער דיא אידישע שטאָדט־בעלי־טובות, רעדעל־פיהרער אונד סתם בעלי־צדקות אונד גוטע אידען פון רוסלאַנד..........15

א רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען, וויא ער איז אויף זיינע נסיעות פער־גאַנגען גאַנץ וועיט, אַז אוגטער דיא הרי חושך, און האט זיך געגוב אָנגעזעהן און אָנגעהערט חידושים, שעהנע זאַכען, וועלכע זיינען זעהר אינטערעסאַנט צו לעזען..........10

שלמה ר' חיים'ס. אַ שילדערונג פון אידישען לעבען אין דער ליטא. וועלכע איז זעהר אינטערעסאַנט, שפּאַנענד און בעלעהרענד, און ווערט גערעכענט פיר איינע פון דיא בעסטע ווערק וואָס מענדעלע מוכר ספרים האט אין דער לעצטער צייט אַרויסגעגעבען, 80 זייטען........................10

גראף לעא טאלסטאי'ס ווערקע:

בעארבייטעט אין אידיש פון ד. מ. הערמאלין.

איוואן איליטש'עס טויט. א שילדערונג איבער דעם איבערגאנג פון לעבען צום טויט, וואס מען דענקט און פיהלט אין דיא לעצטע מינוטען פון לעבען, 96 זייטען.......10

איוואן דער נאר. דיעזער בוך שילדערט פאר אונז אזא בילד, וועלכעס עפענט אויף אונזערע אויגען צו זעהן א נייע וועלט מיט נייע מענשען, 36 זייטען............. ... 3

איך און מיין מאן. א שילדערונג איבער דער אונגלייכהייט אין פערהייראטהעטען לעבען, און וועלכע הייראטן עס פיהרט צו גליק, און וועלכע צו אונגליק, 96 זייטען......10

אננא קארענינא. א שילדערונג איבער דיא ליידענשאפט פין א יונגע שעהנע פרוי, ווען זיא פאלט אריין צו אן עלטערן אבגעלעבטען מאן און פערליעבט זיך ענדליך אין א פרעמדען יונגען און שעהנעם מאן, וויא אזוי זיא ליעבט, ליידעט, געניסט פון איהר רייז און פאלט ענדליך אלס אפפער פון דער ביטערער שלאנג — אייפערזוכט, 192 זייטען.......25

טאלסטאי'ס ביאגראפיע. א בעשרייבונג איבער זיין לעבען, ווירקען און איינפלוס איבער זיינע מיטמענשען, מיט א ביילאגע פון זיין בילד, 32 זייטען.......... 3

מיין וידוי. א שילדערונג, צו וועלכען צוועק מענשען זיינען בעשאפען געווארען לעבען אויף דער וועלט און ליידען צרות, 80 זייטען.................................10

מיין פריינד'ס פרוי. א שילדערונג איבער דיא געמיינהייט און פערדארבענהייט וואס פאלשע ליעבע קען ארויסברייגגען, 96 זייטען...........................10

דער נסיון. א שילדערונג איבער דעם קאמפף פון אנשטאנד מיט אויסגעלאסענהייט, פון מאראל מיט פערדארבענהייט, און פון עדעלען מענער־מוטה מיט ערניעדריגטער פרויען־שוואכקייט, 96 זייטען 10

פאליקושקא. א בילד פון דעם בויערישען לעבען אין רוסלאנד, זיין לעבען און שטרע־בען, זיין גליק און אונגליק, 96 זייטען 10

דיא פערפיהרונג. א שילדערונג איבער אזא סארט לעבען, וואס איז פיל מיט מענש־ליכער אויסגעלאסענהייט און פערדארבענהייט, 96 זייטען.........................10

דיא צווייא דורות. א שילדערונג פון דעם רוסישען לעבען. איבער זייער אונטערהאלט, בעלער, חתונות, ציגיינער טענץ און קארטען־שפיעל, 96 זייטען...........10

דיא קרייצער סאנאטא. א שילדערונג איבער דער פערדארבענהייט אין פערהייראטה־עטען לעבען. עס ווערט בעוויזען מיט פאקטען, אז קיין אמת'ע ליעבע עקסיסטירט גאר ניט אין דער מענשהייט, עס איז נור בלויז ליידענשאפט, פאלשקייט און בעטרוג, 96 זייטען....10

קריעג און פריעדען. אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט דער בלוטיגער יאהר 1812, ווען נאפאלעאן האט איינגענומען גאנץ אייראפא, דיא מפלה פון דעם גרויסען קריעגס־העלד אין מאסקווא, און דיא גאנצע פאליטיק פון אייראפא צו יענער צייט. דאס איז דער גרעסטער און בעסטער ראמאן וואס גראף טאלסטאי האט געשריבען, 448 זייטען..............50

תחית המתים. א שילדערונג, וויא איין אלטער בעל־עבירה'ניק ווערט א בעל־תשובה און וויל גוט מאכען זיין פעהלער וואס ער האט געמאכט אין זיין יוגענד, 128 זייטען.....15

עמיל זאלא'ס קלאסישע ווערקע.

בעארבייטעט אין אידיש פון

ד. מ. הערמאלין און אנדערע בעריהמטע אידישע שרייבער.

בלוטיגע חתונה אדער דיא שלאכט ביי ד״ר מיהל. א מייסטערהאפטע שילדערונג איבער דיא שרעקליכקייטען פון א מלחמה, 96 זייטען.......... 10

א גלח׳ס זינד. א שילדערונג איבער דיא העכסטע ליעבעס־געפיהל אין דעם קאמפף מיט דיא פינסטערע געדאנקען, 96 זייטען.......... 10

דיא דארפס־מיידעל. א רעאליסטישע שילדערונג איבער מעדכען־אונשולד און מענער פערדארבענהייט, 96 זייטען.......... 10

דער ווייבערשער גן־עדן. דאס איז א בוך וואס האט געמאכט דעם גרעסטען סענזאציאן אין אללע וועלט־שפראכען און איז פערקויפט געווארען אין דיא הונדערט־טויזענדע עקזעמפלארען. צו שרייבען דעם אינהאלט פון דעם בוך איז איבעריג, ווייל פון דעם נאמען אליין קען מען זיך מערקען וואס עס ווערט דארט בעהאנדעלט, 192 זייטען.......... 25

זשערמינאל אדער נאנאס ברודער. אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט נאטור־טרייא דאס לעבען און ווירקען פון דער ארבייטער־קלאסע און דער קאמפף פיר זייער עקזיסטענץ. דאס איז דער גרעסטער און בעסטער ראמאן וואס עמיל זאלא האט אויפגעשריבען, אין 6 טהייל, 350 זייטען.......... 40

טויט־שלעגער אדער נאנאס מוטער. אין דיזען בוך ווערט געשילדערט וויא אזוי „נאנא“ וועלכע איז געוועזן איין איינפאכע מיידעל פון פראסטע עלטערן, איז געקומען צו דער שטופע פון א בלענדענדער וועלט־דאמע, 224 זייטען.......... 30

דיא ליעבעס־נאכט. דיעזער בוך דעקט אפ דעם שלייער פון דיא פרומע נשמות פון דער אריסטאקראטיע און צייגט אונז וויא אונטער דער מאסקע פון רעליגיאן ליעגט בעהאלטען א וועלט מיט שמוטץ, אויסגעלאסענהייט און פערדארבענהייט, 96 זייטען.......... 10

לעבען און טויט. א שילדערונג איבער דיא געפיהלע פון היהנער־פלעט און וויא עס שמעקט בעגראבען צו ווערען לעבעדיגערהייט, 96 זייטען.......... 10

דיא מענשליכע בעסטיעס. אין דיעזען בוך צייגט אונז עמיל זאלא דיא בעסטיע אין מענשען־גשטאלט, דיא בלוט בעפלעקטע הענד פון פראנקרייך׳ס פאלק און דיא מיט שמוטץ און עקעלהאפטע מאסקע וואס פראנקרייך׳ס גרויסע לייטע טראגען, 128 זייטען.......... 15

נאנא. א שילדערונג פון א געפאלענע פרויענצימער וועלכע מאכט דורך אללע שטופען פון אן אויסגעלאסענעם לעבען, אנגעפאנגען פון אן איינפאכען שטראסען־מיידעל ביז א בלענדענדע וועלט־דאמע, פיר וועלכע פירסטען, פרינצען, גראפען און באנקירען פאלען צו איהרע פיס ווען זייא קומען מיט איהר אין בעריהרונג, 272 זייטען.......... 35

נאנטאס אדער דער געקויפטער מאן. א שילדערונג וויא אזוי א יונגע און וואונדערשעהנע מיידכען איז געפאלען צו דער געמיינהייט פון א פערפיהרער, 96 זייטען.......... 10

פערגיפטעטער קוס. א שילדערונג וועלכע איז אינטערעסאנט, שפאנענד און ריהרענד און ווערט גערעכענט פיר איינע פון דיא בעסטע ווערק וואס זאלא האט געשריבען, 192 זייטען..25

דיא פאריזער דאמען. אין דיעזען בוך עפענט עמיל זאלא דיא אויגען פון פיעלע דומע מענער, וואס בעהויפטען אז אונטער טויזענד פרויען גיבט קיין איינציגע א רעכטע. צו זעהן גראדע דעם געגענטהייל, אז אונטער טויזענד פרויען קען מען געפינען א סך רעכטע· וועהרענד אונטער טויזענד מענער קען מען ניט געפינען קיין איינציגען א רעכטען. 96 זייטען..10

פון חופה צום קבר. אין דיעזען בוך ווערט בעשריעבען דיא גרויסע וועלט שטאדט פאריז אין איהרע ריכטיגע פארבען, דיא דונקעלסטע פלעטצער, וויא אויך דיא רייכסטע סאלאנען וואו דיא שטאלצע אריסטאקראטען, מיט זייער גאנצער פערדארבענהייט, טהוען אפ דיא שענד־ליכסטע געוואלד טהאטען, 96 זייטען..10

פרויען־ליעבע. א שילדערונג איבער דיא געפיהלע פון א פרויענצימער און דיא אנציהונגען צו איהר מאן וועלכע אונטערליעגען מערקווירדיגע וועקסלונגען. דער געניאלער עמיל זאלא בעוויזט וויא אזוי א פרויענציצער איז אימשטאנדע צו ליעבען ניט נאר איין מאן, עס איז אונגעפעהר א בילד פון פאליאנדריע, (פיעל מענערייא,) גראדע וויא עס איז אין פאליגאמיע (פיעל ווייבערייא,) 96 זייטען..10

וויטצען ביכער.

אמעריקאנער וויטצלינג ענטהאלט 116 שעהנע וויטצען, זעהר סאטיריש צום לאכען. 48 זייטען..5

אנעקדאטען בוך. ענטהאלט 220 זעהר שעהנע וויטצען צום לאכען און פערגניגען צום מאכען, פון מ. קוקילשטיין, 64 זייטען..5

הערשעלע אסטראפאליער דער וועלט־בעריהמטער וויצלינג, בעשריעבען זיינע אנעקדא־טען, סצענעס און שטוקעס וואס ער האט אבגעטהאן אין זיין לעבען, אין 3 טהייל, 128 זייטען..10

וויטצען אלבום. א זאמלונג פון גאנץ נייע אנעקדאטען, וויטצען, שפיצען און הומאריסטישע מעשה׳ליך מיט איללוסטראציאנען, עכט קאמישע אידישע בילדער, 160 זייטען..15

חייקיל דער לץ אדער דער בעריהמטער וויצלינג, פון מ. קרוין, 64 זייטען..5

מאדקע חבד. וויטצען, שפיטצען, הוקעס און שטוקעס וואס ער האט אבגעטהאן. 180 וויטצען צום אמוזירען, 64 זייטען..5

שייקע פייפער. ענטהאלט וואונדער שעהנע וויטצען, מעשיות פון משוגעים און תורת פון גוטע אידען, 64 זייטען..5

טהעאַטער שטיקע (פּיעסען).

יעדע טהעאַטער שטיק ענטהאַלט אַלעס וואס ווערט געשפּראָכען אונד געזינגען אויף דער אידישער ביהנע מיט אַלע איינצעלהייטען, וויא דאס שטיק ווערט אויפּ־געפיהרט אונד צוזאַמענגעשטעלט, ווען איהר לעזט דיעזע טהעאַטער שטיקע אין בוך־פאָרם דוכט זיך אייך אַז איהר זיצט אין טהעאַטער אונד לעבענדיגע פּערזאָנען רעדען פיר אייך.

אחשורוש אָדער קעניגין אסתר. ביבלישע אָפּערעטע אין 3 אַקטען, פון אַ. גאָלדפאַדען. 48 זייטען.......... 10

באָבע מיט'ן אייניקעל אָדער באָנצע דיא קנייטלעכלייגערין, מעלאָדראַמאַ אין 3 אַקטען מיט געזאַנג, פון אַ. גאָלדפאַדען, 42 זייטען.......... 10

ביידע קוני־לעמיל אָדער דער פאַנאַטיק. אָפּערעטא אין 4 אַקטען און אין 8 בילדער, פון אַ. גאָלדפאַדען, 64 זייטען.......... 10

בר כוכבא אָדער דיא לעצטע טעג פון ירושלים. אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמאַ אין ריימען, אין 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג אין 14 בילדער, פון אַ. גאָלדפאַדען, 80 זייטען.......... 10

דאָקטאָר אַלמאַסאַדא אָדער דיא אידען אין פּאַלערמאָ, היסטאָרישע אָפּערעטא אין 5 אַקטען און אין 11 בילדער, פון אַ. גאָלדפאַדען, 62 זייטען.......... 10

כשופמאַכערין (צויבערין). אָפּערעטא אין 5 אַקטען און אין 8 בילדער, פון אַ. גאָלד־פאַדען, 66 זייטען.......... 10

מליץ יושר אָדער רבי יאָזעלמאַן, אַ היסטאָרישע אָפּערא פון דיא גזרות פון עלזאַס, אין 5 אַקטען און 23 בילדער, פון אַ. גאָלדפאַדען, 80 זייטען.......... 10

קבצנזאָהן עט הונגערמאַן אָדער דיא קאַפּריזנע כלה־מויד, מעלאָדראַמאַ אין 4 אַקטען און אין 5 בילדער, פון אַ. גאָלדפאַדען, 48 זייטען.......... 10

שולמית אַדער בת־ירושלים. א מוזיקאַלישע מעלאָדראַמאַ אין ריימען, אין 4 אַקטען און אין 15 בילדער, פון אַ. גאָלדפאַדען, 64 זייטען.......... 10

קאָקעטע דאַמען. אַ קאָמעדיע אי 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג, פון נ. מ. שייקעוויטש (שמ"ר), 80 זייטען.......... 10

שפּאַנישע אינקוויזיציאָן. אַ טראַגעדיע אין 5 אַקטען, פון נ. מ. שייקעוויטש (שמ"ר), 80 זייטען.......... 10

אידישע מוזיק פיר פּיאַנאָ אונד וויאָלין

פון דיא פּאָפּולערסטע אידישע אָפּעראַ'ס אונד סקאַרבאָווע נגונים.

אחשורוש. פון אַ. גאָלדפאַדען, אַרראַנזשירט פיר פּיאַנאָ בייא ה. א. רוססאָטטאָ. קאָמפּליט אין 5 בויגען:

1טער בויגען: אויפצוג ביי'ם קעניג. האָפּדאַמען בייא דער קעניגין. אסתר'ס קרוינונג.

2טער בויגען: אסתר'ס סאָלאָ. האָכצייט'ס פּאַראַדע דער קעניגין. יאַנקעלע געהט אין שוהל אַריין (געזאַנג און פּיאַנאָ).

3טער בויגען: קלאַגע ליעד פון מרדכי. געבעט ליעד אין שוהל. קעניגין אסתר'ס ביטטע.

4טער בויגען: אסתר'ס פּאָרדערונג ביי'ם קעניג. כאָהר שטערנזעהער. שטערנזעהער סאָלאָ.

5טער בויגען: קעניגין ערצעהלט איהרע אַבשטאַמונג. קופּלעט פון המן'ס אינגסטען זוהן. יועט מרדכי און אסתר. פּרייז פון יעדען בויגען 20ס. אַללע 5 בויגען צוזאַמען......1.00

אחשורוש דיטאָ פיר וויאָלין. דיא גאַנצע אָפּעראַ אין 2 בויגען, פּרייז פון יעדען בויגען 20ס.ביידע צוזאַמען..............................40

אידישע חתונה, פיר פּיאַנאָ, פון ה. א. שאַפּירא. 1—גוטע וואָך, 2—זמירות, 3—חתן'מאל וואַלצער, 4—פּאָלקאַ, 5—קוואַדריל, 6—קאַזאַצקא, 7—ברוגז טאַנץ, 8—שערעלע, 9—דאָברידזען, 10—צום באַדעקונס, 11—כלה באַזעטצענעס, 12—צו דער חופּה, 13—אונטער דער חופּה, 14—פון דער חופּה, 15—צו דער וועטשערע, 16—קאַראַהאָד, 17—גוטע נאַכט. דיעזע 17 נומערען מוזיק איז איינגעטהיילט אין 5 בויגען, פּרייז פון יעדען בויגען 20 סענט. אַללע 5 בויגען צוזאַמען..............................1.00

אידישע חתונה דיטאָ פיר וויאָלין, דיא גאַנצע אָפּערא קאָמפּליט אין 1 בוך. לייכט אַרראַנזשירט..............................50

בית דוד מארטש פיר פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא ה. קראָלל..............20

בית דוד מארטש פיר וויאָלין, אַרראַנזשירט בייא ה. קראָלל..............20

בליהמעלע מאַרטש פיר פּיאַנאָ, פון זיגמונד מאַגולעסקאָ..............20

בליהמעלע און כוזרי מאַרטשעס פיר וויאָלין, פון זיגמונד מאַגולעסקאָ..........20

בן הדור, פון פּראָפ. הורוויץ, אַרראַנזשירט פיר פּיאַנאָ בייא פּערלמוטטער און וואָהל. 1—דיא פאַנטאַזיע ליעד, 2—דער קאָמישער טערצעט, 3—בן הדור מאַרטש..............35

בן הדור דיטאָ פיר וויאָלין,..............................20

בר כוכבא פון א. גאלדפאדען, אררא‌נזשירט פיר פיאנא בייא ה. א. רוססאטטא, קאמפליט אין 10 בויגען.

1טער בויגען: רבי אליעזר המודעי׳ס קינות, קלאג פון ציון׳ס טעכטער.

2טער בויגען: דועט פון בר כוכבא און דינה.

3טער בויגען: מיר בעגריסען דיך ירושלים, דיא נקמה פון פאפוס.

4טער בויגען: מארטש פון בר כוכבא׳ס קרוינונג.

5טער בויגען: כאָהר פאר׳ן צעזאר.

6טער בויגען: דועט פון אליעזר און דינה.

7טער בויגען: דינה׳ס געבעט ליעד בײ׳ן צעזאר, בר כוכבא׳ס זיעגעס ליעד.

8טער בויגען: בר כוכבא צווישען ווילדע טהיערע, דאס מיהלכעלע.

9טער בויגען: שלאף ליעד, גאטעניו.

10טער בויגען: דאס פאסטוכעל, וועכטער ליעד, דער שטילער מארש.

פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט. אללע 10 בויגען צוזאמען 2.00

בר כוכבא סימפליפאיד דיא גאנצע אפערא פיר פיאנא קאמפליט אין איין בוך, ספעציעל פיר קינדער אונד אנפאנגער מיט איניגע ליעדער אין ווערטער. לייכט אררא‌נזשירט 1.00

בר כוכבא פיר וויאלין דיא גאנצע אפערא אין 3 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען 20ס. אללע 3 בויגען צוזאמען 10

בראש השנה פיר געזאנג אונד פיאנא אררא‌נזשירט בייא רעוורענד יאאכים קוראנטמאן 35

ברכת כהנים פיר געזאנג אונד פיאנא אררא‌נזשירט בייא רעוורענד יאאכים קוראנטמאן 35

ברכת כהנים פיר וויאלין אררא‌נזשירט בייא רעוורענד יאאכים קוראנטמאן........ 20

גאלדפאדען׳ס ליעדער פיר וויאלין. 1. יאנקעלע געהט אין שוהל אריין. 2. השיבנו נאזאד. 3. שטעה אויף מיין פאלק. 4. שלאף ליעד פון „עקידת יצחק“. 5. דאס פינטעלע פון „אידישען פויסט“. 6. דאס חתונה פון „אידישען פויסט“ 20

געהעטא ליעדער פיר פיאנא אונד וויאלין מיט ווערטער, פון י. ריינגאלד. 1. וואס וועט זיין דער סוף? 2. דער עמיגראנט. 3. בייא דער בייבי׳ס וויגעלע. 4. ווען איך וואלט פערשטאנען. 5. יענע ליעדער וועלכע קלינגען 35

גיהנום און גן עדן, פון א. גאלדפאדען, פיר פיאנא, ארר. בייא ה. א. רוססאטטא, אין 2 בויגען.

1טער בויגען: קווארטעט (דיא 4 חסידים)

2טער בויגען: דועט (דער חסיד מיט׳ן דייטש) השיבנו נאזאד.

פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט. ביידע צוזאמען 40

דוד'ס פיעדעלע פון ז. מאגולעסקא, פיר פיאנא, אראנזשירט בייא ה. א. רוססאטטא
1. דאס קריגעלע. 2. דיא 4 חשידים. 3. נח'ס שכור ליעד. 4. דור הולך ודור בא....35

דוד'ס פיעדעלע דיטא פיר וויאלין..............................20

דרייפוס מארטש, פיר פיאנא, פון ה. א. רוססאטטא....................20

דרייפוס מארטש, פיר וויאלין, פון ה. א. רוססאטטא....................20

המן דער צווייטער, מארטש, פיר פיאנא, פון זיגמונד מאגולעסקא, אראנזשירט בייא ה. א. רוססאטטא..........................20

המן דער צווייטער דיטא, וואלטץ („אל שדי״)....................20

המן דער צווייטער דיטא, פיר וויאלין, מארטש אונד וואלטץ..........20

וואס וועט זיין דער סוף? מיט ווערטער, פון יצחק רייגגאלד, פיר פיאנא אונד וויאלין..............................10

אויף'ס ווידערזעהן, מיט ווערטער, פון יצחק רייגגאלד, פיר פיאנא אונד וויאלין..10

חורבן ירושלים און ציון מארטש, פיר פיאנא, אראנזשירט בייא ה. א. רוססאטטא,
1. ביים קעניג צדקיהו, 2. הורבן ירושלים, 3. קאהר פון דיא רוימער, 4. נפלה עטרת ראשי (ירמיהו סאלא), 5. בייא דעם כותל המערבי, 6. קינות (ווארטע אונד מוזיק), 7. אלי ציון (ווארטע אונד מוזיק) 8. גדליהו (דועט) 9. שבת נחמו, 10. ציון מארטש (ווארטע אונד מוזיק)..............................75

חורבן ירושלים און ציון מארטש דיטא פיר וויאלין....................35

יודישער מארטירער (ישיבה בחור) מארטש, פיר פיאנא, פון לואיס פריעדזעל....20

יודישער מארטירער (ישיבה בחור) מארטש, פיר וויאלין, פון לואיס פריעדזעל....20

יום כפור בייא נאכט, פיר פיאנא, פון י. ב. ארענשטיין....................35

יוסף מיט דיא ברידער, פון א. צונזער, פיר פיאנא, אראנזשירט בייא ה. א. רוססאטטא קאמפליט אין 3 בויגען.

1טער בויגען: ערשטער פאסטוכער כאהר, ערשטער וואנדערער, געזאנג און אל רחום (מיט ווערטער).

2טער בויגען: טערקישער כאהר, כאהר און יעקב סאלא, אך וואו ביסט דוא, און יוסף סאלא.

3טער בויגען: יוסף אין קערקער סאלא, און בנימין סאלא, עס לעבע דער קעניג (מיט ווערטער). פרייז פון יעדען בויגען 35 סענט. אללע 3 בויגען צוזאמען $1.00

יוסף מיט דיא ברידער דיטא, פיר וויאלין, אין 2 בויגען....................40

יציאת מצרים, פון פראפעססאר הורוויץ, אראנזשירט פיר פיאנא, מוזיק פון פערל־מוטער און וואהל, אין 3 בויגען.

1טער בויגען: דיא נבואה און התונה האבען (מיט ווערטער).

2טער בויגען: דאס גלות ליעד, דער שטעקען, און צרות איז קיין דאגה ניט.

3טער בויגען: עשר מכות כאהר און יציאת מצרים מארטש.

פרייז פון יעדען בויגען 20ס. אללע 3 בויגען צוזאמען..............................50

יציאת מצרים דיטא פיר וויאלין..............................35

בוזרי, מאַרטש פיר פּיאַנאָ, פון ז. מאָגולעסקאָ.................... 20

כל נדרי, דער אָריגינעלער אָרטהאָדאָקסישער סקאַרבאָווער „כל נדרי“ פיר פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ.................... 20

כל נדרי דיטאָ פיר וויאָלין.................... 20

דאס ליעבעלע פון דיא „עקידה“ פיר פּיאַנאָ, פון זיגמונד מאָגולעסקאָ.......... 15

מאָגולעסקאָ'ס ליעדער פיר וויאָלין. 1. מאַרטש פון דיא „עקידה“, 2. דאס ליעבעלע, 3. מן המצר פון „בליהמעלע“, 4. אליעזר'ס קינדער־ליעד פון „עקידת יצחק“.......... 20

מאָגולעסקאָ'ס תחית המתים. אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ, פיר פּיאַנאָ, 1. מזל טוב, 2. מאַן און ווייב, 3. אַ ברית, 4. כשר און טריפה.................... 35

מאָגולעסקאָ'ס תחית המתים דיטאָ פיר וויאָלין.................... 20

מאָררים ראָזענפעלד'ס ליעדער, אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ, פיר פּיאַנאָ און געזאַנג, מיט דיא ווערטער. 1. אברהמעלע, 2. אחדות, 3. אַ יוד בין איך, 4. אַרבייטער ראָמאַן, 5. אלול מעלאָדיעס.................... 75

מזמור לדוד, פון יעקב גאָרדין'ס מייסטערהאַפטע דראַמאַ „גאָטט, מענש אונד טייפעל“ אַרראַנזשירט פיר פּיאַנאָ אונד וויאָלין, פון מ. בראָדי, קאָמפּליט אין 1 בוך.......... 20

מיינע געפיהלע, מיט ווערטער, פון י. רייגגאָלד, פיר פּיאַנאָ אונד וויאָלין.......... 10

מליץ יושר, פון א. גאָלדפאַדען, פיר פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא ה. אַ. רוססאָטטאָ, אין 3 בויגען.

1טער בויגען: דיא מאָראַל, עס דרימעלט ניט דער וועכטער.

2טער בויגען: וואַלטץ.

3טער בויגען: גאָטטעס וואונדער.

פּרייז פון יעדען בויגען 20 סענט. אַללע 3 בויגען צוזאַמען.................... 60

מן המצר פון „בליהמעלע“ אונד אליעזר'ס קינדער־ליעד, פון ז. מאָגולעסקאָ, פיר פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ.................... 20

ונתנה תוקף פיר געזאַנג און פּיאַנאָ, פון רעווערענד יאָאַכים קוראַנטמאַן.......... 35

ונתנה תוקף אין בראש השנה, פיר וויאָלין, פון רעווערענד יאָאַכים קוראַנטמאַן.... 20

סקאַרבאָווע נגונים פיר פּיאַנאָ, פון ל. פריעדבערג. 1. והכהנים, 2. ברכו, 3. קדיש בעפאָר נעילה, 4. טל.................... 20

סקאַרבאָווע נגונים דיטאָ פיר וויאָלין.................... 20

עקידה מאַרטש פיר פּיאַנאָ, פון ז. מאָגולעסקאָ.................... 20

עקידת יצחק, פון אַ. גאָלדפאַדען, פיר פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא ה. אַ. רוססאָטטאָ. 1. יצחק'ס ליעד פון נח'ס תבה, 2. שרה און אברהם, 3. שלאָף־ליעד.......... 20

פּאַטפּארי, אַ צוזאַמענמישונג פון דיא בעסטע אידישע אָפּעראַס. צוזאַמען געקליעבען אונד אַרראַנזשירט פיר פּיאַנאָ בייא ה. א. רוססאָטטאָ, קאָמפּליט אין 1 בוך..........75

פּאַטפּארי דיטאָ פיר וויאָלין..........35

פּעקעלע און חכמת נשים פיר פּיאַנאָ, פון זיגמונד מאָגולעסקאָ..........20

פּעקעלע און חכמת נשים פיר וויאָלין, פון זיגמונד מאָגולעסקאָ..........20

פערבלאָנזעטע נשמה, מוזיק פון ז. מאָגולעסקאָ, פיר פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא ה. אַ. רוססאָטטאָ, קאָמפּליט אין 1 בוך..........75

פערבלאָנזעטע נשמה דיטאָ פיר וויאָלין..........35

פעריאָמערט פערקלאָגט, פיר פּיאַנאָ, פון אַ. גאָלדפאַדען, מיט דיא ווערטער אין אידיש און ענגליש..........15

פעריאָמערט פערקלאָגט פיר וויאָלין, פון אַ. גאָלדפאַדען, מיט דיא ווערטער אין ענגליש..........15

צווייא תנאים, פון פּראָפ. הורוויץ, פיר פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא פערלמוטעד אונד וואָהל. 1. דיא תורה, 2. רוויבער־כאָהר, 3. צוריק אַהיים, 4. דאס איז אמת, 5. ביזט מיין מתנה, 6. גאָלד פּאַלמען מאַרטש..........50

צווייא תנאים דיטאָ פיר וויאָלין..........20

דיא צויבערין (דיא כשופמאַכערין) פון אַ. גאָלדפאַדען, פיר פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ. 1. מירעלע׳ס געבורטסטאָג, 2. האָצמאַך (דיא פאַלשע וועלט) 3. דאס בלינדע שפּיעל, 4. עלענד בין איך וויא אַ בוימעלע, 5. דער מאַרק, 6. הייסע באָבקעלאַך, 7. דער קצב, 8. אידען בני רחמנים, 9. מאַרקוס סאָלאָ (ענטפּער מיר פייגעל) 10. געזאַנג בייא דער צויבערין, 11. ראמאנס מירעלע (דיא יתומה), 12. פּתח שין שאַ, 13. דיא טערקען (קויפט, קויפט דייטשעלאַך), 14. האָצמאַך, קופּלעט, 15. מירעלע׳ס ערקלערונג (דיא בת יהודה). דיא גאַנצע אָפּעראַ פאָלשטענדיג אין 1 בוך..........75

דיא צויבערין דיטאָ פיר וויאָלין..........35

צ׳נזער׳ס צעהן פאָלקס־ליעדער פיר געזאַנג אונד פּיאַנאָ, אַרראַנזשירט בייא ה. א. רוססאָטטאָ, 1. דער פעדלער, 2. פון הימעל צו ד׳רערד, 3. המהפכה, (דער קריזיס) 4. דער אידישער דיכטער, 5. דאָס גאָלדענע לאַנד, 6. דאָס אונשטערבליכע פאָלק, 7. דיא לבנה, 8. שולמית, 9 אַ בריעף פון דער מוטער ציון, 10. אויף דיין אַלטען וועג. אַלעס צוזאַמען אין 1 בוך..........1.00

צונזער׳ס פאָלקס־ליעדער דיטא פיר וויאָלין..........50

צונזער׳ס פאלקס־ליעדער פיר פּיאנא, בלויז דער פעדלער אונד דאָס גאָלדענע לאַנד..........20

קישינאוו, פון פּראָפעסאָר הורוויץ, פיר פּיאַנא, אַרראַנזשירט בייא פערלמוטער אונד וואָהל..........20

יודישער-קעניג ליער, פיר פיאנא, אררענזשירט בייא ה. א. רוססאטטא, 1. דער קדיש (אל תירא עבדי יעקב), 2. אודה לאל, 3. קופלעט שמאי, 4. הסידים טאנץ....20

יודישער קעניג ליער דיטא פיר וויאלין.........................20

שולמית, פון א. גאלדפאדען, פיר פיאנא, אררענזשירט בייא ה. א. רוססאטטא, קאמפליט אין 12 בויגען:

1טער בויגען: עולי רגל מארטש אין ירושלים.

2טער בויגען: יברכך, דיא פערבלאנדזשעטע אין מדבר.

3טער בויגען: ראזשענקעס מיט מאנדלען,ביים ברונען.

4טער בויגען: אבשלום ביים ברונען.

5טער בויגען: דועט פון שולמית און אבשלום, דיא שבועה, דיא פאסטוכער כאהר.

6טער בויגען: דער אריענטאלישער טאנץ, קום זשע בחור פוינער, ציגנעטאנג.

7טער בויגען: שבת, יום טוב און ראש חדש, דיא דרייא חתנים.

8טער בויגען: דער גורל, קאטץ און ברונען.

9טער בויגען: שולמית אלס וואהנזיניגע, דועט פון שולמית און מנוח,

10טער בויגען: דאס אונגליק פוןביידע קינדער, פלאקער פייערל.

11טער בויגען: גאטט זעה אליין, דוד מלך ישראל, (פאן דיא צוויגען דיא פידעלאך).

12טער בויגען: דאס געזאנג און בית המקדש.

פרייז פון יעדען בויגען 20ס. אללע 12 בויגען צוזאמען..............2.40

שולמית סימפליפאיד דיא גאנצע אפערא פיר פיאנא, קאמפליט אין 1 בוך, לייכט ארי-נזשירט, ספעציעל פיר קינדער אונד אנפאנגער.........................1.00

שולמית, פון א. גאלדפאדען, פיר וויאלין, דיא גאנצע אפערא קאמפליט אין 3 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען 20ס. אללע 3 בויגען צוזאמען......................60

שלמה המלך, פון ז. מאגולעסקא, פיר פיאנא, אררענזשירט בייא ה. א. רוססאטטא, קאמפליט אין 4 בויגען.

1טער בויגען: טריאומף-צוג צו דעם קעניג, דועט סאלאמאן און שולמית, דיא פאסטוכער געזאנג, דיא ליעבע, קאמישער געזאנג און טאנץ, דיא דרשה.

2טער בויגען: קאמישער קופלעט, דיא ליעבע פון ציון, שולמית פאלאנייס, דיא פאסטוכער.

3טער בויגען: ראמאן בעגריסונג, ענדע צווייטער אקט.

4טער בויגען: דיא מיידלאך נאך דיא פאסטוכער, סאלאמאן און כאהר, טיוועל סצענע, סאלאמאן סאלא, איך בין געווען גרויס, שולמית סאלא.

פרייז פון יעדען בויגען 35ס. אללע 4 בויגען צוזאמען...............1.25

שלמה המלך דיטא פיר וויאלין אין 1 בוך.............................50

שעהנע מרים, פון ז. מאגולעסקא, פיר פיאנא, אררענזשירט בייא ה. א. רוססאטטא, 1. דאס פעקעלע 2. סאבאסטיאן סאלא, 3. דיא קינדערלאך, 4. מארטש, 5. עד מתי, 6. פינאל..35

שעהנע מרים דיטא פיר וויאלין..30